STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03228

SHRIFTEN

Baal-Makhshoves

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעל מחשבות.

(דר. עליאשעוו).

שריפטען.

באנד IV.

ווילנער פערלאג פון ב. א. קלעצקין.

ווילנער פערלאג
ב. א. קלעצקין

איבערזעצען און איבערדרוקען
אָהן דער ערלויבעניש פון מחבר
איז פערבאָטען (געזעץ פון 19
מערץ 1911).

דרוקעריי ב. א. קלעצקין,
ווילנא.

I. קריטישע שטודיעס.

דער קריטיקער.

(אָנשטאָט אַן איינלייטונג).

איטליכע יונגע ליטעראַטור, וואָס שפּרייט נאָך אָקאָרשט אויס אירע שוואַכע פליגלען, בעקומט צו אַ געוויסער צייט איהר קריטיקער, וואָס שפּילט אין איהר אַזאַ גרויסע ראָלע, צו וועלכער עס קאָנען זיך קיינמאָל נישט דערשלאָגען שפּעטערדיגע קריטיקער, ווען די דאָזיגע ליטעראַטור איז שוין אויסגעוואַקסען. מען דאַרף זיך נאָר דערמאָנען אָן דער ראָלע פון לעסינג'ן אין דער דייטשער ליטעראַטור, פון בעלינסקי'ן אין דער רוסישער, אום זיך צו מאַכען אַ השגה דערפון.

און נישט נאָר ווען די ליטעראַטור איז יונג, אויך ווען אין אַ ליטעראַטור פון אַ פאָלק הויבט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע — בעקומט דער קריטיקער, וואָס שטעהט אין איין רייה מיט די נייע טאַלאַנטען, שרייבער, דענקער און פּאָעטען, דעם הויכען פּלאַץ, צו וואָס עס דערהויבען זיך נישט די גוטע קריטיקער אין געוועהנליכען פלוס פון ליטעראַרישען לעבען.

סענט-בעוו אין פראַנקרייך, וואָס האָט געלעבט און געשריבען אין איין צייט מיט טעאָפיל גאָטיע, וויקטאָר הוגאָ, מערימע, אַלפרעד מיוסע און אַנדערע, וואָס האָבען געגרינדעט נאָך דער קלאַסישער די נייע ראָמאַנטישע שולע אין פראַנקרייך—פערנעמט ניט קיין קלענערן אָרט אין דער געשיכטע פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, ווי אַלע זיינע דערמאָנטע חברים.

אין דער לעצטער צייט אין דייטשלאַנד, ווען עס איז דאָרט אַריינגעדרונגען דער נאַטוראַליזם, רעאַליזם, אינאיינעם מיט'ן סימבאָליזם און ניי-ראָמאַנטיזם — האָבען הערמאַן באַהר און אַלפרעד

קער נישט וועניגער געהאָלפֿען, אַז די נייע גענג אין קונסט און פּאָעזיע זאָלען אַריין אין לעבען, ווי אַן אַרנאָ האָלץ, הערמאַן שלאַף, גערהאַרדט הויפּטמאַן און אַנדערע.

איטליכע זאַך האָט זיך איהר מזל, און אַפילו אַ ספר-תורה אין אָרון-קודש האָט זיך איהר מזל. נישט איטליכע ספר-תורה ווערט אַזוי אָפּט גענוצט צו דער קריאת-תורה, ווי אַן אַנדערע.

דאָסגלייכען איז מיט דעם קריטיקער. נישט איטליכער האָט אַזאַ מזל געבוירען צו ווערען אין אַזאַ צייט, ווען מען נויטיגט זיך אין איהם שטאַרק.

עס איז זעהר מעגליך, אַז חוץ ביעלינסקי'ן זיינען נאָך דאָ אין רוסלאַנד אַ סך געלערנטערע און שאַרפֿזיניגערע קריטיקער, ווי ער. זיי האָבען אָבער נישט געהאַט דעם מזל געבוירען צו ווערען אין אַ צייט, ווען דאָס יונגע בעשעפֿעניש (די נייע ליטעראַטור) האָט זיך גענויטיגט אין אַ פריינד, אין אַ שטיצע, אין אַ צערטליכער מוטער.

דען די טיפֿסטע און בעדייטענדסטע ראָלע פֿון קריטיקער צו אַלע צייטען, איז נישט אַזוי די מבינות פֿון איהם, ווי דער וואַרעמער פֿערלאַנג, אַז דאָס גוטע, נייע, פֿרישע און יונגע זאָל געפֿינען אַ סביבה פֿאַר זיך, וואו דאָס זאָל קאָנען אויפֿוואַקסען אין אַ געלינדער לופֿט און אונטער אַ ביסעל זונענשיין.

אַלע גרויסע קריטיקער אין די פֿערשיידענע ליטעראַטורען האָבען, חוץ זייערע אַנדערע מעלות, איין-איינציגע, וואָס כאַלט זיי אַזוי וויכטיג און טייער. דורך זייערע אַרטיקלען און טאַלענטפֿולע אָבהאַנדלונגען שאַפֿען זיי ביי די לעזער אַן אינטערעס צו אַ יונגער ליטעראַטור, וואָס האָט צו קעמפֿען קעגען דער גלייכגילטיגקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט.

ביעלינסקי'ס פֿערדינסט איז נישט נאָר דערין, וואָס ער האָט פֿערשטאַנען און געפֿיהלט אַ גוט קונסטווערק, נאָר וואָס ער האָט מיט דער גרעסטער ליידענשאַפֿט, מיט דער גרעסטער איבערגעבענהייט, מיט דער גרעסטער איבערצייגונגסקראַפֿט געזוכט צו צווינגען דעם לעזער צו לייענען אַ פּושקינ'ען, אַ גאָגאָל'ן, אַ דאָסטאָיעווסקי'ן, אַזעלכע שרייבער, צו וואָס דער געוועהנליכער געבילדעטער לעזער האָט נאָך נישט געהאַט קיין צוטרוי.

די קריטיקער פֿון ערשטען געבענשטען מין האָבען נישט נאָר געקריטיקירט, נאָר אויך בעשאַפֿען פֿאַר דער ליטעראַטור אַן אינטערעס אין אַזוינע קרייזען, וואו מען האָט געקוקט אויף ליטעראַטור ווי אויף אַן איבעריגער, נישט ערנסטער זאַך.

זיי זיינען געווען ווי אַמאָל דער טרומייט פֿון יריחו, וואָס האָט מיט זיין געוואַלדיגען ליידענשאַפֿטליכען קול צעבראָכען די פֿעסטונגען פֿון אינדיפֿערענטיזם ביי דעם געוועהנליכען געבילדעטען פֿון דער געזעלשאַפֿט.

זיי זיינען אויך צוגלייך געווען, ווי דער העראָלד, וואָס זאָגט אָן מיט זיין טרומייט, אַז עס פֿאָהרען די קיניגען פֿון גייסט אין דער פֿערמויערטער פֿערפֿאַנצערטער שטאָט.

לעסינג און בעלינסקי זיינען אַלס קריטיקער געווען די בעשעפֿער פֿון זייערע ליטעראַטורען, וואָס האָבען אָנגעזאָגט זייער פֿאָלק, אַז עס קומט און איז שוין דאָ אַ שילער, אַ געטע, אַ ווילאַנד, אַ פּושקין, אַ דאָסטאָיעווסקי. זיי האָבען געהאַט אַ פֿיינעם געפֿיהל פֿאַר דאָס נאַציאָנאַלע אין דער קונסט און האָבען זי בעפֿרייט פֿון די שעדליכע איינפֿלוסען (לעסינג — אין זיין קאַמף קעגען פֿראַנצויזישען פֿאַלשען איינפֿלוס); אָדער זיי האָבען בעקאַנט געמאַכט מיט די פֿרעמדע נוצליכע מוסטערן פֿון קונסט, וואָס האָבען געדאַרפֿט בערייכערן די אייגענע נאַציאָנאַלע. (בעלינסקי, אַלס אויסגעשפּראָכענער „איראָפּעער", וואָס שטעהט אַ צייט אונטער'ן פֿילאָזאָף העגעל'ס איינפֿלוס).

די קריטיקער פֿון צווייטען מין טוען אויך די אייגענע אַרבייט, כאָטש אין אַ קלענערן אופֿן, ווי די ערשטע; ווייל דער אינטערעס צו ליטעראַטור איז שוין דאָ, נאָר עס פֿעהלט דער געשמאַק פֿאַר דער נייער ווענדונג אין דער ליטעראַטור.

אויך הערמאַן באַהר, אַלפֿרעד קער האָבען געשפּילט אויפֿ'ן טרומייט צו נוצען פֿאַר דער נייער דייטשער ליטעראַטור. אויך זיי האָבען געמיהט זיך, אַז די נייע שולע זאָל געפֿינען אַ וואַרימען זוניגען אָרט אין די הערצער פֿון דייטשען לעזער. אויך זיי זיינען נישט נאָר געווען די מבינים, נאָר אויך די געטרייע איבערגעבענע מוטערס, וואָס טוליען צום האַרץ דאָס נייגעבוירענע שוואַך קינד.

דער עכטער קריטיקער איז נישט, ווי נאַאיווע מענשען מיינען,

דער שאַרפער מח מיט די קאַלטע אויגען, וואָס זעהט איטליכם שלעכט שפרענקעלע אינם ווערק פון דער קונסט, נאָר ער איז דער פערליבטער, דער איבערגעגעבענער ווילדער פריינד פון קונסט, וואָס זוכט שטענדיג צו דערלייכטערן דעם וועג פאַר'ן יונגען, פרישען טאַלענט, וועלכער לעבט נאָך אין דער קאַלטער סביבה פון אַ דור, וואָס האָט פאַר איהם קיין אויגען נישט.

נאָר נישט אַלע קריטיקער האָבען דעם מזל געבוירען צו ווערען אין אַ צייט, ווען אויפ'ן ליטעראַרישען הימעל וואַרפען זיך אַרום אַזעלכע שטערנדלעך, וואָס פאָדערן די וואַרימקייט פון אַ קריטישען האַרצען, וואָס האָט ליב דאָס נייע, פרישע און יונגע.

און ווען דער קריטיקער ווערט געבוירען אין אַ צייט פון עפּיגאָנען (גוטע נאָכמאַכערס), דאַן ווערט ער בייז און ביטער, דאַן רעדט אין איהם דאָס גיפט פון אַ מוטער, וואָס פיהלט אין זיך אַזוי פיל מוטערליבע, און גאָט האָט נישט געבענשט איהר שוים כאָטש מיט אַ האַלב טוץ קינדערלעך.

דאָס גרויסע לעזער-פובליקום איז געוועהנליך בעקענט מיט דעם פערביטערטען קריטיקער, ווייל צום מיינסט לעבט ער אין אַ צייט פון עפּיגאָנען, און האָט אַ קליינע השגה דערפון, אַז איך דער פערביטערטער קריטיקער איז שטענדיג גרייט צו זינגען דאָס ליב פון אַ יונגער, פרישער, לעבעדיגער און אָריגינעלער קונסט.

דען קריטיק איז נישט נאָר הוילע מבינות, נאָר ליבע צו קונסט.

די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע.

(אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק).

I

דער נײַער ליטעראַרישער דור גלאַנצט אפשר ניט מיט אַזוינע נעמען, ווי דער אַלטער, נאָר דערפאַר איז ער רײַכער לויט דער צאָהל פון זײַנע טאַלענטען און פילזײַטיגער לויט זײַנע פּראָבלעמען. די פּערטרעטער פון דער אַלטער ליטעראַטור געהערען צו דער השכלה־עפּאָכע. און כאָטש איטליכער פון זיי האָט זיך געמיהט אונטערצוגראָבען די אַלטע משכילישע וועלטאַנשויאונג, נאָר פונדעסטוועגען האָט זיך געפיהלט אין זיי דער טעם פון אַלטען ראַציאָנאַליזם, וואָס איז ווײַט פון יעדען סקעפּטיציזם, פון די ספקות פון אַ פערפײַנערטער נשמה.

פאַר'ן שרײַבער פון אַבראַמאָוויטש'ס, שלום־עליכם'ס, פּרצ'ס צײַטען האָט נאָך ניט עקסיסטירט די יודישע פּערזענליכקײַט. זיי האָבען דערהויפּט געהאַט נאָר צו טון מיט'ן יודען אַלס עדה, אַלס צבור, אָדער, ווי מען זאָגט הײַנט, מיט כלל ישראל.

דער הויפּט־פעלד פון אַבראַמאָוויטש'ן אָדער פון שלום־עליכם איז ניט די שילדערונג פון אַ בעזונדער אינדיווידואַליטעט אין דער סביבה פונ'ם יודישען לעבען, נאָר דער מאַסען־טיפּ פון אַ יודען אין גלות.

זיי האָבען זיך מעהר אינטערעסירט מיט'ן שורש פונ'ם יודישען בוים, איידער מיט די איינצעלנע צווײַגען זײַנע. בײַ דער שוואַכער פונאַנדערטיילונג פון דער דעמאָלטיגער יודישער געזעלשאַפט, האָט זיי קודם כל אינטערעסירט דאָס לעבען, ווי עס איז

אין דער געגענוואַרט, אָבער ניט ווי עס איז עלול זיך צו ענטוויק־
לען אין דער צוקונפט.

אין פערגלייך מיט אַבראַמאָוויטש'ן, שילדערט שוין שלום־עליכם
כלומרשט, ווי אַזוי די יודישע געזעלשאַפט ענדערט זיך, ענטווי־
קעלט זיך. שאַפענדיג זיין הויפּט־העלד מנחם־מענדלען, בעווייזט ער
אונז, דוכט זיך, דעם ליידען־פולען, שווערען איבערגאַנג פון אַ
יודען פון אַלטען חדר אין די אַלטע מאַטעריעלע לעבענס־פאָרמען
צו די היינטיגע, אייראָפּעאישע. נאָר ווען מען זאָל טיפער אַריינ־
קוקען אין מנחם־מענדעל'ס נשמה, בעמערקען מיר ניט קיין ציל־
מעסיגע בעוועגונג פאָראויס, נאָר אַ ווילדען פלאָנטערן זיך אויף
איין אָרט, משוגע־שפּרונגען פון אַ מענשען, וואָס וויל זיך צופּאַ־
סען צו די בעדינגונגען, וואָס זיינען פאַר איהם אומפערשטענדליך.

אויך אין פּרצ'ן פון די 80־ער און 90־ער יאָהרען בעמערקען
מיר ניט, ווי דאָס יודישע לעבען ענדערט זיך, ענטוויקעלט זיך.
אויף וויפיל דער פּאָעט מערקט אָן אין דעם דאָזיגען לעבען פער־
שיידענע בעוועגונגען פון דער יודישער נשמה, ווייזען זיי גיכער אָן
אויף דער דעגענעראַציע פונ'ם יודישען כלל, איידער אויף
אַ געזונטער ענטוויקלונג. עס איז גענוג אָנצוווייזען אויף אַ גאַנצער
רייהע פּרצ'עס סקיצען פונ'ם לעבען פון דער בית־מדרש־יוגענד, אויף
זיינע בילדער פונ'ם פויליש־יודישען לעבען, כדי זיך קלאָר צו
איבערצייגען דערין.

פאַר די שרייבער פון אַלטען דור, אָנהייבענדיג פון א. מ.
דיק, האָט די יודישע מאַסע זיך פאָרגעשטעלט ווי עפּעס איינאַר־
טיגעס, וואָס איז אַיינגעשלאָסען אין איין רינג און איז נאָך ניט
צעפאַלען אויף בעזונדערע שטאַנדען און קלאַסען. אַבראַמאָוויטש
האָט זיך אַליין צוגעגליכען צו „אַ פאָרעם אין אַ גרויס געוועב, וואָס
איז בעוואוסט דער וועלט אונטער'ן נאָמען יוד".

זיי זיינען געווען אַזוי ענג צונויפגעקניפּט מיט'ן דאָזיגען געָ־
וועב, אַז זיי האָבען געקאָנט בעציהען זיך צו זייער וועלט בלויז
ענג־סוביעקטיוו. זיי האָבען ניט פערמאָגט דערביי דעם ביסעלע אָב־
יעקטיוויטעט פון אַ מענשען, וואָס איז שוין טיילענווייז אַוועק פון
דער דאָזיגער וועלט. ניט ווילענדיג, פלעגען זיי בעטראַכטען דאָס
יודישע לעבען אין דער נידעריגער פלאַכקייט פון דעם דאָזיגען

לעבען גופא; דאָס מזל האָט זיי ניט געגעבען די פעהיגקייט אויפ־צוהייבען זיך און צו שוועבען איבער איהם.

און די ווענינע, וועמען די השׂכּלה האָט געגעבען אַ מאָס פאַר אַ ברייטערן לעבען, האָבען ניט געקאָנט בענוצען זיך, ווי געהעריג, מיט דער דאָזיגער מאָס מחמת דער פיזישער און קערפערליכער אָבהענגיגקייט זייערער פון דער סביבה. און טאַקע דער פאַקט פלעגט זיי ערגערן, פלעגט אָנפילען די נשמה זייערע מיט ביטערקייט און אָבנעמען ביי זיי די מעגליכקייט אויסצונוצען אפילו דעם טראָפען אָביעקטיוויטעט, וואָס איז, אייגענטליך, געוואָרען מעגליך מחמת דעם נייעם שטרוים פון פערשיידענע אייראָפעאָישע אויפקלערונגס־אידעען.

דעריבער איז די אַלטע ליטעראַטור אַזוי כאַראַקטעריסטיש מיט איהר סאַטיריישען טאָן, מיט איהר גאַליגען טעמפעראַמענט, מיט איהר הומאָר, וואָס דערמאָנט אַזוי אָפט די קאַריקאַטורע ליניעס פון אַ נאַרישער וועלט.

דער גרעסטער יודישער שרייבער פון דער צווייטער העלפט פונ׳ם נייַנצעהנטען יאָהרהונדערט, ש. י. אַבראַמאָוויטש, איז אויך דער גרעסטער בריה צו שילדערן דאָס לעבען, ניט ווי עס ענדערט זיך, ניט ווי עס ענטוויקעלט זיך, נאָר ווי עס שטייט אויף פאַר איהם אין דער געגענוואַרט. זיין הויפט־העלד מענדעלע, אין וועלכען ס׳איז מגולגל געוואָרען אַ טייל פונ׳ם אַוטאָרס נשמה, האָט אַ טבע צו קוקען אויף די יודישע ברידער זיינע, מיט „דינע" ליפען, אויף וועלכע ס׳איז צוגאָסען אַ גיפטיגער שמייכעל".

י. ל. פּרץ איז גענוג בעקאַנט דעם עולם מיט זיין בייסיגקייט און שטעכעדיגקייט. מער אַ מוסטער פון דער דאָזיגער מאַניר זיינער קאָן דינען זיין סאַטיריש ווערק: „דאָס שטריימעל", וואָס האָט אַרויסגערופען קעגען זיך דעם גרימצאָרן ניט פון איין פאַרשטעהער פון דער רבנישער אָרטאָדאָקסען־וועלט.

און שלום־עליכם מיט זיין הומאָר, וואָס גרענעצט אַזוי אָפט מיט קאַריקאַטור, איז אין זיינע געפיהלען ניט ווענינער נאָהענט צו זיינע פאָרגענגער. ניט אומזיסט רופט ער אַבראַמאָוויטשן „זיידע" און זיך — מיט נאווה „דער אייניקעל" פון מענדעלע׳ן.

אינגאַנצען מיט דער דאָזיגער סאַטירישער בעציהונג, וואָס

מחמת איהר טרעט אַרוים אַזוי בולט די ענג סוביעקטיווע בעציהונג פונם שרייבער צו זיין סביבה, האָט ער ניט געהאַט קיין קלאָרע צוקונפטס-אידעאַלען. דאָס לעבען, וואָס די ליטעראַטען האָבען געשילדערט, האָט געהאַט צו טון בלויז מיט דער מגושמדיגער געגענוואַרט. דער יודישער עבר פלעגט אַרויסקומען אין איהם אין אַ צעקאַליעטשעטער, קאַריקאַטור-פאָרם.

חוץ פרצ'ן, וואָס האָט אויפגעהויבען דעם פאָרהאַנג פון דעם אַלטען חסידיזם, שילדערנדיג איהם מיט אַזויגע ראָמאַנטישע פאַרבען און דערנעהענטערנדיג זיך דערמיט צו דער נייסטער שטרעמונג אין דער ליטעראַטור — האָט זיך קיינער פון די אַלטע שרייבער ניט אינטערעסירט מיט אונזער עבר.

און אויך וויפיל דער שריפטשטעלער פלעגט זיך פאָרטראַכטען וועגען דער צוקונפט פון זיין סביבה, פלעגט זי שוין נישט אָננעמען קיין ספּעציפיש יודישע פאָרמען; זי פלעגט זיך איהם פאָרשטעלען אין ניט-נאַציאָנאַלע, ריין קאָסמאָפּאָליטישע העמליך.

און דאָס האָט אויך נישט געקאָנט זיין אַנדערש. בשעת מען מאָלט אַ קאָלעקטיוו, אַ כלל, ניט ווי ער ענדערט זיך, נאָר אין אַ פערגליווערטען צושטאַנד, דעמאָלט קומט ער אויס ווי אַ גוף אָהן אַ קאָפּ און אָהן די אונטערשטע אברים, ווי עפּעס אַ גולם פון ווייכען ליים, וואָס טויג נאָר פאַר דער האַנט פונם סקולפּטאָר. פאַר דער השכלה-עפּאָכע האָט שוין לאַנג עקסיסטירט דער דאָזיגער סקולפּטאָר; דער סך-הכל פון די אַלגעמיינע הומאַניסטישע און אויפקלערונגס-אידעען איז געווען גענוג, כדי צוצוגעבען אָט דער לעבלויזער מאַסע אַן אַלגעמיין-מענשליך פּנים.

דעריבער האָט זיך דער אַלטער דור שרייבער ניט אויסגעצייכענט מיט'ן געזונטען זוכענדיגען סקעפּטיציזם, ווי אונזער היינטיגער דור. זיי זיינען געווען געגליכען צו יענע דאָקטוירים, וואָס צווייפלען שוין נישט אין דער ריכטיגקייט פונם דיאַגנאָז, וואָס זיי האָבען געשטעלט; וועלכע זיינען בטוח אין דער הייל-קראַפט פון זייער רפואה, און זיינען נאָר אין כעס אויפ'ן טעמפּען, נאַרישען חולה, וואָס זאָגט זיך אָב מיט עקשנות פון זייער רעצעפּט.

אמת, זיי האָבען אַ סך געליטען, געליטען הערפון, וואָס זיי

פלעגט אויסקומען, מחמת אומגליקליכע אומשטאנדען, וואוינען אונטער איין דאך מיט אט דעם פערעקשנטען פאציענט.

זיי האבען ניט איינגעזעהן, אז אין זייער פערזאן הויבט זיך אן א ביאלאגישער פראצעס, ווי ביי יעדען פאטריארכאלען פאלק, וואס טיילט אויס פון זיך די קריטיש-דענקענדיגע פערזענליכקייט. אנשטאט צו קוקען אויף זיך, ווי אויף די פיאנערען פון א פאלק, וואס הויבט אן אויפצולעבען, וואס גערט ארויס פון זיין פערגליווערטקייט און הויבט אן פונאנדערצולאזען די קנאספען, וואס זיינען פערבעהאלטען אין איהם — האבען זיי געקוקט אויף זיך, ווי אויף שלים-מזל'ניקעס, ווי אויף זוימען וואס זיינען געפאלען אויף אן אומפרוכטבארען באדען. אין זייער ליידען איז געווען א סך פערזענליכער עגאאיזם; ס'האט זיי געפעלט יענע העכערע בעוואוסטזיניגקייט, וואס פעראיידעלט אזוי דעם שמארץ און הויבט עס אויף צו דער מדרגה פון א היסטארישען כלל-וועהטאג.

געוויס האט דער אלטער דור שרייבער ניט ווייניגער געליבט זיין פאלק, ווי דער איצטיגער; נאר פון זייערע שריפטען ווערט זיך דאס זעלטען ארויס. דאס געפיהל פון פערביטערטקייט געוועלטיגט אין זיי אויף אזוי פיל, אז אנדערע ארטען געפיהלען זעהען זיך קוים, קוים ארויס.

איך געדענק, ווי איך האב געהערט פון צוויי בעוואוסטע שרייבער, אז „אבראמאוויטש קאן ניט אנקוקען קיין יודען". עס זיינען אויך בעוואוסט די ווערטער פון א געשעצטען יודישען שרייבער, וואס האט שיער ניט בעשולדיגט אבראמאוויטש'ן אין אנטיסעמיטיזם נאכ'ן ערשיינען פון זיין „מסעות בנימין השלישי".

איבעריגענס, אויך דער נייער דור שרייבער איז גערעכענט בעווארען אין צייט צווישען די שונאים פונ'ם יודענטום, וואס זעהען ניט איבער די חרובות פונ'ם יודישען ארגאניזם די ליכטיגע זייטען זיינע. נאר פונ'ם לעצטענס מויל האט געהערט די פערצווייפלונג פון א נאציאנאליסט, וואס טרוימט וועגען א גאנצען, געזונטען יודישען ארגאניזם, בעת פונ'ם שרייבער פון דער השכלה הערט זיך דער יאוש פון א מענש, וואס איז ניט בכח פטור צו ווערען, איבערצורייסען דעם צובונד צו דער סביבה, וועלכע איז פער-

משפּט צו אַ זיכערן אונטערגאַנג, לויט אַלע געזעצן פונ׳ם מענשליכן שׂכל.

II

נאָך דער קורצער כאַראַקטעריסטיק פון די ליטעראַטן פון אַלטן דור ווערט קלאָר פון זיך אַליין דער היפּט־חילוק צווישן דעם הײַנטיקן שרײַבער און זײַנע פאָרגייער. דער ערשטער איז שוין אויסגעוואַקסן אין דער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם, וועלכע האָבן שטאַרק פערברייטערט זײַן האָריזאָנט און געהאָלפן איהם טיפער אַרײַנקוקן אין דער גאַנצער קאָמפּליצירטקײַט פונ׳ם יודישען אָרגאַניזם.

אינאײנעם דערמיט, ווי ס׳האָבן זיך באַוויזען די אידעען, האָט זיך אויך געהויבן די זעלבסטשטענדיגקײַט פון דער יודישער געזעלשאַפט. פריהער זײַנען די סאָציאַלע געפיהלען פונ׳ם יודען געווען פערטויבט: עס איז ניט געווען קיין געזעלשאַפט, קיין געזעלשאַפטליך זעלבסטבעוואוסטזײַן, נאָר אײנצעלנע יחידים, וואָס זײַנען געווען פעראײניגט דורך דער אויסערליכסטער לעבענס־פאָרם. דער ווילען־עלעמענט האָט געפעהלט. דער גאַנצער יודישער אָרגאַניזם און די אײנצעלנע טיילען זײַנע, אין דער פאָרם פון קלאַסען און שטאַנדען, האָבן קיין שום טעטיגקײַט ניט אַרויסגעוויזען.

מיט דער פערשטאַרקונג פון דעם נאַציאָנאַליסטישען שטרעם, וועלכער איז בלויז די פערשטאַרקונג פונ׳ם פאָלקס־ווילען — ווערט פערשוואונדען די פריהערדיגע פּאַסיוויטעט. דער סאָציאַליזם, וואָס פערשטאַרקט דעם ווילען אינ׳ם אַרבײַטער־קלאַס, פיהרט אַרויס אויף דער בימה פונ׳ם יודישען לעבען אַ זעלבסטשטענדיגען עלעמענט. דער שרײַבער פון דער נײַער צײַט איז שוין מעהר ניט קיין קינד פון אַ שוואַך־פנימ׳דיגען כּלל. דער ווילען צום לעבען, צום איבעראַנדערשען די אַלטע פאָרמען, צום שאַפען נײַע צילען פאַר דער צוקונפט, נעמט איהם אַרום פון אַלע זײַטען און מאַכט ציטערן און וויברירען זײַן גײַסט.

חוץ דעם האָט דער נאַציאָנאַליזם אַרויסגעשטעלט נאָך אַ טאָפּעלטע פּראָבלעם: די דערהאַלטונג פונ׳ם יודישען פאָלק מיט

זיינע הויכע טראַדיציעס פֿאַר די קומענדיגע קולטור־צוועקען און די שאַפֿונג פֿון געהעריגע באַדינגונגען פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אַ שעפֿערישער יודישער פּערזענליכקייט.

דאָס באַוואוסטזיין פֿון דער נויטווענדיגקייט צו באַשאַפֿען אַ סביבה פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס איז צעשפּרייט צווישען די פֿעלקער — צוזאַמען מיט דער נויטווענדיגקייט צו פֿערברייטערן די דאָזיגע סביבה אויף אַזוי פֿיל, אַז אין איהר זאָל זיך קאָנען באַוועגען אַזאַ, אויפ'ן ערשטען קוק, נישט־סאָציאַלער עלעמענט, ווי די שעפֿערישע פּערזענליכקייט — האָט זיך ברייט באַוויזען אין דער נשמה פֿונ'ם יונגען דור און — אין נאָך אַ גרעסערער מאָס — אין דער נשמה פֿונ'ם יודישען שרייבער.

איינאיינעם דערמיט דאַרף מען חערמאָנען, אַז בשעת דאָס פֿאָלק ווערט דורכגעדרונגען מיט אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין, פֿערברייטערט עס זיין גייסט אויף אַזוי פֿיל, אַז עס ווערט פֿאַר איהם נויטווענדיג די בעריהרונג מיט אַנדערע פֿעלקער. דאָס, וואָס עס האָט זיך גערעכענט כמעט אוממעגליך פֿאַר אַ פּאַטריאַרכאַלישען פֿאָלק, ווערט כמעט אומבאַדינגט נויטיג פֿאַר אַ פֿאָלק מיט אַ נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין. דער פּחד פֿאַר דער אַסימילאַציע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אָבגעשלאָסענע, ווייניג־אַנטוויקעלטע פֿעלקער, איז כמעט ניט פֿאַראַן ביי אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט ביז צום באַוואוסטזיין פֿון זיין נאַציאָנאַליטעט.

פֿון איין זייט צווינגט אונז דער נאַציאָנאַליזם טיפֿער אַריינקוקען אין אונזער פֿאָלקס נשמה, און פֿון דער אַנדערער — דערוועקט ער אין אונז אַ שטאַרקען, געזונטען חשק צו דערקענען דאָס לעבען פֿון אַנדערע פֿעלקער, וואָס זיינען אַזוי פֿערשיידען פֿון אונז.

אַ פֿאָלק, וואָס האָט זיך דערהויבען אין זיין באַוואוסטזיין ביז צו דער מדרגה פֿון אַ נאַציע, טרעט אַריין אין דער אינטערנאַציאָנאַלער פֿעלקער־משפּחה, ווי אַ גלייכער צווישען גלייכע, ניט האָבענדיג קיין מורא אָנצוווערען זיין אייגענאַרטיגקייט. עס טרעט אַריין מיט אַ געזונטען לעבענס־געפֿיהל און מיט אַ גרויסער סימפּאַטיע צו דער אַנטוויקלונג פֿון גלייכע אָרגאַניזמען־פֿעלקער. ווי אַן עטאַפּ אין אַנטוויקלונגס־לעבען פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט אין אַ

משך פון יאָהרהונדערטער געלעבט אין אַ פערגליווערטער פּאַטריאַרכאַלישקייט, — איז דער נאַציאָנאַליזם ניט קיין שטרעבונג אָבצוזונדערן זיך, צו פערקריכען אין זיין אייגענעם שאָלעכץ, נאָר, פערקעהרט, אַ שטורעמדיגער פערלאַנג אויסצוגלייכען די פערשטייפטע אבֿרים פון פאָלקס־אָרגאַניזם אויף אַ מעגליך גרעסערן שטח — אין אַ נאָהענטער בערירונג און אין אַ נאָהענטער מיטאַרבייט מיט אַנדערע גלייכע אָרגאַניזמען־נאַציעס.

ווידער האָט דער סאָציאַליזם, וואָס איז ביסלעכווייז אַריינגעדרונגען אין דער יודישער סביבה און האָט זיך צוגלייך מיט'ן ציוניזם אָרגאַניזירט צו קאָנקרעטע צוועקן און מאַסען־אַרויסטרעטונגען, דערנעהענטערט דאָס יודישע פאָלק צום לעבען פון ווייטע פעלקער און בעקענט עס מיט אַ קולטור, וואָס איז טיילענווייז געווען פאָלקומענער און רייכער. כאָטש ער האָט, לויט מיין מיינונג, ווייניגער פונאַנדערגעאַקערט דאָס פעלד פון דער יודישער נשמה, ווי דער נאַציאָנאַליזם, דאָך האָט ער, פונדעסטוועגן, אויסערליך גרינדליך איבערגעאַנדערשט דאָס פנים פון דער יודישער מאַסע.

דער יודישער מאַסען־סאָציאַליזם, אויף וויפיל ער האָט זיך אויסגעדריקט אין דער טעטיגקייט פון „בונד“, איז אין אַ סך פרטים ענליך אויף דער אויפקלערונגס־עפּאָכע פון דער השכלה־צייט. ער האָט אויך בעטראַכט דאָס יודישע פאָלק ווי אַ גוף אָהן אַן אייגענאַרטיגען עבר, וואָס האָט זיך טיף איינגעוואָרצעלט אין דער נשמה פון פאָלק, און אָהן אַ צוקונפט אינם ריין־פאָלקסטימליכען זין. ער איז אויך געווען נישט נאַציאָנאַל, צעפלאָסען, קאָסמאָפּאָליטיש, ער איז אויך געווען ווייט פון יעטווידען סקעפּטיציזם און האָט ניט ליב געהאַט אַזוינע שטימונגען, ווי ליריזם, ראָמאַנטיזם און ענליכע בעוועגונגען פון אַ פערפיינערטער נשמה.

פונקט ווי דער משכיל פון די 50־ער און 60־ער יאָהרען, איז דער יודישער בונדיסט געווען אַן עכטער ראַציאָנאַליסט, האָט בלינד נאָכגעטאַנצט דעם אויסלענדישען שאַבלאָן, האָט זיך אויסגעצייכענט דורך דער שאַרפקייט און אומברחמנות'דיגקייט פון זיינע מיינונגען און בעשליסונגען, האָט אָפּטימיסטיש געקוקט אויף זיין טעטיגקייט און שלעכט בענומען די גאַנצע קאָמפּליצירטקייט און פערפלאָנטערטקייט איהרע. און אין דאַרצען האָט איהם גע־

פיינט יענע היסטאָרישע פערגאַנגענהייט פונ'ם מאַסען־יוד, וואָס ער האָט דאָס גערופען „לאָקאַלע בעזונדערקייטען“; און ער פלעגט פערגוואַלטיגען די שפּראַך פונ'ם יודען מיט דער קאַלטבלוטיגקייט פון אַ פרעמדען זיגער.

אָבער דער סאָציאַליזם, אין דער געשטאַלט פונ'ם בונדיזם, האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזען אַלס דער פערקערפּערטער ווילען; און דורכדעם טאַקע האָט ער זיך גרינדליך אונטערשיידט פונ'ם אַלטען משכיל, מיט וועלכען ער האָט אַזוי פיל ענהליכקייט. די דאָזיגע נייע כוואַליע — די ווילענס־כוואַליע, וואָס האָט זיך צוגאָסען דורך די אָדערן פון אַ טייל פון דער יודישער מאַסע, האָט שטאַרק מיטגעהאָלפען אויסצוגלייכען דעם יודישען אָרגאַניזם, וואָס האָט אין אַ משך פון יאָהרהונדערטער געבויגען זיין רוקען.

דער נאַציאָנאַליזם און דער סאָציאַליזם זיינען אָבער אין דער ערשטער צייט פון זייער ענטשטעהונג אין אַ סך פּרטים געווען אַזוי איינזייטיג, אַז עס האָבען נאַטירליך געמוזט געבוירען ווערען נייע שטרעמונגען פונ'ם יודישען געדאַנק, געפיהל און ווילען, כדי עס זאָל מעגליך זיין צו פעראייניגען זיי ביידע אין איין שטראָם צום נוצען פון דער יודישער אויפלעבונג.

די פערשיידענע פּאַרטייען, וואָס זיינען אויפגעקומען צו דער צייט, ווי די ציוניסטען־סאָציאַליסטען און פּועלי־ציון פון איין זייט, די דעמאָקראַטישע פראַקציע און דער טעריטאָריאַליזם פון דער אַנדערער — האָבען זיך בעמיהט צו בעשאַפען דעם דאָזיגען איינציגען שטאַרקען שטרוים, וואָס איז נאָך היינט אויך איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאַבען פונ'ם שעפערישען יודישען אָרגאַניזם.

דער שרייבער פונ'ם נייעם דור איז, פערשטעהט זיך, געשטאַנען נאָהענט צו די נייע שטרעמונגען פונ'ם יודישען לעבען. ניט שטענדיג האָט ער זיך בעגענוגענט מיט דער ראָלע פון אַ בעאָבאַכטער, און פיל פון די דאָזיגע שרייבער האָבען אַקטיוו מיטגעהאָלפען ביי דער ענטוויקלונג פון געוויסע אידעען און שטרעבונגען.

און אַפילו די, וואָס צו זיי פלעגט זיך נאָר פון וויטענס דערטראָגען דער אָבקלאַנג פונ'ם נייעם לעבען, האָבען אויך ניט געקענט בלייבען גלייכגילטיג.

מיר זעהען, אַז אַפילו די שרייבער פון אַלטען דור, וואָס האָבען

ניט אויפגעהערט צו אַרבייטען בּיזן הײַנטיגען טאָג, האָבּען אויך ניט געקאָנט זיך בּעפרײַען פון דעם אײַנפלוס פונם נײַעם יודישען לעבּען. איך רעד שוין ניט וועגען פּרצ'ן, וואָס פערדינט שוין טיילווײַז אָנגערופען צו ווערען דער נביא פונם נײַעם יודישען לעבּען, נור אויך בּײַ שלום-עליכמ'ען איז ניט שווער צו בּעמערקען די ווירקונג פון די נײַע כּחות, וואָס האָבּען זיך דערוועקט אינ'ם יודישען פאָלק.

III

אָבּער ניט בּלויז די אידעען-אַטמאָספער אַליין, וואָס האָט אַרומגענומען דעם שרײַבּער פון נײַעם דור, איז געווען אַזוי קאָמפּליצירט; צו דער דאָזיגער אַטמאָספערע איז געווען צוגעפּאַסט דער מאַטעריעלער און דער סאָציאַל-פּאָליטישער דרוק, וואָס איז געלעגען אויפ'ן יודישען אָרגאַניזם, אויף אַלע געבּיטען פון זײַן פרײַער טעטיגקייט. דער אַלטער דור האָט נאָך קיין השגה ניט געהאַט וועגען עמיגראַציע, סאָציאַל-פּאָליטישען אַנטיסעמיטיזם, פּאָגראָמען, וועגען אַ בּעוואוסטזיניגער שטרעבּונג פון פערשיידענע שיכטען אין דער קריסטליכער געזעלשאַפט פּראַקטיש אַרויסצושטופּען די יודען פון דער געוועהנליכער ספערע פון זייער מאַטעריעלער און גײַסטיגער טעטיגקייט. אויך דער יודישער גאַס האָבּען זיך בּעוויזען נײַע טיפּען פון שלים-מזל'ס. דער *עמיגראַנט* און דער *עקסטערן* זײַנען געשטאַנען בּײַ דער שוועל פון פערשיידענע לענדער און פון אַלע מעגליכע שולען און אוניווערסיטעטען מיט אַ שוואַכער האָפנונג אַריבּערצוטרעטען די דאָזיגע שוועל.

אויך דער אַלטער דור האָט געקענט דעם עמיגראַנט און דעם עקסטערן. נאָר ווי גרויס איז געווען דער חילוק צווישען דעם אַלטען און דעם נײַעם! מיט וואָס פאַר אַ שמחה פלעגט פערלאָזען זײַן געבּורטס-אָרט דער עמיגראַנט פון אַבּראַמאָוויטש'עס צײַטען, וואָס פלעגט זיך אַריבּערקלײַבּען קיין ארץ-ישראל, כּדי צו פערבּרענגען דאָרט דאָס רעשט בּיסעל פון זײַנע יאָהרען; ווי פלעגט מען דעמאָלט אונטערשטיצען אַן עקסטערן, וואָס האָט אויסגעבּיטען די ישיבה אויף אַ גימנאַזיע און אַן אוניווערסיטעט. זיי זײַנען דעמאָלט געווען אַ פעראײַנצעלטע ערשײַנונג אינ'ם יודישען לע-

בען און האָבן דערמאָלט ניט געהאַט כמעט קיין געזעלשאַפֿטליכע בעדײַטונג.

נאָר פֿון אַן אַנדער מין איז די עמיגראַציע און דאָס עקסטערנעטום פֿון די לעצטע 25 יאָהר. די לײַדן פֿונ'ם יודישן פֿאָלק, וואָס קעמפֿט פֿאַר פּלאַץ און לופֿט, פֿאַר גײַסטיגער ענטוויקלונג אינ'ם פּשוט'סטן זין פֿונ'ם וואָרט, זײַנען געוואָרן אַזוי מאוימדיג, אַז ס'וואָלט געווען לעכערליך צוצוגלײַכן דעם אַמאָליגען עמיגראַנט און עקסטערן צום הײַנטיגען. דעריבער האָט די עפּאָכע פֿון אַבראַמאָוויטש'ען און שלום־עליכם'ען, פֿון גאָרדאָנ'ען, סמאָלענסקי־נ'ען און אַנדערע טאַקע גאָרניט געקענט דעם עמיגראַנט, און אויך וויפֿיל דער עקסטערן פּלעגט אָנטרעפֿן מניעות אין זײַן שטרעבונג צו גײַסטיגער ענטוויקלונג, זײַנען אין דעם געווען שולדיג בלויז אומגינסטיגע נאַציאָנאַלע סבות, אָבער ניט קיין אויסווײניגסטע מצד דער רעגירונג.

דער סאָציאַל־פּאָליטישער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך אינ'ם לעצטען פֿערטעל פֿונ'ם פֿערגאַנגענעם יאָהרהונדערט געוואַלדיג פֿונאַנדערגעוואַקסען, און די פּאָגראָמען זײַנען געוואָרען פֿאַר'ן רוסישען יודענטום אַ געוועהנליכע ערשײַנונג — און דאָס האָט אַרויסגערופֿען בײַם נײַעם דור אַזוינע שרעקען, האָט אידם אַזוי אָנגעוועהטאָגט און אָנגעפֿילט זײַן נשמה מיט אַזאַ גאַליגער ביטערקײַט, מיט איין וואָרט, האָט אַזוי פֿערפֿינסטערט זײַן לעבען און געדריקט זײַן זעלבסטבעוואוסטזײַן, אַז דער אַלטער דור, וואָס האָט געלעבט בײַ זײַנע פֿערגליווערטע אַלטפֿרענקישע לעבענס־פֿאָרמען, האָט זיך אידם אָנגעהויבען מאָלען, ווי אַ גליקליכע גאָלדענע צײַט, און פּלעגט טייל־מאָל אַרויסשווימען מיט אַ בעזונדערן ראָמאַנטישען שײַן. דער נײַער דור האָט זיך מיט פֿערגעניגען אָבגעווענדט פֿון זײַן טרויעריגען מזל, בעטראַכטענדיג ניט נאָר זײַן ווײַטען עבר, נאָר אויך דעם נאָהנטסטען. אויף דעם אופֿן לאָזט זיך דערקלערען ניט נאָר דער אינטערעס צו דעם אַלטען חסידיזם, נאָר אויך דער אינטערעס צום לעבען פֿונ'ם פֿאַרצײַטיגען יודען, צו זײַן שפּראַך, זײַן פֿאָלקס־ליד און זײַן פֿאָלקס־מוזיק. כאָטש די אַלטע זײַנען אויך געווען בריות אויף מאָלען פֿאַרצײַטיגע לעבענס־פֿאָרמען — ס'קאָן זײַן, אַז קיינער פֿון די שפּעטערדיגע האָט נישט דערגרייכט צו אַזאַ כח

ביים איבערגעבן די אַלטע לעבנס־פֿאָרמען פֿונים פֿאָלק — אָבער זיי פֿלעגן פֿערדאַרבן זייערע געמעלן מיט אַ חוזק און אַ געשפּעט, מיט אַ שטאַרקן סאַטירישן גיפֿט. פּונקט אומגעקעהרט איז די בעציהונג פֿונים שרייבער פֿונים נייעם דור; ער בעציהט זיך מיט ליבשאַפֿט צו די יודישע לעבנס־פֿאָרמען, וואָס צעפֿאַלן זיך און ווערן שוין פֿערשוואונדן פֿון זיינע אויגן. דער פֿריהערדיגער שרייבער האָט געזעהן אין די אַלטע לעבנס־פֿאָרמען אַ רעאַקציאָנערע, נאָר אַ לעבעדיגע קראַפֿט, ער פֿלעגט קעמפֿן קעגן דער דאָזיגער קראַפֿט און בעגיסן זי מיט׳ן גיפֿט פֿון זיין שפּאָט. דער היינטיגער זעהט שוין ניט אין די יודישע לעבנס־פֿאָרמען קיין לעבעדיגע כּחות, ער קוקט אויף זיי, ווי אויף אַ טויטס, און רינגעלט זיי אַרום מיט דער וואַרימקייט פֿון מיטלייד און מיט דער טרוימעריי פֿון אַ ראָמאַנטישער ליבע. אונזער עבר אינים ברייטסטן זין פֿון וואָרט, וואָס האָט פֿערנומען אַזוי ווינציג אָרט ביי אונזערע זיידעס, איז געוואָרן דער צענטער פֿון אַ טרויעריגער ליבע ביי די שרייבער־אייניקלעך.

דאָס גיכע צעפֿאַלן ווערן פֿונים אַלטן יודישן לעבן, וואָס האָט בעשאַפֿן אַ קליינע מעגליכקייט פֿאַר דער עקזיסטענץ פֿון אַ יודישער פּערזענליכקייט, האָט אינאיינעם דערמיט אַוועקגענומען ביי איהר דעם נויטיגן פּלאַץ און די נויטיגע לופֿט פֿאַר דער פֿולער ענטוויקלונג איהרער. דער צעפֿאַלענדיגער יודישער אָרגאַניזם האָט זיך אַטאָמיזירט. די בעפֿרייטע פּערזענליכקייט קאָן אָבער ניט לעבן אָהן אַ סאָציאַלער סביבה, וואָרום אָהן איהר איז דאָס לעבן פֿון דער פּערזענליכקייט — אַ שטענדיגע גסיסה. דער יודישער שרייבער, וואָס איז אויך ניט מעהר ווי אַן אַטאָם, ליידט נאָך מעהר פֿון איהר צעפֿאַלענקייט און אָבגעריסענקייט, ווי יעטווידער אַנדערער יוד. פּונקט אַזוי ווי דער אַמאָליגער שרייבער פֿלעגט ליידן דערפֿון, וואָס ער איז געווען צו שטאַרק צוגעבונדן צו זיין סביבה, ניט מעהר ווי „אַ קליין פֿעדימעל אין אַ גרויסן געוועב“, און קאָן קיינמאָל ניט געניסן די רוה פֿון דער איינזאַמקייט — אַזוי ליידן די היינטיגע דערפֿון, וואָס זיי זיינען שטענדיג איינזאַם, וואָס זיי זיינען אַן איינצעלנער פֿאָדעם אין אַ צעפֿאַלענעם געוועב, וואָס דער ווינט צעטראָגט עס אין אַלע

פֿור זײַטן. די הײַנטיגע ליטעראַטור אונזערע איז דורכגעדרונגען מיט אַ טיפֿן איינזאַמקייטס־געפֿיהל. איהר הויפּט־פֿאָרם — די קליינע נאָוועלע — איז ניט קיין צופֿאַל. ס'קומט אויס, ווי זי וואָלט סימבאָליזירט די אָפּגעריסענקייט פֿון אונזערע איבערלעבונגען, וואָס זײַנען ניט צונויפֿגעבונדען מיט די ברייטע פּערספּעקטיווען פֿון צײַט און רוים אין סאָציאַלען זין.

נאָך דעם ווערט קלאָר, פֿאַרוואָס די נײַע יודישע ליטעראַטור צייכענט זיך אויס גלײַכצײַטיג מיט איהרע ליכטיגע און טרויעריגע טענער, פֿאַרוואָס זי איז גלײַכצײַטיג אַזוי גרויס בײַ זיך און פֿול מיט אַן אינערליכען פּעסימיזם, פֿאַרוואָס זי איז דורכגעדרונגען מיט'ן גלויבען אין אַ בעסערער צוקונפֿט און צוגלײַך אויסגעמאַטערט פֿון ספֿקות מכּח דער דאָזיגער צוקונפֿט; פֿאַרוואָס זי כאַפּט זיך אַזוי צו נײַע ליטעראַרישע פֿאָרמען, צום לעצטען וואָרט פֿונ'ם אייראָפּעאישען געדאַנק און פֿון דער אייראָפּעאישער קונסט און האַלט זיך פֿונדעסטוועגען אַזוי פֿעסט בײַ אַלץ, וואָס איז יודיש, גיט זיך אָב מיט ליבשאַפֿט דעם יודישען פֿאָלקלאָר און בעציהט זיך ניט מיט ווייניגער דרך־ארץ צו דער יונגער פֿאָלקס־שפּראַך, ווי צו דער אַלטער, מיט גראָהע האָר געקרוינטער, העברעאישער שפּראַך.

די אומגעוועהנליכע פֿערפֿלאָנטערטקייט פֿונ'ם יודישען לעבען אין אונזער דור האָט זיך ניט ווייניגער אָבגעשפּיגעלט אויף זײַן ליטעראַטור, און ס'וואָלט געווען אַ גרויסער טעות צו שטעלען זי נידעריגער פֿון דער ליטעראַטור פֿון וועלכען ס'איז אייראָפּעאישען פֿאָלק, דערפֿאַר וואָס זי איז אַזוי אָרעם אין ביכער און אַזוי ווייניג בעדײַטענד לויט איהר קינסטלערישער בעאַרבייטונג. לויט דער פֿערפֿלאָנטערטקייט פֿון די געפֿיהלען און שטימונגען, וואָס האָבען אין איהר געפֿונען אַן אויסדרוק, לויט דער ביטערקייט אין די ליכטיגע האָפֿנונגען, לויט דער שווערער מיה בײַם בעאַקערן די ניט־בעאַרבייטע פֿאָלקס־שפּראַך און בײַ דער צופּאַסונג פֿון דער אַלטער נאַציאָנאַל־שפּראַך צו די מאָדערנע פֿאָדערונגען פֿון דער נשמה — קאָן די דאָזיגע ליטעראַטור געשטעלט ווערען אויף איין מדרגה מיט יעדער אַנדערער, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט בײַ גליקליכערע בעדינגונגען. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון ביאַליק'ן,

וואָס האָט געפֿונען אַן אָרט אין זײַן נשמה פֿאַר דאָס סאַמע פֿינסטערע און דאָס סאַמע הויכע, וואָס איז אַזוי גרויס אין זײַן קללה און אַזוי שטיל און מוזיקאַליש אין זײַן ליבע, וואָס האָט אונז געגעבען פּרעכטיגע ליבעגעזאַנגען צום שטראַלענדיגען ליכט און געוויזען אונז דעם גאַנצען חן פֿונ׳ם ווינטער און פֿונ׳ם גרינעם שטילען וועלדעל, וואָס איז געווען בכּח אָנצוטון דאָס יודישע פֿאָלקסליד אינ׳ם וואונדערליכען פּורפּור־קלייד פֿון דער ביבעל־שפּראַך — כּדי אָפּצושאַצען די גרויסע כּחות, וואָס זײַנען פֿערבאָרגען אין אונזער נײַער ליטעראַטור.

IV

די נײַע שאַפֿונג צייכענט זיך אויס דעריבער דורך אַ רײַכקייט אין פֿערשיידענע ליטעראַרישע פֿאָרמען. קודם כּל דאַרף מען אָנווײַזען אויפֿ׳ן וואוקס פֿון דער ר ײַ ן־ל י ר י ש ע ר פּ אָ ע ז י ע. סײַ די העברעאישע, סײַ די יודישע שפּראַך האָט אונז געגעבען אַ גאַנצע רייה פֿון לירישע פּאָעטען, וואָס זײַנען אין אַ קורצער צײַט געוואָרען פּאָפּולער און בעליבט.

די אַלטע יודישע ליטעראַטור האָט כּמעט ניט געקענט קיין לירישע פּאָעזיע. אַפֿילו דער ליריזם פֿונ׳ם גרויסען פּאָעט גאָרדאָן האָט אַרויסגערופֿען גרויסע — און גאַנץ גערעכטע ספֿקות, אין דער עכטקייט זײַנער. ס׳וועט ניט זײַן קיין גוזמא, אַז מיר וועלען אָנהויבען דעם יחוס־בריף פֿון דער מאָדערנער יודישער ליריק מיט׳ן פּאָעט צבֿי מאַנע. דען צבֿי מאַנע, וואָס איז אַוועק פֿון אונז נאָך יונגערהייט, האָט שוין בלי ספֿק געהערט צום נײַעם דור ליטעראַטען.

אויך אין דער יודישער שפּראַך האָבען מיר ביז מאָריס ראָזענפֿעלד ניט געהאַט קיין אמת־לירישע פּאָעזיע. מיר וועלען שוין ניט רעדען וועגען דעם, אַז ניט מיכל גאָרדאָן, ניט גאָלדפֿאַדען, ניט צונזער, וואָס זײַנען געווען אַזוי פּאָפּולער בײַ יודען, געהערען ניט צום מין לירישע פּאָעטען; אָבער אַפֿילו דער גרעסטער טייל פֿון פֿרוג׳ס און פּרץ׳ס ווערק פֿון די 80־ער יאָהרען איז גיכער עהנליך צו דער אַלטער פּאָעזיע מחמת דעם סאַטירישען כאַראַקטער און איהר שקלאַפֿישען נאָכטאַנצען נאָך היינע׳ס שניט; פֿאַר דער אַלטער פּאָעזיע איז דער ל י ר י ז ם יעדענפֿאַלס ניט געווען כאַראַקטע־

ריטמיש. איצט אָבער שטאָלצירט די יודישע ליטעראַטור צוגלייך מיט אַזוינע גרויסע לירישע פּאָעטען, ווי ביאַליק, טשערניכאָווסקי, שניאור און אַנדערע טאַלענטירטע שרייבער פון דער אויפגעלעבטער ביבעל־שפּראַך, — מיט אידר ראָזענפעלד, רייזען, יהואָש, איינהאָרן א. אַז. וו. אין יודיש, און די צאָהל פון די טאַלענטירטע שרייבער, וואָס זיינען ניט געוואָרען פּאָפּולער, איז, פערשטעהט זיך, נאָך אַ סך גרעסער.

די צווייטע ליטעראַרישע פאָרם, וואָס האָט ניט ווייניגער פון דער ליריק אַרויסגעלעגט אַ שטעמפּעל אויף דער היינטיגער שאַפונג, איז די קליינע נאָוועלע אויפ׳ן שטייגער פון מאָפּאַסאַנ׳ען אָדער טשעכאָוו׳ן. זעלטען געפינען מיר ביי אַ היינטיגען שרייבער, אַזוי ווי ביי די פריהערדיגע, איין בעדייטענד ווערק, וואָס זאָל זיין מסוגל מיט אַמאָל צו אַנטפּלעקען פאַר׳ן לעזער די קינסטלערישע פערזענליכקייט פונ׳ם מחבר. ווען מיר ווילען בעגרייפען טשעכאָוו׳ן אָדער מאָפּאַסאַנ׳ען, דערגעהן זייער אַלגעמיינע קינסטלערישע וועלט־אַנשויאונג, מוזען מיר איבערלייענען נאָכאַנאַנד צעהנדליגער נאָוועלען זייערע; פּונקט אַזוי איז זיך צעפאַלען פאַר אונז אין פּונקען די נשמה פונ׳ם היינטיגען יודישען שרייבער, און ס׳זאָלט געווען פאַלש אָבצופּסק׳ענען וועגען דעם אָדער יענעם אַוטאָר לויט צוויי אָדער דריי איינצעלנע נאָוועלען.

דער חשק צו גראָבען זיך אָהן אַ סוף אין זיינע אייגענע געפיהלען און דער פערלאַנג צו פערציבען יעדע פאַרבייגעהענדיגע שטימונג, האָבען אַריינגעפיהרט אין דער ליטעראַטור דעם נייעסטען זשאַנר — די מיניאַטור — מיט איהר אָבגעטאָקטער קינסטלערישער פאָרם. און דאָס יודישע פאָלקס־טעאַטער, וואָס עקסיסטירט שוין זינט די 70־ער יאָהרען, נאָר וואָס האָט ניט געהאַט קיין שום בעדייטונג ביי דער בעשאַפונג פון אַ יודישער דראַמע, האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער יונגער יודישער ליטעראַטור, און אין אַ קורצער צייט האָט זיך בעוויזען אַ נייע קינסטלערישע פאָרם — די דראַמאַטישע קונסט. די יודישע דראַמע אין דער געשטאַלט פון איהרע פאָרשטעהער י. ל. פּרץ, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו זיין דער יונגסטער אונטער די יונגע, דוד פּינסקי, שלום אש, פּרץ הירשביין, קאַצענעלסאָן א. ז. וו.

האָט אָנגעהויבען בעשעפטיגען ניט נאָר די יודישע ביהנע, נאָר אויך די ביהנעס פון אַ סך אייראָפּעאישע טעאַטערן. דער אינטערעס, וואָס ס׳האָט זיך דערוועקט אין די אייראָפּעאישע טעאַטער־קרייזען אַדאַנק אַש׳ן, האָט אַ סך מיטגעהאָלפען דערצו, אַז די דראַמאַטישע שאַפונג זאָל זיך ביי אונז ענטוויקלען אַלץ מעהר און מעהר. ווען מען זאָל נאָך צולעגען צו די דאָזיגע נייע פאָרמען, וואָס זיינען אַריינגעדרונגען אין אונזער ליטעראַטור, אַ נייע אָבטיילונג, וואָס פאָדערט אַ קינסטלעריש וואָרט, ווי, למשל, די עסטעטישע קריטיק און די סטילעסיגע פובליציסטיק, וועט ווערען קלאָר, אויך וויפיל די נייע ליטעראַטור איז אין אירע פאָרמען רייכער פון דער אַלטער.

ביים אַלטען דור פלעגט די פובליציסטיק אָבשטויסען דורך איהר צעלאָזענער און אומנאַטירליכער פראַזע. זי האָט מאַריך געווען אָהן אַ סוף, און דער סטיל איז געווען קינציג פערדרעהט און מליצה׳דיג. אין דער אַלטער פובליציסטיק האָבען געוועלטיגט דער לאַנגער „מאמר“ און די „מליצה“. די היינטיגע פובליציסטיק, פערקעהרט, שטרעבט צו זיין קורץ, שאַרף און קלאָר און אָבגעטאָקט אין דער פראַזע. פונקט אַזוי האָט די אַלטע ליטעראַטור ביי דער אָרימקייט פון אירע פאָרמען ניט געקאָנט אויסאַרבייטען קיין אמת׳ע קינסטלערישע קריטיק. איך וויל בשום אופן ניט פערקלענערן די פערדינסטען פון דוד פרישמאַנ׳ען אָדער ר. בריינינ׳ען; נאָר זיי האָבען ניט פערנומען אין דער ליטעראַטור דעם אָרט פון קריטיקער, וואָס זיי וואָלטען געקאָנט פערנעמען אין אַ מעהר ענטוויקעלטער ליטעראַטור, מחמת זייער גרויסען קריטישען טאַלענט.

דיזעלבע סבות, וואָס האָבען מיטגעהאָלפען דער ענטוויקלונג פון די פאָרמען אין דער יודישער ליטעראַטור, האָבען אויך בעשאַפען אַ נייעם מין שרייבער, דעם פראָפעסיאָנעלען ליטעראַט. אין דער אַלטער ליטעראַטור מיט איהר קליינער געזעלשאַפטליכער דיפערענצירטקייט איז אַזאַ טיפּ נאָך ניט געווען. די געזעלשאַפט האָט זיך אין איהם ניט גענויטיגט. אויף וויפיל עס האָט עקסיסטירט אַ מעצענאַטענטום בנוגע צו מחברים, וואָס פלעגען אַרומגעהן מיט זייערע כתבים איבער רייכע הייזער און פאָרלעגען קויפען זייערע חבורים, — האָט דאָס געהאַט נאָר אַ

שייכות צו רעליגיעזע ספרים. פאַר דער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט קיין מעצענאַטענטום ניט עקזיסטירט. צו איהר האָט מען זיך בעצויגען מיט פעראַכטונג. און אויב ס'פלעגען זיך נאָך געפינען אַמאָל גבירים, וואָס פלעגען האָבען אַ ביסעל דרך-ארץ פאַר אַ העברעאישע ביכעל מיט אַ וועלטליכען אינהאַלט, האָבען די אַוודאי מיט גאווה און פעראַכטונג געקוקט אויף דעם, וואָס האָט אויסגעקליבען פאַר זיין ליטעראַרישער שפּראַך די „מיאוס'ע" פאָלקס-שפּראַך. עס זיינען בעוואוסט אַבראַמאָוויטש'עס ווערטער, וואָס געפינען זיך אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, מכח זיין איבערגאַנג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין דער יודישער. ער האָט זיך לאַנג געקווינקעלט, וואָרום אויסבייטען די העברעאישע שפּראַך אויף דער יודישער האָט געהייסען דעמאָלט — אַרויסגעהן פון דער קאַסטע בראַהמאַנען און צונויפגיסען זיך מיט דער מאַסע, מיט די פּאַריאַס.

ביי אַזוינע בעדינגונגען האָט ניט געקאָנט זיין קיין ריידה וועגען דעם צו ווערען אַ פּראָפעסיאָנעלער שריפטשטעלער. און די, וואָס האָבען שוין „מטמא געווען זייער פען", האָבען זיך אין זייער פּריוואַט-לעבען געהיט, אַז קיינער זאָל זיי, חלילה, ניט חושד זיין אין זייער חטא.

דער היינטיגער שרייבער פיהלט, פערקעהרט, אַ כוואַליען באָדען אונטער די פיס; ער איז גאָר ניט מסופק אין דעם נוצען, וואָס ער ברענגט מיט זיין אַרבייט, ער איז שוין ניט אָבהענגיג פון מעצענאַטענטום; זיין מיה ווערט שוין בעצאָהלט דורך דעם קאָלעקטיווען מעצענאַטען, פּונקט ווי מיר זעהען דאָס ביי אַנדערע, סאָציאַל-ענטוויקעלטע פעלקער. דער גייסטיגער און מאַטעריעלער ערפאָלג פונ'ם שרייבער, וואָס האָט מיט מזל דערלעבט די נייע עפּאָכע אינ'ם יודישען לעבען, גיט איהם צו נייע האָפנונגען, און די געטין פון רוהם איז שוין פאַר איהם ניט קיין פוסטע פראַזע מעהר. יעדענפאַלס, שטעלט ער זיך שוין ניט פאַר זיין צוקונפט אַזוי אומעטיג און פערלאָזען, ווי זיינע חברים פון די פערגאַנגענע דורות. און אַזוי ווי די דאָזיגע צוקונפט ווערט געשמידט טיילענווייז דורך זיין אייגענער גייסטיגער אַרבייט, איז דער דאָזיגער שטענדיגער שריפטשטעלער, כאָטש ער רעכענט זיך צו צו דער קאַטעגאָריע פּראָפעסיאָנאַלען, — טיף פעראינטערעסירט אין

דעם, אַז זײַן אַרבייט זאָל זײַן מעגליך פולקומען, און די ווערטער זײַנע זאָלען ניט אַוועק אויפ'ן ווינט. און כדי דאָס וואָרט זאָל ניט געהן לאיבוד, דאַרף עס זײַן דורכגעטראַכט, ווילטיג און בע־דײַטענד. דער פאַקט, וואָס אין דער שפּיץ פון אונזער הײַנטיגער ליטעראַטור שטעהען פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער, האָט אויפגעהויבען די הײַנטיגע ליטעראַטור אויף אַ העכערער מדרגה און פערטיפט דאָס אחריות־געפיהל פונ'ם שרײַבער פאַר'ן לעזער. כאַראַקטעריסטיש איז דער אַפאָריזם, וואָס איך האָב געהערט אַמאָל אויף אַן אַסיפה פון ליטעראַטען: „די אַלטע ליטעראַטור האָט געוואָלט דעם לעזער מאַכען לאַכען און איז בעצם געווען לײַכטזיניג; מיר, יונגע, קענען כמעט ניט דאָס געלעכטער און בעציהען זיך צו דער ליטעראַטור ניט אין אַן ערך טיפער און ערנסטער". דער אַפאָריזם איז אפשר שוין צו שטאַרק געזאָגט, נאָר אין איהם איז בעהאַלטען אַ קוואַנט אמת. ניט קוקענדיג אויף איהר שטיקלעך־און־ברעקלעך־כאַראַקטער, איז די יונגע ליטעראַטור פונדעסטוועגען געוואָרען בעדײַטענד אַראַנק איהר טיפער, ערנסטער בעציהונג צו זיך, צו אידרע געפיהלען און צו איהרע לעזער.

V

צו דער דאָזיגער פאָרם־רײַכקייט קומט אויך צו די רײַכ־קייט פון שטימונגען און ריכטונגען. עטליכע פון זיי האָבען אַרײַנ־געלעגט אַ בעזונדער שטעמפעל אויף דער נײַעסטער ליטעראַטור. קודם כל דאַרף מען אָנווײַזען אויפ'ן טיפען ראָמאַנטיזם, וואָס האָט דורכגעדרונגען די בעסטע פון די הײַנטיגע שרײַבער; דער דאָזיגער ראָמאַנטיזם האָט זיך אַנטפּלעקט אין דער ליטעראַטור מיט אַלע זײַנע פערצווײַגונגען. דער טיפער אינטערעס פונ'ם הײַנ־טיגען יודען צו זײַן עבר האָט, פערשטעהט זיך, פריהער פון אַלץ געפונען זײַן אויסדרוק אין דער ליטעראַטור.

איטליכס געטרײַע קינד פון זײַן פאָלק ווייסט, אַז עס איז צוגעבונדען צום עבר פון זײַן פאָלק. אָבער די דאָזיגע פעדים, וואָס קניפען צונויף מיט'ן דאָזיגען עבר, זײַנען ניט בײַ אַלעמען גלײַך. איינעם בינדט צונויף מיט'ן עבר דער שכל, דעם צווײַ־טען — דאָס געפיהל, דעם דריטען — דאָס און יענס

אינאיינעם, און ביים פערטען קומט נאָך צו די לעבעדיגע פאַנטאַזיע, בעת זי טרעט שוין אַריין אין אונזער געגענוואַרט, ווי אַ לעבעדיגער דמיון. דער שכל ווייזט אונז אויף יעדען טריט, אַז אונזער אמונה, אונזער מאָראַל, אונזערע מעלות און חסרונות, אונזערע פשוט'ע לעבענס-פיהרונגען און אונזערע איינריכטונגען, אונזער ליטעראַטור און אונזער פילאָזאָפיע זיינען ניט קיין פרוכט פון דער אַרבייט פון דעם דור, אין וועלכען מיר לעבען. הונדערטער פון דורות האָבען געאַרבייט פאַר אונז, ביסלעכווייז האָבען מיר זיך אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער פון אומויסענהייט און פינסטערניש צו ליכט, פון באַרבאַריזם צו ציוויליזאַציע. נאָר כדי צו פיהלען אַ דאַנקבאַרקייט און אַ ליבע צו די, וואָס האָבען געאַרבייט אין די פריהערדיגע דורות, איז נאָך וועניג — ריכטיג צו פערשטעהן דעם עבר; מען דאַרף נאָך עפּעס פיהלען אויך. און דער, וואָס פיהלט, בעגנוגענט זיך ניט מיט דעם, אַז די געגענוואַרט נעמט זיך פונ'ם עבר. זיינע געדאַנקען זיינען בעשטראַלט און בעוואַרימט מיט געפיהלען פון אַכטונג און דאַנקבאַרקייט צו יענע, וואָס האָבען שווער געאַרבייט און מיט יסורים געטראַכט פאַר אונז נאָך מיט יאָהרהונדערטער פריהער, איידער מיר זיינען געבוירען געוואָרען. זעלטענער פאַר אַלץ טרעפט זיך, אַז צום שכל און צום געפיהל קומט נאָך צו די לעבעדיגע פאַנטאַזיע, וואָס שאַצט אָב די מעלות און דעם צויבער פון דער ניט-קלאָרער פערגאַנגענהייט. נאָר די דאָזיגע פאַנטאַזיע אַליין איז מסוגל אויפצולעבען אין אונזער בעוואוסטזיין אַ לעבעדיג בילד פון פערגאַנגענע צייטען. גרויס איז יענער מייסטער, וואָס איז בכח אויפצושטעלען לויט ניט-פערענדיגטע צייכענונגען דעם אמת'ן פּלאַן פונ'ם בנין, וואָס זעהט די חורבה פון אַן אַלטען טעמפּעל און שטעלט זיך באַלד פאָר, ווי עס האָט אויסגעזעהן דער היכל ביי זיין חנוכת הבית. און נאָר יענער מעג זאָגען, אַז ער קען, פיהלט און שטעלט זיך פאָר זיין ווייטען עבר, וועמען עס איז געגעבען געוואָרען די פעהיגקייט אויפצולעבען די פילפאַרביגע געשטאַלט פונ'ם עבר אין אַלע זיינע גרויסע און טרויעריגע צייטען — לויט אַלטע פערשריבענע ביכער, לויט אָבגעריסענע פנקסים און פערשיידענע דענקמעלער פון דער איבערגעבליבענער אָביעקטיווער קולטור.

פֿאַר׳ן הײַנטיקן שרײַבער איז דער עבֿר שוין ניט דאָס, וואָס פֿאַר זײַן פֿאָרגייער פֿון דער השכּלה-צײַט. ווי אַ ברייטע פּאַנאָראַמע, אַ פּרעכטיקע און אַ רײַכע, איז אויסגעשפּרייט פֿאַר זײַן גײַסטיקן אויג די פֿאַרגאַנגענהייט. און אַלץ לעבט אויף אויף דער דאָזיקער פּאַנאָראַמע: דער בלאָער הימעל פֿון ארץ-ישׂראל מיט די שניי-בערג און מיט׳ן ירדן; די גרויסע נבֿיאים, ווי ישעיה, וואָס איז שטרענג אין זײַן שטראָפֿנדיקן כּעס, גרויס און ליכטיק, בעת ער זאָגט נבֿיאות וועגן זײַנע אוניווערסאַל-וועלטלעכע אידעאַלן; דער נבֿיא ירמיהו, וואָס געדט אויס פֿון יסורים איבער דעם גרויסן פֿאָלקס-טרויער; די תּנאים און אמוראים, די אַלטע דענקער און פֿילאָזאָפֿן, דער רמב״ם און דון-יצחק אַבֿרבנאל. יעדער יודישער חורבן האָט זיך פֿאָרגעשטעלט דעם נײַעם שרײַבער, ווי זײַן אייגענער חורבן. אינאיינעם מיט די פּנימ׳ער פֿון די קרבנות, וואָס זײַנען אומשולדיק דערהרג׳עט געוואָרן, זעהט ער אויך די ליכטיקע געזיכטער פֿון די קדושים, וואָס האָבן זיך מוסר-נפֿש געווען פֿאַר זייער אמונה.

מ. ז. פֿײַערבערג, איינער פֿון די גרעסטע פֿאָרשטעהער פֿון דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט אָנגערופֿן דעם יודישן עבֿר מיט׳ן נאָמען „צללים („שאָטענס״). אָבער די זײַנען געווען פֿאַר איהם פּ ל אַ ס ט י ש ע ר, איידער פּשוט׳ע שאָטענס. זיי האָבן איהם שטענדיק אַרומגערינגעלט, ווי אַ צווייטער עולם נעבן דעם אמת׳ן; די דאָזיקע שאָטענס פֿלעגן איהם דערצעהלן פֿון אַ וועלט, וואָס איז גרעסער, רײַכער, הייליקער פֿון דער אַרומיקער, און האָבן איהם געוויזן דעם היפּוך פֿונ׳ם קליינלעכן, וואָכעדיקן פֿינסטערן קליינשטעטלדיקן יודישן לעבן. „תּמיד״, שרײַבט ער, „בעת מײַן האַרץ פּרעסט זיך צונויף און די נשמה ווערט אַרומגענומען פֿון אַ מאָדנעם כּישוף, ציהט מיך צו עפּעס, וואָס לאָזט זיך ניט אָנרופֿן מיט׳ן נאָמען; בעת איך פֿיהל, אַז מײַן נשמה גאַרט נאָך עפּעס אַ זאַך, וואָס מען קאָן אין ערגעץ ניט געפֿינען; בעת מײַנע אויגן, פֿול מיט טרערן, זוכן עפּעס אַ ליב בילדעל, אויף וועלכן זיי זאָלן קאָנען אויסגיסן זייער פֿײַכטקייט, — דעמאָלט אַנטלויף איך אין בית-מדרש, אין מײַן אַלטער פֿאַרגאַנגענהייט״.

„איך ווייס ניט, פֿון וואַנען דאָס נעמט זיך. נאָר פֿונדעסט-

ווענען איז אזוי: פאראן מינוטען, בעת איך זעה פאר זיך ניט קיין בילדער, נאר טויזענטער מחנות מענשען און דורות, און ווי בעדייטענד און גרויס זיינען די דאזיגע מענשען און וואס פאר א שיין עס געהט פון זיי! ניין, איך בין ניט איינער אליין... פיל אומגליקליכע, וואס זיינען געגליכען צו מיר, געפינען זיך מיט מיר אינאיינעם. דא זעה איך יענע וועלט, יענע גוטסקייט, יענע אייביגקייט און יענע גרויסקייט, וואס שפרייטען זיך אויס הינטער מיין רוקען. און דא זעה איך, ווי גרויס און ברייט ס'איז גאטס וועלט".

אויף ווי ווייט די לעבעדיגע וועלט ווערט פערשטעלט ביי פייערבערג'ן דורך די מחנות שאטענס פון דער פערגאנגענהייט, זעהט מען קלאר פונ'ם קליינעם ווהי, וואס האט זיך ארויסגעריסען ביי איהם אינ'ם ניט-פערענדיגטען ווערק: „לאן?" („וואוהין?"). „די גאנצע וועלט", שרייבט ער, „פערנעמט אין מיין הארצען ניט מעהר, ווי איין פינטעלע, און מיין הארץ איז ניט מעהר ווי איין פינטעלע אינ'ם אלטען בית-המדרש, און ווען די זון פערגעהט, ווערט שוין פינסטער אומעטום. איך קוק אויף מיין בית-מדרש, ווי אויף א בנין, וועלכער שטעהט אינ'ם מיטעלפונקט פון דער וועלט, וועלכער גיסט שטראהלען ליכט אויף אלץ, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען מענש".

אזא לעבעדיג געפיהל צום עבר, ווי ביי פייערבערג'ן, וואס האט ארויסגעלעגט א בעדייטענדען שטעמפעל אויף דער ליטעראטור, ניט קוקענדיג אויף דער קליינער צאהל פון זיינע ווערק, בעווייזט, וואס פאר א מעכטיגע קוואליע פון ראמאנטיזם ס'האט ארומגעכאפט דעם יונגען דור. איטליכס פאלק, וואס מוז אין א געוויסען מאמענט ברעכען מיט'ן עבר, כדי אויפצונעמען נייע געדאנקען און צוצופאסען זיך צו די נייע איינפלוסען, וועלכע האבען א קליינע שייכות צו די טראדיציעס פון זיין פריהערדיגער געשיכטע, לעבט איבער אן עפאכע פון ראמאנטיזם. בלויז יענע פעלקער, וואס טרעטען אריין אין דער וועלט-געשיכטע מיט אן ארימער פערגאנגענהייט, ווייסען ניט פון די יסורים פון א ראמאנטיקער, וואס געפינט זיך צווישען צוויי וועלטען, ווי צווישען צוויי מאגנעטען, און קאן ניט געפינען קיין וועג צונויפצושמעלצען אינאיינעם ביידע פערשיידענע וועלטען.

אין א ווייניגער אלגעמיינער, דערפאר אבער שוין אין א מעהר

קאָנקרעטער פאָרם האָט זיך אויסגעדריקט דער ראָמאַנטיזם פון די נײַע שרײַבערס אין זײַער בעהאַנדלונג פון דעם חסידיזם. די דאָזיגע וועלט, אויף וועלכער די פריהערדיגע שרײַבער האָבען געקוקט מיט אַזאַ אָפענער פעראַכטונג און פאַר וועלכער זיי האָבען ניט געשפּאָרט קיין סאַטירישען גיפט, כדי זי ענדגילטיג צו פערשוואַכען, האָט געפונען אין דער נײַער ליטעראַטור די שטאַרקסטע פערטיידיגער און פערעהרער. די חסידישע וועלט איז אַפילו פריהער אויך אַמאָל אָבגעשאַצט געוואָרען אַדאַנק דעם בעוואוסטען שרײַבער צווייפעל, דעם פובליציסט פון „השחר", י. בערנשטיין און שפּעטער אַדאַנק דעם היסטאָריקער דובנאָוו; אָבער זייערע איינצעלנע שטימען האָבען ניט געקאָנט אויסוואָרצלען די אַלגעמיינע אומגערעכטע בעציהונג צום חסידיזם און זײַנע אידעען. נאָר אין דער ספערע פון ראָמאַנטישע שטימונגען האָט געקאָנט געשעהן דאָס, וואָס האָט ניט אָבגעגאָלטען די פריהערדיגע שרײַבער.

די נײַע בעציהונג צום חסידיזם איז געווען ניט נאָר די ראָמאַנטיק פונ'ם עבר, נאָר אויך די צוקונפטס-ראָמאַנטיק. אויפ'ן סמך פון חסידיזם, וואָס האָט אונז געוויזען אַ ייִדען מיט לעבעדיגע געפיהלען און מיט אַן אָפּטימיסטיש-פּאָזיטיווער בעציהונג צום לעבען, מיט אַ טיפען פאַנאַטיזם, שטאַרקע לײַדענשאַפטען און אַ פעהיגקײַט צו אַן עלעמענטאַרער התלהבות — האָט די יונגע ליטעראַטור אָנגעהויבען צו גלויבען אין דער צוקונפט פונ'ם יודישען פאָלק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אײביגען קוואַל פון אַ רײַכען געפיהלס-לעבען. דער יודישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט פאָראויסגעזעהן די שווערקײַט פון דער אַרבייט, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען, האָט זיך געשטיצט אין חסידות, וואָרום אַזאַ פערגאַנגענהײַט פון אַ פאָלק האָט געזיכערט אויך זײַן צוקונפט. חוץ דעם שאַצט די חסידישע וועלט-אָנשויאונג — אין פערגלײַך צו דער אַלטער, ראַציאָנאַלער — ווי געהעריג אָב דאָס געפיהלס-לעבען, ניט אָב אַ גרויסען אָרט דעם ווילען; מיט איין וואָרט, די דאָזיגע וועלט-אָנשויאונג אָנערקענט דעם יסוד, אויף וועלכען עס איז געבויט דאָס בענײַטע יודענטום. אויף אַזאַ אופן איז די ראָמאַנטישע בעציהונג צו חסידות אַ בעזונדערער מין פונ'ם פײַערבעדיג'שען ראָמאַנטיזם. אינ'ם ערשטען שטופּט די „שאָטען-וועלט" שוין ניט אָב די רעאַלע וועלט;

פערקעהרט, זי בעלעבט די רעאַלע וועלט, מאַכט זי רײַכער מיט נײַע געפיהלען און נײַע ווילענס-אימפולסען. אין הערבער איז די התפעלות פאַר'ן חסידיזם פרײַ פון דער פאַראַליזירענדיגער השפעה, וואָס נעמט זיך פונ'ם מעהר-אַלגעמיינעם ראָמאַנטיזם אין פײַערבערג'ס גײַסט. כדי צו זעהן, ווי טיף עס איז דער אינטערעס צו חסידות אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, איז גענוג אָנצורופען די בעוואוסטע נעמען פון יענע שרײַבער, וואָס האָבען אָבגעגעבען זייער בעלעטריסטישע, פילאָזאָפישע אָדער וויסענשאַפטליכע פען צום חסידישען לעבענס-שטייגער און צו דער וועלט-אָנשויאונג פונ'ם חסידיזם. י. ל. פרץ, מ. י. בערדיטשעווסקי, י. שטיינבערג, ה. צייטלין, ש. האָראָדעצקי, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש, ווײַסענבערג א. אַז. וו. — כמעט אַלע פאָרשטעהער פון דער יונגער ליטעראַטור — זײַנען געוואָרען בערירט אויף זייערע פאָרשונגען און שעפערישע, קינסטלערישע אַרבייטען וועגען חסידיזם.

דער דריטער מין ראָמאַנטיזם, וואָס האָט זיך בעוויזען אין אונזער יונגער ליטעראַטור, געהערט שוין אינגאַנצען צום צוקונפטס-ראָמאַנטיזם, אויף וויפיל די דאָזיגע צוקונפט איז געוואָרען דער ערשטער און לעצטער פרינציפּ פון דעם יידישען נאַציאָנאַליזם. אַ בעזונדערן שטעמפעל האָט דער דאָזיגער ראָמאַנטיזם אַרויפגעלעגט אויף דער יונגער פובליציסטיק, ווי אַחד העם, נ. סאָקאָלאָוו, דר. ש. בערנפעלד און אַז. וו., כאָטש ניט וועניג פאָעטען, מיט ביאַליק'ן אָן דער שפיץ, האָבען ניט איינמאָל אָבגעגעבען איהר זייער טאַלענטפולע פען.

VI

אינאיינעם מיט דער ראָמאַנטישער ריכטונג פערנעמט אין דער יונגער ליטעראַטור אַ וויכטיגען אָרט די רעאַליסטישע און אַפילו די גראָב-נאַטוראַליסטישע ריכטונג, וואָס מיהט זיך אויפצודעקען די גאַנצע נאַקעטקייט פונ'ם יודישען לעבען. אין די ערצעהלונגען פון א. רייזענ'ען און אַנדערע טרעט אַרויס דער אָפענער דלות פונ'ם יודישען לעבען, וואָס שפּילט זיך אָב לרוב אין קליינע שטעטלעך; דאָרט ווערט געשילדערט אַ מאַסע, וואָס בעשטעהט פון גײַסטיגע און מאַטעריעלע קבצנים. נאָך בולטער טרעט די אָרימ-

קייט פון דעם דאָזיגען לעבען אַריין אין די ווערק פון יונה ראָזענפעלד, וואָס נעמט צו צו זיינע טעמעס מיט אַן אומברחמנות'דיגען נאַטוראַליזם אין אַ טיפען פסיכאָלאָגישען אַנאַליז.

מען קאָן ניט זאָגען, אַז די לעצטע ריכטונג שטעהט אין אונזער ליטעראַטור אויף אַ בעזונדערס הויכער מדרגה. דער יונגער דור איז צו רייך אין פערשיידענע אידעאַלאָגישע טענדענצען, כדי אַ ריינער נאַטוראַליזם, וואָס פאָדערט פונ'ם מחבר אַ גרויסע קינסט־לערישע קאַלטבלוטיגקייט, זאָל זיך קאָנען שטאַרק פונאַנדערבליהען. ווי דאָס זאָל ניט קלינגען משונה'דיג: דער רעאַליזם פונ'ם יודישען לעבען האָט ניט בעזונדערס שטאַרק פערנומען די שרייבער פון דער יונגער ליטעראַטור.

דערפאַר איז די פסיכאָלאָגישע ריכטונג געוואָרען פאַר אונזערע יונגע שרייבער בעזונדערס נאָהענט צום האַרצען. מען קאָן זאָגען אָהן אַ שום גוזמא, אַז אַ גוטער טייל פון די ווערק ביי אונזערע יונגע שרייבער איז בעשטימט מיט דער קראַנקער פסיכיקע פון דעם, וואָס עס ווערט אָנגערופען אין דער רוסישער ליטעראַטור „דער אונטערערדישער מענש". מען דאַרף זיך פאָר־שטעלען, ביי וואָסערע ספּעציפישע בעדינגונגען ס'איז אויסגעוואַקסען דער היינטיגער שרייבער, כדי צו פערשטעהן זיין בעזונדערן אינטע־רעס צום „אונטערערדישען מענש". ער האָט זיך אָבגעריסען פון זיין פּאַטריאַרכאַלישען עבר און איז אַוועק אין דער גרויסער שטאָט ניט בלויז נאָך אַלגעמיינער בילדונג, נאָר אויך כדי צו זוכען אַ נייעם אינהאַלט פאַר זיין יודישער נשמה. ער געפינט זיך דערווייל אין אַ פאָרמירונגס־פּראָצעס, פרעמד דערווייל פאַר זיינע אייגענע און פונקט אַזוי פרעמד פאַר די אַנדערע. ער רייסט זיך ניט אָב פון זיין פאָלק, ווי זיינע פאָרגענגער פון די פריהערדיגע דורות — ער וויל בעשאַפען אַ סינטעז צווישען זיין יודישקייט און די אַלגע־מיין־מענשליכע פאָדערונגען פון זיין נשמה. ס'איז, ווי ער וואָלט געשוועבט צווישען צוויי וועלטען, ווי אַן אייביגער אומרוה; ער איז ניט אָבגעשטאַנען לגמרי פון זיין היימישען ברעג און איז צו קיין אַנדערן ענדגילטיג ניט צוגעשטאַנען. סאָציאָלאָגיש שטעלט ער פאַר אַ פערזענליכקייט, וואָס קאָן זיך מיט קיין שום סאָציאַלער סביבה ניט צונויפגיסען. דער אויסגעוואַקסענער יודישער אָרגאַניזם

האָט אָבגעטיילט פון זיך אַ קאַטעגאָריע מענשען, וואָס מיר רופען געוועהנליך איבערגאַנגס־טיפען. כל זמן זיי זיינען נאָך יונג, געהט זייער לעבען פאַרביי אין דער וועלט פון נאַקעטע געדאַנקען, אידעען, האָפנונגען און בטחון, און מיט אַן איבערגעטריבענער גדלות קוקען זיי אויף זיך, ווי אויף די ערשטע פון אַ בעסערער צוקונפט. אָבער שפּעטער, בעת עס קומט זיי אויס דורכצופיהרען די דאָזיגע אידעען אין לעבען, געפינען זיי ניט קיין נאַציאָנאַלען באָדען אונטער די פיס, געפינען זיי ניט דעם מינימום שטח, דאָס ביסעלע רחבות, וואָס איז נאָר פאַראַן אין אַ ברייט־ענטוויקעלטען נאַציאָנאַלען לעבען. און די שאַפענדע יודישע פערזענליכקייט געהט אַוועק „אונטער דער ערד“, ווייל זי געפינט זיך ניט קיין אָרט אין דער געוועהנליכער סביבה פון אַ פאָלק, וואָס האַלט נאָך ערשט אין ווערען, אין זין פון אַ ברייטען נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. און דאָרט איבערצייגט זי זיך, אַז זי איז לחלוטין ניט צוגעפּאַסט צום רעאַלען לעבען, ווייל איהר גייסטיגע וועלט און די מאַטעריעלע סביבה זיינען לגמרי פערשיידען. די דאָזיגע פערזענליכקייט פיהלט זיך טיילמאָל ווי יענעם פאַרמבול׳דיגע בעשעפעניש — האַלב פויגעל, האַלב שרץ, ווי דער אָנפאַנג פון אַ נייעם צווייגעל, וואָס איז נאָך ניט אַוועק פונ׳ם שורש און איז נאָך אַזוי ווייט פון די וואַרימע זונען־שטראַלען.

נאָך אַלעם דעם איז קלאָר, פאַרוואָס די אַלע טיפּען פון נאָמבערג׳ן, ברענער׳ן, שאָפּמאַנ׳ען, אַנסקי׳ן, דעם אַמאָליגען אַש׳ן, רייזענ׳ען און אַנדערע געהער׳ען צו די „אינטערערדישע טיפען“, וואָס זיינען אָבגעריסען פון יעדער סביבה און פערברענגען איינזאַם זייער טרויעריגען לעבען מיט אַ מאָדנער בעציהונג צו זייער סביבה, צו דער רעאַלער וועלט און צו דער אייגענער נשמה. און די רייפע, איינגענאַרטיגע, נישט גלאַטע פּסיכאָלאָגיע פון די דאָזיגע מענשען האָט צוגעצויגען צו זיך די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט פון דער יונגער ליטעראַטור.

דיזעלבע סבות, וואָס האָבען גענויט די יונגע שרייבער זיך אָבצוגעבען דער פּסיכאָלאָגישער ריכטונג, האָט אויך געשאַפען אַ פרוכטבאַרען באָדען פאַר׳ן וואוקס פון סימבאָליזם, וואָס טרעט קלאָר אַרוים ביי פרצ׳ן, הירשביינ׳ען און עטליכע וועניגער בעוואוס־

טע שרײַבער. ניט ווילענדיג, דוכט זיך, נעמט מען זיך צו אַלערליי אַרטען פון סימבאָליזם, ווײַבאַלד די רעאַלע סביבה האָט אין זיך אַזוי ווינציג אײדעלקײַט, איז אַזוי פרעמד אַ פּאָעטישער נשמה, אַז זי גיט שוין ניט קיין שום געשטאַלטען, קיין שום אײדעלען מאַטעריאַל, וואָס איבער איהם זאָל קאָנען אַרומשוועבען דער פּאָעטישער געדאַנק אָדער דאָס הויכע געפיהל.

ווען מען זאָל נאָך בעטראַכטען דעם אײנפלוס פון דער סלאַווישער דעקאַדענטישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אויף דער יונגער יודישער ליריק, זעהט מען, אַז די יונגע ליטעראַטור פערמאָגט כמעט אַלע ריכטונגען פון יעדער אַנדער מאָדערנער ליטעראַטור. אײנס נאָך געהט איהר אָב — און מחמת דעם טאַקע טרעטען די אײנצעלנע ריכטונגען ניט אַרויס אַזוי בולט — דאָס איז קינסטלערישקײַט, אַרטיסטישע אָבגעטאָקטקײַט, עס פעהלט איהר טראַדיציאָנעלע, יאָהרהונדערטלאַנגע קינסטלערישע קולטור.

ניט אין איהרע פאָרמען, ניט אין איהרע ריכטונגען צייכענט זיך די נײַע ליטעראַטור אויס מיט איהר אָריגינאַליטעט. די פאָטערס פון דער יודישער נאָוועלע זײַנען שווענטאָכאָווסקי, טשעכאָוו, גאָרקי און אַנדערע, און זייער אײנפלוס אויף אונזערע שרײַבער פיהלט זיך שטאַרק. מיט אַ קלײנעם אויסנאַם האָט זיך די גאַנצע ליריק אונזערע ענטוויקעלט אַדאַנק דעם אײנפלוס פון די אייראָפּעאישע פּאָעטען. יעדע יודישע דראַמע בעזונדער ווײַזט דעם אײנפלוס פון די נײַע שולען אין דער אייראָפּעאישער דראַמאַטורגיע. וועגען דער פריהערדיגער ליטעראַטור לאָזט זיך דאָס דוקא ניט זאָגען. די פאָרם פון אַבראַמאָוויטש'עס, שלום-עליכם'ס ווערק איז אַזוי אָריגינעל, אַז ס'איז שווער צו געפינען עפּעס עהנליכעס אין אַנדערע ליטעראַטורען. אָבער די נײַע ליטעראַטור איז אונז הויפּטזעכליך טײַער מיט איהר אינהאַלט. אין די אַלגעמיין-אייראָפּעאישע פאָרמען האָט זי אַרײַנגעלעגט אַ ריין פאָלקסטימליכען אינהאַלט; דעם אַלטען ווײַן, וואָס האָט פון דאָס-נײַ אָנגעהויבען צו יוירען, האָט זי איבערגעגאָסען אין נײַע פעסער.

שוין דאָס אַליין, וואָס די נײַע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי ברייט בענוצט מיט פרעמדע אײנפלוסען, בעווײַזט, ווי וויפיל עס האָט זיך ענטוויקעלט דער יודישער אָרגאַניזם, וואָס האָט ניט מורא געהאַט

צו פערלירען זיין „נאַציאָנאַלען פּנים“, בשעת ער האָט דורכגעלעבט פרעמדע איינפלוסען און בענוצט זיך מיט דער עשירות פון אַ פרעמדער קולטור. און די נייע ליטעראַטור אין געשטאַלט פון איהרע פאַרשטעהער — איז טיף דורכגעדרונגען מיט'ן בעוואוסטזיין, אַז די פרעמדע פאָרמען, די אַנטליהענע ריכטונגען וועלען ניט צודעקען די עכטקייט פון זייערע שטימונגען, די אייגענטימליכקייט פון זייער שאַפונג, וואָס איז עכט-פאָלקסטימליך און דערגרייכט טיילמאָל צו די שפּיצען פון אַ נאַציאָנאַלען אויסדרוק.

געווים איז דעם יודישען שרייבער אָפט זעהר שווער און עס טוט איהם אָפט באַנג צו נעמען זיך צו גאַנץ נייע פאָרמען, אָדער ווענינסטענס צו אַזוינע, וואָס זיינען לחלוטין פרעמד דער יודישער ליטעראַטור. ניט שטענדיג גילט איהם אָב אַריינצופּאַסען אינגאַנצען זיין „איך“ אין דער נייער פאָרם; אָבער אַזוי ווי ער איז דורכגעדרונגען מיט'ן ווילען צו פערברייטערן די פאָרמאַלע רעמלעך פון זיינע קינסטלערישע געדאַנקען, שטעלט ער זיך פאַר קיין שום שוועריגקייטען ניט אָב. י. ל. פּרץ, דער יונגסטער צווישען די יונגע, ניט קוקענדיג אויף זיינע יאָהרען, האָט געוויזען אין ווייזט נאָך עד היום די חברים זיינע, ווי אַזוי מען דאַרף דאָס טון. ס'וועט ניט זיין קיין גוזמא, אויב מיר וועלען זאָגען, אַז פאַר דער יודישער ליטעראַטור איז כאַראַקטעריסטיש אויך דער שטריך, אַז איהרע פאַרשטעהער שטרעבען צו פערברייטערן די פאָרמאַלע רעמלעך איהרע און צו מאַכען זי אויף אַזוי פיל פיליטיג בנוגע צו פאָרם און ריכטונג, אַז זי זאָל ניט פערשעמט ווערען פאַר די ליטעראַטורען פון אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס פערמאָגען אַ מעהר ענטוויקעלטע קינסטלערישע קולטור.

VII

אָבער ניט בלויז לויט דער פילזייטיגקייט פון פאָרמען און ריכטונגען איז די יונגע ליטעראַטור ניט אין אַן ערך רייכער פון דער אַלטער, זי האָט אויך אַריינגעבראַכט נייע ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע י ס ו ד ו ת, וואָס די פריהערדיגע קינסטלער פון וואָרט האָבען כמעט איגנאָרירט.

די יודישע פּאָעזיע האָט פריהער כמעט ניט געוואוסט פון

ריטמישען פערז. אפילו דער גרויסער י. ל. גארדאן האט ניט איבעריג פיל מקפיד געווען אויפ'ן ריטם פון זיינע שירים. כדי צו פערשטעהן דעם מהלך, וואס טיילט אב אין דעם פרט די אלטע פאעטען פון די נייע, איז גענוג אוועקצושטעלען כאטש י. ל. גארדאנ'ען, דעם גרעסטען העברעאישען פאעט פון די 60-ער און 70-ער יאהרען, אין איין שורה מיט ש. טשערניכאווסקי'ן, וואס שטעהט לויט זיין רייכען און פערשיידענארטיגען ריטם אן דער שפיץ פון דער מאדערנער העברעאישער פאעזיע. כאטש די אלטע פאעטען האבען גע־קענט ניט ערגער פון די היינטיגע געטע'ן, הייגע'ן און די איבעריגע גדולים פון דער אייראפעאישער פאעזיע, וואס צייכענען זיך באזונדערס אויס דורך דער אונענדליכער פערשיידענארטיגקייט פון זייער מוזיקאלישען ריטם, דאך איז זיי אויפ'ן זינען ניט ארויף, אז די העברעאישע שפראך זאל אין פרט פון מוזיקאלישען פערז קאנען קאנקורירען מיט אנדערע שפראכען. זיי האבען כמעט אלע געהאלטען פונ'ם אלטען משקל-סיסטעם, וואס פאדערט פון יעדען פערז א בעשטימטע צאהל פון זילבען און אינקלינאציעס. די גאנצע מוזיקאלישע קונסט פון שרייבען שירים, אנגעהויבען פון יאמבען, כאריעען און דעם אלעקסאנדריישען פערז, האט אין זייערע אויגען לחלוטין ניט געטויגט פאר דער העברעאישער שפראך. איך וויפיל די דאזיגע מיינונג איז געווען פאלש, הערווייזט אונז היינטיגע העברעאישע פאעזיע, וואס איז זעהר מוזיקאליש. דיזעלבע בעציהונג האט געוועלטיגט אויך בנוגע צו דער ליטעראטור אין דער יודישער שפראך — ניט מיכל גארדאן, ניט גאלדפאדען האבען ניט געהאט קיין חשק צו מאכען זייער פערז מוזיקאלישער. און די, וואס פלעגען שוין בענוצען וואסער ס'איז ריטם, פלעגען זיך שקלאפיש האלטען ביי יאמבען אדער כאריעען, ניט וועלענדיג רעכענען זיך מיט דעם, אז ניט יעדע פאעטישע שטימונג קאן מען צופאסען צו א בעשטימטען ריטם. כרוג אין פרץ זיינען די ערשטע, וואס האבען זיך אנגעהויבען אינטערעסירען מיט'ן מוזיקאלישען פערז; אבער ענטוויקעלט האט ער זיך אדאנק מאריס ראזענפעלד'ן, רייזען'ען, יהואש'ן, איינהארנ'ען און אנדערע. די יודישע ליטעראטור האט נאך, חוץ דעם, איינגעכאפט דעם רידערענדיג-נאאיווען טאן און דעם פרימיטיווען ריטם פונ'ם יודישען פאלקס-ליד;

אויף אזא אופן האָבען א סך מאָדערנע שרייבער בערייכערט די יודישע פּאָעזיע מיט אזוינע לידער, וואָס ס'איז שווער צו אונטערשיידען זיי פון אמת'ע פאָלקס-לידער.

דער צווייטער קינסטלערישער עלעמענט אין דער נייער ליטעראטור איז דער פ י י ז א ז ש. ניט פרץ, ניט שלום-עליכם, כאָטש זיי זיינען שוין אזוי נאָהענט צו דער מאָדערנער ליטעראטור, גיבען אונז ניט קיין שילדערונגען פון דער נאטור. און אויב מען בעגעגנט ביי זיי אמאָל עטליכע שטריכען, וואָס בעדארפען אָנצייכענען עפּעס א פּייזאזש, זיינען זיי אויף אזוי וועניג טאלענטירט, אז עס ווארפט זיך תיכף אין די אויגען, ווי גלייכגילטיג דער מחבר בעציהט זיך צו זיין שילדערונג. דאָס לאָזט זיך אויפ'ן ערשטען קוק ניט זאָגען וועגען אבראמאָוויטש'ן, וואָס האָט אונז געגעבען ניט איין גוטען פּייזאזש. אָבער טאקע ווען מען קוקט זיך צו נעהענטער צום פּייזאזש פון אבראמאָוויטש'ן, זעהט מען, ווי ווייט דער יודישער מאָלער איז געווען פארצייטען אָרעם אין פארבען און ניואנסען. חוץ דעם האָט אבראמאָוויטש ביי זיינע נאטורשילדערונגען צופיל געמיהט זיך צו פ ע ר י ו ד י ש ע ן די נאטור, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אז דער לעזער וועט איהם ניט פערשטעהן. דעריבער איז ער אריינגעפאלען אין אזא מין עקסטרעם: דורך פערשיידענע סימבאָלען האָט ער געמאַכט די נאטור אויף אזוי פיל עהנליך צו דער נשמה פון א יודען פון זיין פרומער צייט, אז א מענשען פון היינטיגען דור, וואָס פערמאָגט א מעהר דיפערענצירטע נשמה, הערמאָנט זיין שילדערונג גיכער א געלונגענע קאריקאטור, איידער אן אָביעקטיווע נאטורשילדערונג.

א פאָלק, וואָס איז אין א משך פון יאָהרהונדערטער געווען אָבגעריסען פון דער נאטור, האָט, פערשטעהט זיך, ניט געקאָנט האָבען קיין ריכטיגע השגה וועגען איהר. ביי איהם אין זכרון זיינען נאָך פערבליבען פאָרשטעלונגען וועגען א פרעמדער נאטור, אָדער וועגען דער, וואָס קומט פאָר אין תנ"ך, אָדער וועגען יענער, וואָס האָט זיך אָבגעשפּיגעלט ביי די מיטעלאלטערליכע פּאָעטען מיט יהודה הלוי אָן דער שפּיץ. אין זיין כמעט אויטאָביאָגראפישען ווערק „שלמה רב חיים'ס" גיט אונז אבראמאָוויטש א פּרעכטיגע כאראקטעריסטיק פון זיין דור און זיין בעציהונג צו דער נאטור.

דער דאָזיגער דור האָט געוואוסט, אַז ס'זיינען פאַראַן צעדערן פון לבנון, וועגן וועלכע ס'דערצעהלט דער תנ"ך, און האָט ניט געהאַט קיין ברעקעל השגה וועגן דעם לעבעדיגען העמב, וואָס איז געוואַקסען פינף טריט פון דער שול. אַלע זיינע ידיעות וועגן זאָאָלאָגיע און באָטאַניק האָבען געהאַט אַ שייכות צו אַ וועלט, וואָס איז בעגראָבען אין ספרים און וואָס ער האָט דאָס קיינמאָל ניט געזעהן; פערקעהרט, די לעבעדיגע וועלט האָט דער דאָזיגער דור ניט געקאָנט בענעמען מיט זיינע חושים. דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבען דער וועלט דעם קאַפּ. 104 פון תהלים, דעם „ברכי נפשי“, דעם התפעלות'דיגסטען הימן צו דער נאַטור, האָט אינ'ם משך פון די יאָהרהונדערטער אויף אַזוי פיל פערלאָרען דעם געפיהל צו דער נאַטור, אַז זי האָט כמעט ניט פערנומען קיין אָרט אין זיין נשמה.

נאָר דאָס געפיהל צו דער נאַטור, וואָס איז אַוודאי אַמאָל לעבעדיג געווען ביי דער יודישער ראַסע, ווי דאָס ווייזט איהר לאַנגע פערגאַנגענהייט, האָט נישט געקאָנט לגמרי פערשוואונדען ווערען; ווי נאָר דער יודישער אָרגאַניזם האָט זיך דערפיהלט אין מעהר גינסטיגע בעדינגונגען, האָט דאָס דאָזיגע פערטריקענטע געפיהל ווידער אַמאָל אויפגעלעבט. עס איז גענוג צו דערמאָנען אָן די פייזאַזשיסטען פיסאַראָ, לעסער אורי אין אייראָפּע און לעוויטאַן, ליפשיץ און ניימאַן אין רוסלאַנד, אום זיך אין דעם קלאָר צו איבערצייגען. דער פייזאַזש איז אַריינגעדרונגען אויך אין דער נייער ליטעראַטור, כאָטש זי האָט נאָך ניט אַזוינע וויכטיגע פאָרשטעהער, ווי אין דער מאָלעריי. פייערבערג, ביאַליק, טשערניכאָווסקי און אַנדערע אין דער העברעאישער ליטעראַטור; אַש, נאָמבערג און איינהאָרן — אין דער יודישער ווייזען אונז קלאָר, אויף וויפיל דאָס געפיהל צו דער נאַטור איז אין דער יונגער ליטעראַטור אויסגעוואַקסען און פערפעסטיגט געוואָרען.

מען דאַרף אָנווייזען נאָך אויף אַ דריטען קינסטלערישען עלעמענט, וואָס דרינגט דורך די שאַפונגען פון מאַנכע פון אונזערע יונגע: דאָס איז די נייע בעציהונג צו שטוביגע בהמות אינ'ם יודישען לעבען. די דאָזיגע שטומע עדות פונ'ם מענשליכען לעבען ווערען עפּעס אונזערע נאָהענטע בעשעפענישען און הערען יעדענפאַלס אויף צו זיין פאַר אונז גלייכגילטיג. דאָס ליכט פונ'ם

אַלגעמיינעם לעבּען פּאַלט ווי אַן אָפּשיין אויף אונזערע פירפיסיגע פריינד, און אַן אמת'ער קינסטלער קאָן זיך ניט בּעגעהן אָהן זיי, אויבּ ער וויל, אַז זיין שילדערונג זאָל זיין אַ פולע. חוץ דעם האָט איטליך פאָלקס־לעבּען זיין ספּעציעלע היימישע חיות־וועלט, און דעריבּער איז אַ געוויסער מין פון שטובּיגע בּהמות בּעזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יזייערע בּעלי־הבּתים.

דער דאָזיגער דריטער קינסטלערישער עלעמענט מערקט זיך נאָך ערשט אָן אין אונזער ליטעראַטור, אָבּער ער האָט שוין אַ פאָרשטעהער אין מ. סטאַוסקי'ן, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל שילדערן אונז די שטובּיגע בּהמות און וואָס האָט אונז שוין געגעבּען אַ גאַנצע רייה פון פרעכטיגע סקיצען, ווי עס לעבּען די שטומע עדות פון אַ יודען אין אַ יודיש הויזגעזינד.

VIII

די כאַראַקטעריסטיק פון אונזער יונגער ליטעראַטור וואָלט געוועזן נישט קיין גאַנצע, ווען מיר זאָלען זיך ניט אָפּשטעלען אויפ'ן שפּראַכען־קאַמף אין איהר. ווי דאָס זאָל ניט זיין מאָדנע — אונזער ליטעראַטור פון די לעצטע צעהנדליג יאָהרען בּויט זיך אויפ'ן פונדאַמענט פון צוויי שפּראַכען, פון דער העבּרעאישער און פון דער יודישער שפּראַך. די דאָזיגע אַנאָמאַליע, וואָס איז, ליידער, ניט די איינציגע בּיי אונז, איז געוואָרען די סיבּה פון אַ בּרודער־קאַמף. צווישען די שרייבּער האָבּען זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבּען געהאַלטען פאַר בּילכער די העבּרעאישע שפּראַך און געקוקט מיט פעראַכטונג אויף יענע, וואָס שאַפען אין יודיש. און די לעצטע האָבּען מיט חוזק געקוקט אויף זייערע חברים, וואָס מיהען זיך אַריינצוגיסען אין אַ ניט־געערדטער בּיכער־שפּראַך דאָס לעבּעדיגע, אַלטעגליכע לעבּען. די שרייבּער האָבּען זיך צוטיילט אויף העבּראיסטען און יודישיסטען לויט דעם נאָך, וואָס זיי האָבּען געהאַלטען פאַר דער שפּראַך פון דער יודישער צוקונפט. בּיידע צדדים זענען אַרויסגעטראָטען מיט אַ גאַנצען אַרסענאַל ראיות, איטליכער פאַר דער שפּראַך, וועלכע ער פערטיידיגט. די יודישיסטען האָבּען זיך געשטיצט, ווי אויף אַ שטיינערנעם פעלזען, אויף דער ראיה, אַז יודיש איז די לעבּעדיגע שפּראַך פון גוטע

צווי דריטעל פונ'ם יודישען פאָלק, אַז כאָטש די שפּראַך האָט ניט קיין איבעריג וויכטיגען עבר, האָט זי זיך דאָך שוין איינגעוואָרצעלט אין דער יודישער נשמה און האָט אַלע מעלות פון אַ לעבעדיגער שפּראַך. די העברעאיסטען, פערקעהרט, האָבען אָנגעווייזען, אַז יודיש קאָן שוין דעריבער אַליין ניט זיין די שפּראַך פון אונזער צוקונפט, ווייל עס איז אָבגעריסען פון אונזער היסטאָרישען עבר און שפּיגעלט אפילו איצט אויך ניט אָב דאָס גייסטיגע לעבען פון פאָלק, וואָס קוקט אויף יודיש, ווי אויף דער וואָכעדיגער שפּראַך, וועלכע טויג נאָר פאַר די סאַמע פּשוט'ע בעגריפען. די דאָזיגע מחלוקת, וואָס האָט זיך נאָך ניט געענדיגט ביז'ן היינטיגען טאָג, האָט געבראַכט דערצו, אַז די יודישיסטען האָבען אויף זייער קאָנפערענץ אין טשערנאָוויץ פּראָקלאַמירט די יודישע פאָלקס-שפּראַך פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך. און די העברעאיסטען האָבען געגרינדעט זייער אָרגאַניזאַציע „הסתדרות", כדי צו מאַכען העברעאיש פאַר דער שפּראַך פון אונזער צוקונפט.

דער שפּראַך-קאַמף נעמט זיך ניט פון ריין-לאָגישע חקירות, נאָר גיכער פאַר אַלץ — פון דער בעציהונג פון יעדערן צום ווייטערדיגען קיום פונ'ם יודישען אָרגאַניזם. די, וואָס געפינען זיך מעהר אונטערן איינדרוק פון דער לעבעדיגער געגענוואַרט, איידער אונטער'ן היפּנאָז פונ'ם האַלב-טויטען עבר, האָבען זיך ניט ווילענדיג געשטעלט אויפ'ן צד פון די יודישיסטען, פאָלגענדיג שלמה המלכ'ס פּרינציפּ: „בעסער אַ לעבעדיגער הונט איידער אַ טויטער לייב". די העברעאיסטען ווידער, וואָס זיינען שטאַרק נוטה צו ראָמאַנטיזם און זיינען פערכּשופ'ט פונ'ם ליכטיגען עבר, אַנטקעגען וועלכען די געגענוואַרט זעהט אויס אַזוי מיאוס און אָרעם, זיינען ניט מודה, אַז „דער לייב איז געשטאָרבען", און זיינען איבערצייגט, אַז ער וועט אויפלעבען פון-דאָס-ניי. זעהר כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז צו דער מחנה פון יודישיסטען זיינען צוגעשטאַנען העררויפּט צוויי עלעמענטען פונ'ם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען. פון איין זייט — די קענער און ליבהאָבער פון פאָלקס-לעבען אין פאָלקלאָר, קינסטלער-רעאַליסטען און אַלע די יעניגע, פאַר וועלכע דאָס וואָרט בעקומט לעבען און ווערט אַ קינסטלערישער עלעמענט בלויז דעמאָלט, ווען דאָס דאָזיגע וואָרט קלינגט טאָג-טעגליך אין מויל

פון אַ גרויסען קבוץ. פון דער אַנדער זייט שטיצט זיך דער יודישיזם אויף די יודישע סאָציאַליסטען פון פערשיידענע ניואַנסען, וואָס זיינען ווייט פון יעטווידען ראָמאַנטיזם און זעהען אין יודיש אַ פאַרטיגען פונדאַמענט, אויף וועלכען זיי קאָנען גרינג פערווירקליכען זייערע אַלגעמיינע אידעאַלען.

די העברעאיסטען ווידער זיינען לרוב די פאָרשטעהער פון דער נאַציאָנאַלער אידעע; ביי זיי איז בעזונדערס שטאַרק דאָס געפיהל צו דער פערגאַנגענהייט, און זיי לעגען ניט קיין גרויסען ווערט אויפ'ן מאַסען-לעבען און די געוועהנהייטען פון דער מאַסע.

פונ'ם דאָזיגען קאַמף, וואָס האָט צעשפאָלטען דעם היינטיגען ליטעראַרישען דור אויף צוויי פיינדליכע מחנות, האָט די יונגע ליטעראַטור אָבער ניכער געוואונען, ווי פערלאָרען. סיי די העברעאיסטען, סיי די יודישיסטען האָבען ענטוויקעלט זייער שפּראַך, ניט געזשאַלעוועט קיין אַרבייט, כדי אויסצווייזען, אַז ווי פיל זייער שפּראַך קאָן בעפרידיגען די פערשיידענע פאָדערונגען פון דער צייט. די יודישיסטען האָבען בעשאַפען די מאָדערנע יודישע פרעסע מיט איהרע פיל טעגליכע צייטונגען, זאַמעלביכער און זשורנאַלען. אויך די העברעאיסטען קאָנען שטאָלצירען מיט דער פרעסע, וואָס זיי האָבען בעשאַפען; די דאָזיגע פרעסע שטעהט אין פרט פון ליטעראַרישקייט אויף אַ העכערער מדרגה, ווי די יודישע, אָבער אין פרט פון לעבעדיגקייט, ווי אויך אין אַ סך אַנדערע הינזיכטען, שטעהט זי שטאַרק אָב פון דער יודישער. ס'איז כדאי צו בעמערקען, אַז ניט קוקענדיג אויף דער איבענדערמאָנטער צעטיילונג, איז ניטאָ כמעט קיין איין בעדייטענדער נאָמען אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וואָס זאָל ניט אַרבייטען אין אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער מאָס אויף ביידע שפּראַכען. און אַ סך שרייבער קאָנען זיך רעכענען פאַר די בעשעפער אי פונ'ם העברעאיזם, אי פונ'ם יודישיזם. וועגען אַ סך שרייבער ווידער איז בכלל שווער צו זאָגען, אין וואָסער קאַטעגאָריע שרייבער מען דאַרף זיי אַריינרעכענען. איבעריגענס, איז די דאָזיגע בעזונדערקייט כאַראַקטעריסטיש ניט נאָר פאַר'ן איצטיגען שרייבער; פאַרצייטען איז געווען פונקט דאָסזעלבע. די בעסטע ראיה זיינען אַבראַמאָוויטש און פרץ, וואָס האָבען אונז

געגעבן זייערע שאַפונגען אין ביידע שפּראַכן. זיי קאָנען רוהיג אָנגערופען ווערען די בעשעפער אי פון דער נייַ־העברעאישער, אי פון דער יודישער ליטעראַטור.

ביי די היינטיגע שרייבער זיינען פאַראַן ציטען, ווען זייער פען דינט אויסשליסליך דער פאָלקס־שפּראַך; פאַראַן ווידער ציטען, בעת זיי שרייבען נאָר העברעאיש. הלל צייטלין און נאָמבערג זיינען די בעסטע ביישפּילען דערצו. און די־יעניגע שרייבער, וואָס בענוצען זיך נאָר מיט איין שפּראַך, ווי אַש און אַנדערע, בעווייזען זיך פונדעסטוועגען באַלד אין אַ גוטער איבערזעצונג אויף די שפּאַלטען פון אַ זשורנאַל אין דער אַנדער שפּראַך. די צווייִשפּראַכיקייט פון'ם היינטיגען שרייבער ווייזט בעסער פאַר אַלץ, אַז די שפּראַכען־פראַגע לאָזט זיך ענטשיידען פונקט אַזוי ווייניג, ווי יעדע אַנדערע פערשאָלטענע שאלה, וואָס איז נוגע דאָס יודישע לעבען. די פּראַקטיק פון'ם לעבען צעקלאַפּט מיט אַ בלינדער עקשנות די פלומר'שט אייזענפעסטע ראיות און בעשאַפט אַזוי'נע ערשיינונגען, ווי איין־און־איינציגע ליטעראַטור אין צוויי שפּראַכען. ווארום די יודישע ליטעראַטור איז אַן איין־און־איינציגע, ניט קוקענדיג אויף איהר צווייִשפּראַכיקייט. אַלע בעזונדערקייטען, וואָס כאַראַקטעריזירען די ליטעראַטור אויף איין שפּראַך, כאַראַקטעריזירען אויך די אַנדערע, און דער, וואָס וויל זיך בעקענען מיט די איבערלעבונגען פון'ם היינטיגען יודען, קאָן זיך ניט בעגעהן ניט אָהן דער און ניט אָהן יענער. פון'ם העברעאישען בוך דאַרף ער איבערגעהן צום יודישען און פערקעהרט, אויב ער וויל זיך בעקענען מיט עפּעס אַ מאָדערנעם שרייבער, וואָס האָט געשאַפען אין ביידע שפּראַכען ווערק כמעט מיט אַ גלייכען אינהאַלט און מיט אַ גלייכער שטימונג. אמת, ס'זיינען פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טרעטען אַרויס פאַר אונז מיט צוויי פּנימ'ער — לויט דער שפּראַך, אין וועלכער זיי שרייבען. מ. י. בערדיטשעווסקי איז אין דעם פּרט אַ זעלטענער ביישפּיל. נאָר ווען מען דרינגט אַריין טיפער אין דער שאַפענדיגער פּערזענליכקייט פון בערדיטשעווסקי'ן, ווערט זיין צוויי־פּנימ'דיגקייט בּיסלעכווייז פערשוואונדען.

איהר אָבער צו אַ בעזונדערן ניואַנס און גראַד וועגן אַ טרויעריגען. ניט דער העברעאיסט, ניט דער יודישיסט טראָגען ניט אין זיך קיין פּעסימיסטישע איבערצייגונג, אַז זייער שפּראַך איז סוף-כל-סוף בעשערט דער נצחון. דורכדעם דערקלערט זיך אפשר דער פאַקט, אַז ניט די, ניט יענע שפּראַך, זיינען ניט געזיכערט פון דעם, אַז עס זאָלען זיך אין זיי ניט אריינרייסען לייכטזיניגע ווענדונגען, וואָס זיינען פרעמד דעם גייסט פון דער שפּראַך.

IX

די בליהונג פון דער יונגער ליטעראַטור פאַלט צונויף מיט דער בליהונג פונ׳ם יודישען געזעלשאַפטליכען לעבען. כאָטש די דאָזיגע ליטעראַטור לעבט שוין עטליכע צעהנדליגער יאָהרען, דאָך האָט זי זיך פונאַנדערגעבליהט ערשט אין דעם לעצטען צעהנדליג. די בעסטע שאַפונגען פון אַלע די, וואָס זיינען יעצט געוואָרען אונזערע געליבטע שרייבער, בעווייזען זיך כמעט איננאַנצען אין דער דאָזיגער עפּאָכע. אָנהויבענדיג פון ביאַליק'ן און ענדיגענדיג מיט אַש'ן, זיינען זייערע בעסטע ווערק אָנגעשריבען געוואָר'ען גאַנץ ניט לאַנג, מיט אַ יאָהר 7—8 צוריק. אין דער אַטמאָספערע פון אַ שטאַרקער נאַציאָנאַלער בעוועגונג און אַדאַנק דעם איינפלוס פון סאָציאַליזם, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דעם יודישען לעבען, איז די יודישע ליטעראַטור אויסגעוואַקסען אין אַ שעהנער בלום און האָט צוגעצויגען צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון אַזוינע קרייזען, וואָס האָבען זיך געהאַלטען ווייט פון אַלץ, וואָס דערמאָנט אָן יודישקייט. ס'קאָן זיין, אַז אַדאַנק דעם דאָזיגען פאַקט, האָט מען זיך אין געוויסע אייראָפּעאישע קרייזען אָנגעהויבען אינטערעסירען מיט דער יודישער ליטעראַטור. פּרץ, שלום-עליכם, ביאַליק, אַש, מאָרים ראָזענפעלד און אַנדערע זיינען איבערזעצט געוואָרען אויף אייראָפּעאישע שפּראַכען, און די אייראָפּעאישע קריטיק האָט זיך צום מיינסט בעצויגען צו זיי מיט אינטערעס, טיילמאָל מיט התפעלות.

אין די לעצטע יאָהרען בעמערקט זיך אַ געוויסער שטילשטאַנד אין דער ליטעראַטור. ס'דוכט זיך, אַז אי די העברעאיסטען, אי די יודישיסטען האָבען זיך שוין אויסגעשעפּט און זיינען מעהר ניט

בכח צו שענקען אונז אַזוינע ווערק, וואָס זאָלען שטעהן אויף דער מדרגה פון די אַמאָליגע אַרבייטען זייערע. ס'האָט אַ פנים, ווי די יונגע ליטעראַטור וואָלט האָבען צו גיך אָפּגעלעבט, אַז די סימנים פון עלטער זיינען געקומען פריהער, איידער דאָס קומט פאַר נאָרמאַל. ס'איז אָבער ניטאָ קיין ספק, אַז אין דעם דאָזיגען הערווייליגען שטילשטאַנד זיינען שולדיג אַ סך סיבות, וואָס ליגען טיילווייז אין אונז גופא, טיילווייז אין די אויסווייניגסטע פּאָליטישע געשעהענישען. צו די אינעווייניגסטע פאַקטאָרען געהערט די עוואָלוציע, וואָס די יודיש־נאַציאָנאַלע בעוועגונג האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע פופצעהן יאָהר. די נאַציאָנאַלע בעוועגונג, וואָס האָט זיך צוערשט פערשפּרייט ווי אַ געוויסער און וואָס האָט בעקומען דעם קלערסטען אויסדרוק אין ציוניזם, איז אַריין צוריק אין איהרע ברעגעס, טיף ענטוישענדיג איינע און געבענדיג אַנדערע אַ בעפרידיגונג ביי אַ בעגרענצטען פעלד פון טעטיגקייט.

די אויסווייניגסטע פּאָליטישע געשעהענישען אין רוסלאַנד, — אינ'ם לאַנד, וואו די יונגע ליטעראַטור האָט זיך הויפּטזעכליך ענטוויקעלט, האָבען געוואַלדיג געווירקט אויף יעדען דענקענדען יודען, געגעבען איהם צו פיהלען אַזוינע שרעקענישען, איינגעעפענט פאַר איהם אַזאַ גיהנום, אַז ער האָט זיך ניט־ווילענדיג צוגיפּגעקאָרטשעט אין דרייען און אַוועק אויף אַ צייט לאַנג אין ענגען פּערזענליכען לעבען. ס'איז שווער גענוג אָפּצושאַצען, ווי גרויס ס'איז דער חילוק צווישען יענעם, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון די רעאַלע געשעהענישען פון די לעצטע יאָהרען, און דעם, וואָס האָט שוין געפיהלט דעם קלאַפּ פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז אַריבער איבער זיין קאָפּ. הגם די דאָזיגע געשעהענישען וועלען ניט זיין בכח אַראָבצושטופען דאָס יודישע פאָלק פונ'ם אָנגעמערקטען וועג, דאָך האָבען זיי בעשאַפען אַזאַ פערלאָרענקייט, אַזאַ יאוש, אַזאַ מין צייטווייליגע גלייכגילטיגקייט פון ווילען און געדאַנק, אַז דאָס גייסטיגע לעבען האָט זיך שוין בשום אופן ניט געקאָנט ענטוויקלען ווייטער. און בעת די געשעהענישען זיינען אַריבער מיט זייער שאַרפקייט, האָט זיך דער יודישער געדאַנק אָפּגעשטעלט פאַר אַ סך קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, וואָס האָבען

געמאַכט דעם פֿערפֿלאָנטערטן קניפּל פֿונ׳ם יודישן לעבן נאָך פֿערפֿלאָנטערטער, נאָך קאָמפּליצירטער.

מ׳דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די ווײַטערדיגע אַנטוויקלונג פֿון דער יודישער ליטעראַטור האָט זיך איבערגעריסן. פֿון אויסווייניג, ד. ה., אין כמות, פֿערקלענערט זי זיך בכלל ניט, און ס׳געהט ניט פֿאַרבײַ קיין חודש, אַז ס׳זאָלן ניט פֿאָרקומען קיין נײַעסן אין איהר. ס׳וואַקסט דער קרײַז פֿון יודישע לעזער, ס׳פֿערגרעסערט זיך דער אינטערעס פֿון פֿערשיידענע געזעלשאַפֿטליכע קרײַזן צו דער שאַפֿונג פֿונ׳ם יודישן שרײַבער, און ס׳פֿערשטאַרקט זיך דער אָבקלאַנג פֿון זײַנע ווערטער. די שטילקײַט, וואָס געוועלטיגט אין דער ליטעראַטור, איז בעמערקליך נאָר פֿאַר ווענ׳גע, נאָר די דאָזיגע וועניגע ווייסן, אַז די דערמאָנטע שטילקײַט איז בלויז אַ הערווײַליגע. זאָל מען זיך נאָר בעפֿרײַען פֿון די אײַנדרוקן פֿון די מורא׳דיגע געשעהענישן אין די לעצטע יאָהרען; זאָל זיך נאָר אָנהויבן אַן אויפֿלעבונג פֿון דער געזעלשאַפֿטליכער ענערגיע — און די ליטעראַטור וועט זיך פֿונאַנדערבליהען פֿון דאָס־נײַ, אין אפֿשר נאָך פּרעכטיגער; וואָרום די יונגע ליטעראַטור האָט אָבגעטאָן אַ גרויסע אַרבייט אין דער הינזיכט פֿון שאַפֿן נײַע פֿאָרמען, ריכטונגען און פֿון אַרײַנפֿיהרען נײַע קינסטלערישע עלעמענטן. די לאָזט איבער, דעריבער, אַ רײַכע ירושה פֿאַר דעם דור, וואָס קומט נאָך איהר צײַט.

אַ גאַנצע רייה פֿון סימנים ווײַזט שוין, אַז ס׳הייבט זיך אויף אַ נײַע כוואַליע פֿון געזעלשאַפֿטליכער ענערגיע. דער קאָשמאַר פֿון די לעצטע יאָהרען ווערט צערונען ביסלעכווײַז. אינ׳ם יודישן לעבען קאָן מען אָנווײַזן אויף אַ גאַנצער רייה געזעלשאַפֿטליכע אונטערנעמונגען, ווי למשל, די אָרגאַניזאַציע פֿון די סטודענטן, די פּרובען צו בעשאַפֿן אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע פֿאַר די עמיגראַנטען און, ענדליך, די פּרובען צונויפֿצורופֿען אַן אַלגעמיין־יודישן קאָנגרעס. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז דאָס אַלץ זײַנען בלויז סימנים פֿון אויפֿלעבונג, ניט די אויפֿלעבונג גופא. נאָר ס׳וואָלט געהייסן לחלוטין זיך אַרײַנלאָזן אין פּעסימיזם, וואָס פּאַסט אַזוי ניט פֿאַר דער יודישער פֿאָלקס־נשמה, אויב מיר וואָלטן ניט געגלויבט און געהאָפֿט,

אַז ס'וועט קומען אין גיכען אַ געזעלשאַפטליכע איבערלעבונג. און צוזאַמען דערמיט וועט אומבעדינגט פונאַנדערבליהען זיך אויך די יידישע ליטעראַטור, וואָס בעקומט פליגלען נאָר אין טומעל פון קאַמף, אין אַ סביבה פון האָפענונגען, פון אַן אַנגסט־געפיהל פאַר דער צוקונפט, צוגלייך מיט אַ געפיהל, אַז די צוקונפט ליגט אין אונזערע אייגענע הענט און קרעפטען.

אין יאָהר 1913.

חיים נחמן ביאַליק*.

I

חיים נחמן ביאַליק, דער בערימטעסטער נאַציאָנאַל־יודישער פּאָעט פון אונזער צייט, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר 1873 אין דאָרף ראַדי, וואָס עס געפינט זיך אין וואָלינער גובערניע. זיין פאָטער, אַ יוד אַ למדן, אָבער נישט קיין בעל־מוצלח, האָט געהאַלטען צוליב דער אָרימער פרנסה וועגען. אַ קרעטשמע ביים עק דאָרף.

די ערשטע קינדהייט פון קליינעם נחמנ׳קעל איז אַריבער אין אַ פרייער ריינער לופט פון אַ גוי׳שען דאָרף, נישט ווייט פון די גרויסע און געדיכטע וועלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען צום טאַטענס קרעטשמע.

אויך שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט פערלאָזען דאָס הערפעל און האָט זיך בעזעצט אין זשיטאָמיר אין שטאָט, נעבען די שענע און מאָלערישע ברעגעס פון טייך טעטעריעוו, אין דער קליינער נחמנ׳דעל נאָך נישט געווען אַזוי דערווייטערט פון גאָטס נאַטור, ווי אַן אַנדער יודיש קינד, וואָס וואַקסט אין די שאָטענס פון יודישע שטעטלעך און שטעט.

אפשר האָט די השגחה מיט אַ כיון געוואָלט, אַז דער צוקינפטיגער פּאָעט זאָל אַיינזויגען שוין פון קינדהייט אויף די שענקייט פון גאָטס וועלט? אפשר האָט זי איהם שוין פאָראויס צוגעגרייט דעם באַלזאַם, וואָס זאָל לינדערן זיינע שמערצען אין די טעג, ווען אויף זיינע ליפּען וועלען זיך טראָגען ביטערע קללות אויף זיך, אויף זיין פאָלק און אויף דער גאַנצער וועלט?

* בעשריבען אלס איינלייטונג צו דער אויסגאבע פון פּאָעטס יודישע לידער און פּאָעמען.

צו זיבען יאָהר איז ביאַליק געוואָרען אַ יתום. כל זמן דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, איז די נויט נישט געווען אַזוי גרויס; נאָכ'ן טויט אָבער פון זיין פאָטער איז באַלד אַריין דער דלות אין הויז פון קליינעם נחמן און האָט זיך דאָרטען ברייט צעזעצט, ווי אַ צווייטער בעל-הבית.

ווער עס וויל זיך פאָרשטעלען די שוידערהאַפטע אָרימקייט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב פון קליינעם ביאַליק'ן, דער זאָל דורכלייענען זיין ליד „שירתי“ (מיין ליד), וואו דער פּאָעט דערקלערט דעם לעזער אין אַ בייזען טאָן, פול מיט עקעל און ביטערקייט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען ביי איהם דער קוואַל פון זיין ליד. זיין לעהר-מייסטער איז געווען דער גריל, וואָס גרילצט תמיד אין די אָרימע הייזער, וואו דער אויווען איז שטענדיג קאַלט, און וואו די שטילע געדריקטקייט פון נויט און צרות-ליידען, פון שטענדיגען אָנגעוועהטאָגט זיין — מאַכט הילכיגער און גרילצענדיגער דעם גריל אונטערן אויווען.

דער גריל איז געווען דער זינגער, וואָס האָט איהם אויסגעלערנט זינגען, און וואָס האָט קיינמאָל נישט געפעהלט אין כאָר, ווען זיין אומעטיגע שטים האָט אָנגעהויבען עפּעס טרויעריג צו טערעלייקען. — —

„ווען מיין טאַטע האָט מחמת אָרימקייט געמאַכט פון אַ שבת אַ וואָכעדיגען טאָג; בשעת אויפ'ן טיש האָט געפעהלט דער וויין צו קידוש און די ווייסינקע חלות; ווען מאָגערע הלבנע, רויבערדיגע, ברודנע ליכטלעך האָבען געוואָרפען מיאוסע שאָטענס איף די ווענט; און זיבען קינדער, האַלב פערהונגערט, האַלב פערשלאָפען, זיינען געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, און די מאַמע האָט אַ פערומערטע געהאָרכט, ווי זייערע מאַטע שטימען בעגריסען די „מלאכי-השרת“; ווען דער טאַטע, ווי אַ פערשולדיגטער, אַ הערשלאָגענער און אַ פערצאָרנטער האָט געשניטען מיט אַ טעמפּען מעסער דאָס שוואַרצע ברויט און דעם עק פון הערינג...

„מיר האָבען נאָך נישט צעקייט דאָס שוואַרצע שטיקעל ברויט, איינגעטונקט אין זאַלץ, און שוין אָנגעהויבען נאָכצוזינגען דעם טאַטען מיט אַ פּוסטען בויך און אַ ליידיגען מאָגען די זמירות, — דעמאָלט האָט זיך אויך דער גריל בעהעפט צו אונזער זמירות-

כאָר, און האָט זמירות׳דיג געגרילצט פון זיין פינסטערן שפּאַלט״ (שירתי).

נאָכ׳ן פאָטערס טויט איז ביאַליק אַריבער צו זיין זיידען, אַ שטרענגען, פאַנאַטישען יודען, וואָס האָט פיינט געהאַט די פרעהליכע נאַאיווע שטיפעריי פון אַ יונג קינד. ביאַליק, זייענדיג אונטער דער שטרענגער השגחה פון זיין זיידען, האָט געמוזט שטאַרק ענטוויקלען זיין כח־הדמיון און פּאָעטישע איינבילדונגס־קראַפט, אום צו קאָנען כאָטש אין דער פאַנטאַזיע לעבען, אַזוי ווי איהם געלוסט זיך אַליין, נישט ווי עס געלוסט זיך זיין זיידען. זעהר אָפט פלעגט ער זיך ראַטעווען פון זיין זיידענס שטרענגע לעבענס־געגנ דורכדעם, וואָס ער פלעגט אַוועק ווייט־ווייט הינטערן שטאָט און זיך אָבגעבען אינגאַנצען אַזוינע נאַטור־איינדריקען, וואָס ביים זיידען איז דאָס געווען אַ גרויסע עבירה און אַ מיאוסער חטא.

חיים נחמן ביאַליק האָט זיך זעהר שנעל ענטוויקעלט. שוין צו צוועלף יאָהר האָט ער אָנגעהויבען זיך בעקענען מיט׳ן „כוזרי״, „מורה נבוכים״, מיט די מיטעלאַלטערליכע יודישע פילאָזאָפען, מיט׳ן „זוהר״, מיט ספרים פון קבלה און חסידות א. אַז. וו. צו דרייצעהן יאָהר האָט ער פערלאָזען דעם חדר מיט די רביים און איז אַוועק אין בית־המדרש לערנען פאַר זיך.

דאָס בית־המדרשיל, וואו ער האָט געלערנט, איז געווען ביים עק שטאָט. זעלטען ווען עס פלעגט דאָרט אַריינקומען ווער, חוץ בשעת דאַוונען. די פערשיידענאַרטיגע געפיהלען פון אַ בחור, וואָס לערנט אַליין פאַר זיך, עלענד און איינזאַם אין ערגעץ אַ פערוואָרפענעם בית־המדרשיל, האָט געפונען שפּעטער ביים דיכטער אַ וואונדערליך פּאָעטישען און טיפען אָבקלאַנג אין זיין פּאָעמע „דער מתמיד״, וואָס איז אַרויס אין יודיש אין דער איבערזעצונג פון שוואַרץ און וועגען וועלכער עס וועט נאָך אונז אויסקומען צו רעדען.

דורך אַ צופאַל האָט נחמן זיך בעקענט מיט אייניגע ספרים פון דער ניי־העבּרעאישער ליטעראַטור, און דער דאָזיגער צופאַל האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין געפיהלס־לעבען. ביאַליק׳ן האָט זיך שטאַרק פערוואָלט אַריינדרינגען אין די נייע אידעען און קענטעניסען, און אַזוי ווי וואָלאָזשין האָט דעמאָלט געשמט, אַז איגאיינעם מיט גמרא און יורה דעה לערנט מען אין דער בערידמ־

טער ישיבֿה אַלגעמיינע למודים — האָט זיך ביאַליק אַוועקגעלאָזט קיין וואָלאָזשין.

אין סוף פֿון די אַכציקער יאָרן און אין אָנהייב פֿון די נײַנציקער יאָרן פֿון פֿאָריקן יאָרהונדערט, ביז צו דער צײַט, ווען די רעגירונג האָט צוגעמאַכט די וואָלאָזשינער ישיבֿה — איז איך וואָלאָזשין געווען דער אָרט, וואו ס'זײַנען אַרײַנגעדרונגען די נײַעסטע אידעען, וואָס האָבן שפּעטער אַזוי בעפֿרוכפּערט דאָס יודישע לעבן. אין דער דאָזיקער בערימטער ישיבֿה האָבן שטענדיג געקעמפֿט בײַ די ישיבֿה-בחורים צוויי געדאַנקען-וועלטן: די קאָנסערוואַטיווע אַלטע יודישע אויפֿפֿאַסונג פֿון לעבן און די נײַע רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָט געוואָלט צופּאַסן די נײַע מאָדערנע אידעען צו דער אַלטער יודישקייט. אין דער צײַט פֿון השׂכּלה און שפּעטער זײַנען עס געווען די פֿערבעראַלטענע משׂכּילים, וואָס זײַנען „פֿערשטאָכן" געוואָרן פֿון אַ ריב"ל, אַ ר' מרדכי אַהרן גינצבורג, אַן אַברהם מאַפּו, וועלכע האָבן אויסגעדריקט די נײַע אידעען. אין דער צײַט פֿון חבת-ציון זײַנען עס געווען די פֿערבעראַלטענע חובֿבֿי-ציון אינטער די יונגע-לײַט, די תּלמידים פֿון ליליענבלום און שפּעטער פֿון אַחד-העם, וואָס האָבן געקעמפֿט קעגן דער פֿערגליווערטער אַלט-אָרטאָדאָקסער יודישער אויפֿפֿאַסונג און מיט דער גאַנצער ערלעכקייט און התלהבֿות פֿון אַ יונגער נשמה געמיהט זיך איבערצואַנדערשען די אַלטע אָבגעלעבטע פֿאָרמען דורך נײַע, פֿרישערע, געזוכט צו פֿערבינדען דאָס אייביגע פֿון יודענטום מיט דעם נוצליכען און גרייסן פֿון דער לעבעדיגער צײַט.

ח. נ. ביאַליק איז גראָד געקומען אין דער וואָלאָזשינער ישיבֿה, ווען דאָס נײַע, לעבעדיגע אין יודענטום אין געשטאַלט פֿון חבת-ציון האָט צעשפּריט זײַנע פֿליגלען איבער אַלע פֿיהלענדען און דענקענדען יונגעמאַן, פֿערכאַפּט מיט דעם צויבער פֿון זייער שענקייט און וואָרהאַפֿטיגקייט.

ס'איז אַ גרויסער שאָדען, וואָס קיינער פֿון ביאַליקס ביאָגראַפֿען שטעלען זיך גענויער נישט אָב אויף דער וואָלאָזשינער עפּאָכע פֿון זײַן לעבן. ווען מען נעמט די יאָהרען פֿון ביאַליקס לערנצײַט אין דער וואָלאָזשינער ישיבֿה פֿון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, פֿיהלט מען, אַז די דאָזיגע צײַט האָט געמוזט האָבן אויפֿ'ן דיכ-

טער דעם טיפסטען איינפלוס; אַז די מענשען און די חברים פון דער ישיבה, וואָס האָבען דורכגעלעבט דעמאָלט די פרישע, לעבעדיגע צייט פון חבת-ציון האָבען געמוזט געוואַלדיג ווירקען אויף ביאַליקס צאַרטער פּאָעטישער נשמה, האָבען איהם געמוזט, אומבעוואוסטזיניג, געבען דעם ערשטען גרויסען שטויס צו דער אַרט פּאָעזיע, אין וואָס ביאַליק האָט בעוויזען שפּעטער אַזוינע גרויסע וואונדער.

נאָר ווי געזאָגט, די וואָלאָזשינער עפּאָכע פון ביאַליקס יוגענד-צייט איז נאָך ווייניג אויסגעפאָרשט געוואָרען, און מיר מוזען זיך נאָר בעגנוגענען מיט דער פאָלגענדער בעמערקונג.

ס'איז אָנגענומען צו שרייבען, ווען מען דערצעהלט ביאַליקס ביאָגראַפיע, אַז דעם ערשטען און שטאַרקסטען איינפלוס האָט געהאַט אויף ביאַליק'ן דאָס, וואָס ער האָט זיך בעקענט מיט אַחד-העמ'ס אַרטיקלען (אחד העמ'ס „על פרשת דרכים" אַלס בוך איז אַרויס אַ סך שפּעטער). דער, וואָס האָט אָבער אַ קליינע פאָרשטעלונג פון דעם לעבען אין וואָלאָזשינער ישיבה אין דער צייט, ווען ביאַליק האָט דאָרטען געלערנט, מוז אָבער, נישט ווילענדיג, זוכען פריהערדיגע איינפלוסען אויף דעם דיכטערס צאַרטער נשמה.

אַוודאי האָט אחד-העם געשפּילט אין ביאַליקס לעבען אַ גרויסע ראָלע, אָבער, ווי מיר דוכט, האָבען נאָך געמוזט פאַר אַחד-העם קומען אַנדערע השפּעות, ווען מען בעדענקט, אַז אין דעם קרייז פון די ישיבה-לייט, וואָס האָבען געלערנט אינאיינעם מיט ביאַליק'ן זיינען געווען פיל אויסגעצייכענטע קעפּ, וואָס האָבען שפּעטער אַ גרויסען אָנטייל גענומען אין דער יודישער איבעלעבונגס-בעוועגונג.

ביאַליק איז אין דער ישיבה לאַנג נישט געבליבען. ער האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז דאָס, צו וואָס ער שטרעבט, וועט ער אין דער ישיבה נישט בעקומען, און באַלד האָט ער זיך טאַקע גענומען צו אַלגעמיינע קענטעניסען, לעבעדיגע שפּראַכען און מאָדערנע וויסנשאַפטען.

פון דער נייע-העברעאישער ליטעראַטור האָבען שטאַרקער ווי אַלץ געווירקט אויף איהם די שריפטען פונ'ם חבת-ציון-דענקער אַחד-העם (א. גינזבערג).

אין זײַן בעקאַנטען שיר צו אַחד־העמ׳ען רופֿט ער איהם מיט דער דאַנקבאַרקײַט פֿון אַ פּאָעט „מײַן לעהרער“, „מײַן וועג־ווײַזער“, „מײַן שטערן“.

ביאַליק האָט זיך מיט התמדה גענומען לערנען די רוסישע שפּראַך. דאָס ערשטע רוסישע בוך, וואָס ער האָט געלייענט, איז געווען דעם בעקאַנטען רוסיש־יודישען דיכטער שמואל פֿרוגס לידער. באַלד דערויף האָט ער אָנגעשריבען זײַן ערשט נאַציאָנאַל־יודיש ליד „אל צפורי“ (צו מײַן פֿײגעלע).

ביאַליק איז אַוועק קײַן אָדעס, זיך פֿערפֿולשטענדיגען אין אַלגעמײנע למודים, אָבער ער איז דאָרט לאַנג נישט געבליבען. דער טויט פֿון זיידען האָט איהם געצוואונגען אַוועקצופֿאָהרען קײַן זשיטאָמיר. נאָכ׳ן זיידענס טויט (1891) איז די אָרימקײַט פֿון ביאַליק שוין געוואָרען אַזוי נישט צו דערהאַלטען, אַז ער האָט זיך געמוזט נעמען פֿאַר עפּעס אַ מסחר, צו פֿערדינען אויף היונה. צוערשט האָט ער געהאַנדעלט מיט וואַלד, דערנאָך איז ער אַוועק קײַן סאָסנאָוויץ, וואו ער האָט געגעבען שטונדען און זיך ביסלעכווײַז בעשעפֿטיגט פֿאַר זיך מיט ליטעראַטור. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגט זיך בעווײַזען אַ געדיכט פֿון זײַן פֿעדער, וואָס פֿלעגט ווערען געדרוקט מעהרסטענטיילס אין אָהעסער העברעאישע אַלמאַנאַכען און אין „השלח“, אַחד־העמ׳ס מאָנאַט־זשורנאַל. אין אַ קורצער צײַט האָט ביאַליקס פּאָעזיע געמאַכט אַזאַ טיפֿען אײַנדרוק אויף די בעסערע קענער פֿון דער ליטעראַטור, אַז זײַנע פֿרײַנד און פֿערעהרער האָט זיך אײַנגעגעבען איהם אַריבערצופֿיהרען קײַן אָדעס און איהם שאַפֿען די מעגליכקײַט צו אַרבײַטען אויף דעם פֿעלד, וואָס פּאַסט פֿאַר זײַן טאַלענט און טיפֿע פּעדאַגאָגישע נייגונגען.

פֿון דעמאָלט אָן לעבט ביאַליק שטענדיג אין אָדעס.

אינאײנעם מיט רבניצקי און בן־ציון האָט ער שפּעטער געגרינדעט אין אָדעס דעם אויסגעצייכענטען העברעאישען פֿערלאַג „מוריה“. גלײַכצײַטיג איז ער געוואָרען צוערשט אַ נאָהענטער מיטאַרבײַטער פֿון „השלח“ און דערנאָך דער צווײטער רעדאַקטאָר, צוזאַמען מיט ד״ר יוסף קלויזנער.

זײַן פּאָעמע „מעיר ההריגה“ (אויף יודיש — „די שחיטה־שטאָדט“, פֿון דיכטער אַליין איבערגעאַרבײַט), געשריבען אין 1903,

נאָכ׳ן קישינעווער פּאָגראָם, האָט ביאַליק׳ן געמאַכט פאַר דעם גרויסען פּאָעט נישט נאָר פאַר קענער, נאָר פאַר איטליכען לע־זער פון דער גאַס. מען קאָן זאָגען, אַז ביאַליק איז דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער יודישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איין נאַכט און מיט איין ווערק בעקומען אַזאַ געוואַלדיגע אין כשר־פערדינטע פּאָפּולאַריטעט אין אַלע קלאַסען פון יודישען פאָלק.

זינט דעם וואַקסט ביאַליקס פּאָפּולאַריטעט מיט יעדען יאָהר.

אין יאָהר 1904 איז ביאַליק געווען אין פּאַלעסטינע און האָט דאָרט געהאַט אַזאַ קבלת־פּנים, וואָס דאָס קאָן נאָר בעקומען אַ מענש, וועלכער האָט מיט זיין גייסט אויסגעדריקט דאָס בעסטע אין פערבעהאַלטענסטע, וואָס ליגט אין די טיפענישען פון דער פאָלקס־נשמה. די העברעאישע פּאָעזיע האָט געהאַט אַ סך טאַלענטען; דעם נאָמען „נאַציאָנאַלער פּאָעט“ האָט נאָר עהרליך פערדינט איי־נער, און דאָס איז — חיים נחמן ביאַליק.

II

„פון שטאָהל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש — און קום!“ — מיט די דאָזיגע מוראדיגע ווערטער הויבט אָן ביאַליק זיין בעריהמטע פּאָעמע „אין שחיטה־שטאָדט“. די דאָזיגע ווערטער כאַראַקטעריזירען אויך שטאַרק דעם פּאָפּולערסטען טייל פון ביאַליקס פּאָעזיע. ער האָט איינגע־שמידט פון זיין האַרץ עפּעס אַ שטאָהלערנס, האַרטס, עפּעס געמאַכט פון דעם אַזאַ געדיכטען, פעסטען עקסטראַקט פון פערביטערטקייט, צאָרן, שמערץ און כעס, אַז איטליך וואָרט, וואָס קומט פון דעם דאָזיגען האַרצען, ווירקט, ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער, ווי דער סם פון אַ שטאַרק פערקאָכטען גיפט. זיינע נאַציאָנאַלע פּאָעטישע שאַ־פונגען „גראָז איז דאָס פאָלק“, „הימעל, בעט פאַר מיר רחמים“, „דאָס לעצטע וואָרט“, „די שחיטה־שטאָדט“ און אַנד. פיהרען אַזאַ שפּראַך, געברויכען אַזוינע ווערטער, וואָס קריצען זיך איין אין דער נשמה פון לעזער, ווי מען וואָלט מיט אַ שאַרפען גריפעל זיי פערצייכענט אין זיין מאַרך. דאָס זיינען נישט פּאָעטישע בילדער אין געוועהנליכען זין פון וואָרט; אַ סך פון זיי ציינען זיך בכלל

נישט אויס מיט דער גרויסער בילדער־פאַנטאַזיע ווי, למשל, „די שחיטה־שטאָדט“, וואו די פאַנטאַסטיק פון די בילדער איז נאָר־נישט אַזוי רייך און מאַלט דעם איינדרוק פון הערצעהלטע אמת'ע פאַקטען), ווי מיט דעם געפיהלס־טאָן, מיט וועלכען די בילדער זיינען דורכגעדרונגען. און דער טאָן איז אַזוי פערביטערט, אַזוי פול מיט דעם גיפט פון צער און צאָרן, אַזוי גאַליג, פערצווייפעלט און ווילד אין זיך פערביסען, אַז זיי ווירקען פיל שטאַרקער, ווי מאַנכע פון די גרעסטע פּאָעטישע פאַנטאַזיע־בילדער.

אין זיי לעבט דער אָטעם פון דעם, וואָס איך וואָלט אָנגערופען נ ב י א י ש ע פּ אָ ע ז י ע. דאָס בילד בליצט מעהר אויף אינם איינ־צעלנעם וואָרט, ווי אין גאַנצען געמעל, די קראַפט פון זייער פּאָעזיע ליגט מעהר אין דעם שטאַרקען מעכטיגען געפיהל פון פּאָעט, ווי אין די נישט־ערוואַרטעטע בילדער, וואָס דאַרפען אַרויסרופען דאָס געווינשטע געפיהל.

ווען מיר לייענען „אין דער שחיטה־שטאָדט“: „די זון וועט דיר מיט שפּיזען אויסשטעכען די אויגען, אַקאַציען מיט פרישע גרינס־ און ווייס־בעצויגען, וועלען סמ'ען מיט'ן ריח פון בלוט און בליטען“, — זעהען מיר נישט קיין בילד פאַר זיך, נאָר מיר דערשפּירען דאָס טיפע ביטערע געפיהל פון אַן אָנגעוועהטאָגטען געמיט, אָנגעוועהטאָגט איבער אַלע גרעניצען. ווען ביאַליק זאָגט דאָרטען:

„און מאָרגען געה אַרויס אין גאַס, בן־אָדם, —
און זעה! אַ מאַרק פון לעבעדיגע בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענשען־ווערים,
צובראָכענע און איינגעקרימטע רוקענס“ א. אַז. וו.

זעהען מיר ווידער נישט פאַר זיך קיין בילד אין געוועהנליכען זין, נאָר מיר פיהלען דעם גרויסען עקעל און די קאַלט־ביטערע פעראַכטונג, וואָס דער פּאָעט פיהלט צו די מענשען, וואָס פּטר'ן אָב זייער אייביגע שאַנד מיט אַן „אל מלא רחמים“ פאַר די אומשולדיג געשאָכטענע קרבנות. ווען דער פּאָעט, אַלס נביא, הערהערט גאָטס וואָרט, וואָס זאָגט:

„צו שווער דער יאָך, איך קען נישט מעהר!...
געה, רייס פון זייער האַרץ אַן „אוי“,
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרעהר!

און שװער זאָל זײַן די טרעדר און ביטער,
און הױך זאָל זײַן דער לעצטער קרעפֿץ
אַזױ — אַז ד'ערד זאָל טון אַ ציטער
און אָפּטרײסלען פֿון זיך דאָס שלעכטס" —

גיט ער אונז דאָ נישט קײן בילד, װאָס צײכנט זיך אײן מיט זײַנע ליניעס אין אונזער דמיון, נאָר ער מאָלט אונז מיט װערטער אַ געװאַלדיג מאָראַליש געפֿיהל, װאָס רײַסט זיך אַרױס פֿון אַ שטאַרקער מעכטיגער ברוסט מיט אַ נישט־מענשליכען כח.

װען דער נביא האָפֿט נאָך, אַז זײַן װאָרט פֿון טרײסט װעט ברענגען אַן איבערקערעניש אין דער נשמה פֿון זײַן פֿאָלק, װאָס װײסט און פֿיהלט און װערגט זיך שטיל מיט טרערען אין זוכט אַ הילף אין בעט אַ טרײסט, אין ער צעגיסט זיך אין די װערטער:

„איך גײ, איך קום, — כ'װעל הײלען װאונדען,
מיט אײַך אינאײנעם װעל איך בלוטען,
און װוּ מען דאַרף, װעל איך פֿערבינדען,
און װוּ מען מוז, װעל איך אָפּלעקען
דאָס בלוט, װאָס טריפֿט פֿון אײַער װאונד.
כ'װעל טרײסטען, בעטען, װײנען, װעקען —
און װעל ניט לאָזען גײן צום גרונד!
איך גײ, איך קום, — איך טראָג אַ טרײסט,
איך טראָג אַ בשורה פֿון נחמה"! —

דעמאָלט זעהען מיר פֿאַר זיך נישט קײן בילד פֿון אַ נביא, פֿון אַ מענשען, נאָר דאָס בילד פֿון געפֿיהלען, װאָס צעגיסען זיך מיט אַ גרױסער קראַפֿט און װילען מיט דעם אײגענעם פֿײַער דערװאַרימען אַ צעבראָכען, פֿערדאַרט האַרץ.

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער פּאָעט פֿון זעהונגען אין בילדער, נאָר דער פּאָעט פֿון געפֿיהלען. די אײנצעלנע בילדער, װאָס װאַרפֿען זיך דורך, זײַנען בײַ איהם נישט די הױפּט־זאַך. נישט אין דער אָבגעטאָקטער אױסאַרבײטונג פֿון געמעל ליגט ביאַליקס הױפּט־קראַפֿט, נאָר אין דעם, װאָס ער זוכט שטענדיג אַרײַנצופּאַסען זײַן רײַך, שטאַרק געפֿיהל אין די געװעהנליכע װערטער פֿון דער שפּראַך. נאָר אַזױ װי די געװעהנליכע װערטער פֿון דער שפּראַך

קלעקען נישט פאַר זיינע שטורעמדיגע געפיהלען — בענוצט ער זיי,
ווי מען בענוצט די גראָבע גאַסענדיגע ברוקיר־שטיינער, ווען מען
וויל בויען אַ טורעם אָדער אַ בערגעל צו אַ מזבח. ער נעמט צעהנד־
ליגער ברוקיר־שטיינער אויף אַמאָל, ער נעמט אַ סך ווערטער, —
שוין אפשר צופיל ווערטער אויף אַמאָל, — נאָר אַזוי, אַז פון זיי
אַלעמען צוזאַמען זאָל אַרויס עפּעס ערהאַבענעס צו דעם, וואָס ער
פוהלט אין זיין שטורמענדיגען געמיט. דען אויך אין גראָבע ברוקיר־
שטיינער לעבט גאָטס אָטעם.

ווען מען זאָל וועלען קורץ אָבשאַצען דעם הויפּט־ווערט פון
ביאַליקס פּאָעזיע, קאָן מען זאָגען, אַז ער איז דער ערשטער
פּאָעט ביי אונז, וואָס האָט אַנטפּלעקט און געפונען
די פאָרם פאַר דער פּאָעזיע פון די שטאַרקסטע, מעכ־
טיגסטע געפיהלען אין אונזער געפייניגטער נשמה.
דאָס איז נישט די געוועהנליכע ליריק, וואָס האָט שטענדיג צו טון
מיט אַ געפיהל פון אַ שטילערן טאָן, און וואָס קאָן זיך לייכט צו־
פּאַסען צו אַ קאָנקרעטען ליניעס־געמעל, און וואָס איז מעהרס־
טיילס שטאַרק סובּיעקטיוו.

ביאַליקס פּאָעזיע איז די העכסטע ליריק, וואָס וויל אָביעק־
טיוו אויסדריקען נישט נאָר דאָס סובּיעקטיווע ליידען, נאָר די
ליידען און קוואַלען פון אַ גאַנצען פאָלק, וואָס איז צוגלייך זיין
פאָלק.

דעריבער איז ביאַליקס פּאָעזיע אַזוי ענליך צו דער נביאישער.
עס פלאַקערט אין איהר אַ שטורעמדיגע נשמה, עס צאַפּעלט אין
איהר שטענדיג אַן אומרוהיג, צעבלוטיגט האַרץ, וואָס וואַרפט אַרום
זיך מיט אַ קראַנץ פון שטראַלען, פון אַ שטראַלענדיגען געפיהל־
לעבען.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז ביאַליק איז דער ערשטער פּאָעט
ביי אונז, וואָס רעדט מיט אונז אין געפיהלען, נישט אין בילדער,
וויל איך דערמיט נישט זאָגען, אַז ער האָט איבערגעשטייגט די
נביאים; דער חילוק צווישען זיי און ביאַליק'ן איז צו גרויס, אַז
איך זאָל וועלען דורכפיהרען דעם פערגלייך ביז צום סוף. שוין
דאָס אַליין, וואָס די נביאים האָבען אונז צוגלייך מיט זייער רייכען
געפיהלס־לעבען איבערגעגעבען בירושה אייביגע מענשליכע אידע־

צאָלען, שוין דאָס אַליין, וואָס חוץ דער קללה זייערער, חוץ דעם עקעל זייערן, וואָס זיי האָבען געפיהלט צו די מענשען, וואָס ווילען נישט הערען גאָטס וואָרט, האָבען זיי אונז אָנגעצייכענט דעם וועג, וואָס פיהרט צו דעם איינציג ריכטיגען לעבען, — שוין דאָס אַליין שיידט ביאַליקן אָב מיילענווייט פון די נביאים. דען ביאַליק, ביי אַלע זיינע גרויסע גייסטיגע און פּאָעטישע מעלות, ביי דעם גאַנצען כח פון זיין נאַציאָנאַל-פיהלענדען האַרץ, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס גאָט האָט איהם געבענשט אין פערשאָלטען צו טרינקען פון דעם פולען, איבערפולען „בעכער פון צער און צאָרן", — ביי אַלעם דעם, איז ביאַליק אַלס געדאַנקען-מענש (נישט אַלס געפיהלס-מענש!) אַ קינד פון אונזער צייט, דער גדול, וועלכער איז געשטאַנען אין איין וואוקס מיט דער עפּאָכע, וואָס האָט איהם אויסגעהאָדעוועט, — אָבער נישט דער גרויסער גייסט, וואָס צייכענט אָן דעם וועג פאַר קינפטיגע צייטען, וואָס שפּרייט אויס זיינע פליגלען איבער דער ווייטער צוקונפט, וואָס פיהלט נישט דעם ציטער פון די שאָטענס, וואָס קומען שוין פון די צוקינפטיגע וועלטען.

די נביאים אָבער זיינען געווען נישט נאָר דאָס גרויסע האַרץ פון פאָלק ישראל — זיי זיינען אויך געווען די גרויסע מענשען, וואָס האָבען געפיהלט די שאָטענס פון די קומענדיגע פעלקער און די קומענדיגע וועלטען; זיי זיינען אויך צייטענווייז געווען דאָס גרויסע האַרץ פון אַלע פעלקער, וואָס „בשם ה' יקראו".

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער גאַנצער נביא, ווען מען קלערט וועגען אַ ישעיהו. אָבער ווען מען פערגלייכט איהם מיט די שפּעטערדיגע נביאים, מיט אַ חבקוק, מיט אַ מלאכי, אַפילו מיט אַ יחזקאל — שיינט שוין נישט צו זיין דער דאָזיגער פערגלייך אַ גוזמא פון אַ בעגייסטערטען ביאַליק-פערעהרער.

איצט, ווען מיר קעהרען זיך צוריק צום אָנהויב פון אונזער קאַפּיטעל, ווערט אויך פערשטענדליך, פאַרוואָס ביאַליק האָט זיך געמוזט אויסשמידען אַ האַרץ פון שטאָל, פערשטעהען מיר שוין, פאַרוואָס איז דאָס בילד פון פּאָעטס האַרצען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר איהם. ביאַליקס געפיהלס-לעבען איז צו שטאַרק, צו שאַרף,

צו רייך, אַז אַ געוועהנליך הארץ, וואָס איז ווייך און נישט פעסט, זאָל דאָס קאָנען אויסהאַלטען. דער עקעל, דער כעס, דער צער, די פעראַכטונג, איז צו גיפטיג, אַז אַ פשוט האַרץ זאָל נישט ווערען פער׳סמ׳ט פון דעם ביטערן געפיהל־שטרוים.

ס׳איז אויך שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר ביאַליקען, וואָס ער האָט ליב אַזוי אין זיינע פאָעטישע זעהונגען די ווערטער „שטום", „איינגעהאַלטען", „אַ נישט־אויסגעוויינטע טרער".

לי דמעה אחת נאמנה
שבסתר לבי אסבלנה
ובשולי נפשי היא נצפנה

(„דמעה נאמנה").

עוד דמעה כבירה בלבבי נצפנה

(„לא תמת במהרה)".

אָפטמאָל איז דער שמערץ אַזוי גרויס, אַז מיט אַ זיפץ, אַ טרער קאָן מען נאָר פערשוועכען די גרויסקייט.

אָפטמאָל איז די פערביטערונג, דער צאָרן איף זיך, איף דער וועלט, אויף גאָט אַזוי געוואַלדיג, אַז מען קאָן נאָר מיט פיבערדיגע טרוקענע אויגען קוקען אויף דער ווילדער בלינדער עלעמענטאַרער קראַפט, וואָס צעשטערט אַזוי אומבּרחמנות׳דיג בליהענדיגע לעבענס און אידעאַל פיהלענדיגע הערצער.

אָפטמאָל צעוואַקסט זיך אַזוי גרויס דאָס אוממאָראַלישע, די אומגערעכטיגקייט, אַז מען הויבט אָן זיך מיאש זיין אין דער גערעכטיגקייט פונ׳ם האַר פון דער וועלט — אין מען שעמט זיך פאַר דעם קאַלטען אַכזר זיך פער׳מיאוסען מיט אַ טרער.

ביאַליק פערגראָבט הענגסטמאָל זיינע ביטערע געפיהלען טיף אין שטאָלערנעם האַרצען און ברייט פון זיי אויס אַ שרעקליך געטראַנק, וואָס זאָל זיך אַמאָל צעגיסען איבער דער קאָרע פון דער ערד, אַז זי זאָל אין שטיקער צעשפּאָלטען ווערען, וואָס זאָל אַמאָל זיך צעשפּריצען און צעפליהען אין דער לופט מיט איהר שטיקענדען אָטעם און פערגיפטען די בלאָהע הימלען, וואָס האָבען נאָר אַ ליבען שמייכעל פאַר די גרעסטע אַכזריות׳ען, וואָס קומען טאָגטעגליך פאָר אין דער מענשען־וועלט. („די שחיטה־שטאָדט", „בקשו רחמים עלי", „מגילת האש").

אפילו אויך דעמאלט, ווען ביאליק צעגיסט זיך אין ווערטער מיט אזא בערעדונגס-קראפט, אז עס דוכט זיך — ער וועט קיינמאל נישט אויפהערען — אויך דעמאלט פיהלען מיר, אז עס רעדט צו אונז אן אנגעפולט הארץ, וואס מוז נאך א סך מעהר איבערלאזען, איינהאלטען, איינשטומען אין זיך, ווי דאס, וואס עס רעדט זיך ארויס.

ווען דער נביא רעדט, פערפולט פון צער און רחמנות:

„איך גײה און קום, כ'וועל היילען וואונדען" א. אז. וו.

(זעה אויבען) —

פיהלט מען נאך דעם גאנצען טאן נאך, אז דאס גיסט זיך נאר ארויס א קליינער שטרוים פון דעם גרויסען געפיהלס-קוואל, וואס שטורעמט אין נביא'ס הארצען. אויך ווען ער צערעדט זיך אזוי שטארק, פיהלען מיר, אז דאס גרעסטע, וואס איז געבליבען אינעווייניג, איז נאך נישט ארויסגעזאגט געווארען.

דען דאס איז שוין די פסיכאלאגישע נאטור פון דעם געפיהלס-מענשען, אז דער גרעסטער אוצר פון ווערטער איז נישט בכח איבערצוגעבען דאס גאנצע פון זיין הארצען. גראד ווען אזעלכע מענשען שיטען מיט ווערטער אהן א ברעג און אהן א סוף — זעהט מען, ווי שטום איז זייער לשון פאר דאס טיפסטע פון זייער הארץ.

ביאליק, אלס דער גרויסער געפיהלס-מענש, פערוואונדערט אונז מיט זיין איינגעהאלטענקייט, שטומקייט, מיט דער קורצקייט פון זיין בילד, קנאפקייט, וואונדערליכער אבגעוואויגענקייט און אבגעמאסטענקייט פון זיין ווארט אין פאעטישען זאץ — און צוגלייך דערטרינקט ער אונז אין א מבול פון ווערטער און בילדער, וואס מאכען אויף אונז אמטמאל דעם איינדרוק פון א צוזאמענגעווארפען בערגעל פון בריליאנטען, דימענטען, שטיינער און זאמד.

אבער דא, ווי דארטען איז עס דער אייגענער ביאליק, וואס רעדט מיט אונז די שפראך פון געפיהלען, א שפראך, וואס קאן זיין שטום, ווען זי צעגיסט זיך אין א ים ווערטער, און וואס קאן זיין געוואלדיג בערעדזאם, ווען זי זאגט נאר איין ווארט, א ווארט, הארט, פעסט, געשליפען און שטראלענדיג ווי א בריליאנט.

ווען ביאַליק איז שטום, קורץ און קנאַפּ, קלינגט טײלמאָל זײַן וואָרט, ווי דער אײנזאַם־אײנציקער קלונג אין דער שטילער פֿינצטערער נאַכט פֿון אַ גלאָק אין אַ טורעם.

ווען ביאַליק צעגיסט זיך אין אַ סך ווערטער, ברײט פֿאַר דעם האָרכענדען אויער הינטער דעם שטרוים ווערטער — אַ גרויסער ברײטער טײַך, וואָס איז אויפֿגערודערט געוואָרען ביז צו זײַנע גרונדען.

עס איז, לויט מײַן מײנונג, נישט ריכטיג, ווען מען באַשולדיגט ביאַליק׳ן אין דעם, וואָס זײַנע פּאָעמעס זײַנען נישט האַרמאָניש אין דער ליניע אין געבײַ, אין בילד. זײ האָבען אַן אײגענע האַרמאָניע, די האַרמאָניע פֿון טיפֿע געפֿיהלען און לײַדענשאַפֿטען, וואָס האָבען בעקומען לשון. אין זײ איז די האַרמאָניע פֿון אַ פֿערצווײַטען טײַך, וואָס רײַסט זיך דורך אַ קלײנער עפֿענונג אין אַ שטײנערנער וואַנט.

ווער עס ווערט נישט מיטגעריסען מיטן שטרוים, האָט פֿון זײַן קראַפֿט נישט גענאָסען, פֿערלאַנגט פֿון אידם עסטעטישע האַרמאָניע, קורץ, פֿערלאַנגט פֿון אידם רוה, אין דער צײַט, ווען ער איז די קראַפֿט, די בעוועגונג, דער שטורעם...

III

ווען מיר לײענען בײַ ביאַליק׳ן:

„אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילען זיך משה׳לעך, שלמה׳לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך —
יודעלעך פֿריש פֿון די אײעלעך.
גופּ׳עלעך — שטרוי, היך און פֿעדערלעך,
נעם און צובלאָז די אויף גליחערלעך —
כאַפּען זײ אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צוטראָגען די פֿיגעלעך". — — —

אָדער:

„עס האָט מיך פֿערפּלאָנטערט מיט גרינס און מיט בלומען
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פֿון שטראַהלען,
וואו ס׳ציטערט די לופֿט פֿון דעם גרילצען און זשומען —

און איך בין פערכישופט צו דר׳ערד צוגעפאלען". — —
אדער ווען מיר נעמען זיינע בערימט־געווארענע „צפרירים", „זוהר",
ווען „איבער מיין פענסטער־געזימס לאפען זיך אויף די נעסטען פיי־
געלעך און יוילצען און צווישערן „צוויטשע"! אהן א
סוף, און אין דעם גלאנץ פון מיין שויב הייבען אן די מאָרגענדיגע
שדילעך צו פינטלען און ווינקען מיט אזא שטיפערישען חן. זיי
טאנצען און פונקלען מיט א יוילצענדער ווילדקייט, בעהעפטען זיך
ווי טויבען אן גלאז פון מיין שויב, גלעטען און דריגען איין
מיט א ליכט, וואס עס שטרוימט און וואס עס צעגיסט אין צע־
פליצט זיך איבער מיר". (צפרירים). אדער זיין „עם פתיחת החלון",
וואו „עס ברעכען זיך דורך טויזענדער גלאנצען, פערגיסען מיט
ליכט די באלקענס, די ווענט, אלע ווינקעלעך, וואס האבען מיט
אמאל פול געמאלט איטליכס לאך מיט דעם גאלד זייערן"... — —
האבען מיר נישט קיין פעסטע ליניעס פון א בילד, וואס מען
קאן מאלען, נאר בעקומען דורך דעם פאעטס ווערטער א בילד
פון עפעס א בעוועגליכער זאך, וואס רופט ביי אונז ארויס
עטוואס ענהליכעס צו דעם געפיהל, וואס עס האט איצט דורכ־
געלעבט דער פאעט.

ח. נ. ביאליק, וואס מיהט זיך שטענדיג אויסצודריקען אין
פאעטישע ווערטער א געפיהל, עפעס אזוינס, וואס איז שטענ־
דיג אין שטרוימענדיגען צושטאנד, וואס האט נישט קיין קלא־
רען אנפאנג און קיין קלארען סוף, וואס איז תמיד אין הער
בחינה פון אן עצם (אן אביעקט), וואס ווערט געווארפען און גע־
שליידערט, געיאגט און געטריבען, קורץ — בעוועגט אויף אלע
אופנים — איז געווארען דער מאלער פון דער בעוועגונג אין דער
נאטור, און כמעט נאר פון דער בעוועגונג.

ביאליק קען נישט די רוהיגע מאלערישע ליניע, ווי ער קען
נישט, מיט זעלטענע אויסנאמען, דעם רוהיגען צושטאנד פון
עפעס א זאך אין דער נאטור. און ווען מיר געפינען ביי ביא־
ליקן עפעס אזוינס, וואס איז ענהליך צו מאלעריי — ווערט איהר
דערמאלט בעמערקען באלד, אז נישט מחמת דעם איז ביי איהם
ארויס דאס בילד מאלעריש קלאר, ווייל ער האט גענומען א ווייניגער
טאנצענדיגע ליניע, נאר הערפאר, ווייל זיין געפיהל איז שוין

אַזוי שוואַך אין דער באַוועגונג, אַזוי מאָנאָטאָניש-מאַט, כמעט קריכענדיק, אַז דאָס געפֿיהל קומט ממילא אַרויס מאַלערישער און רוהיגער אין זײַנע מאַטע ליניעס. (זעה „מכתב קטן לי כתבה“, „הכניסיני תחת כנפך“ א. אַנד.).

אין דעם ליגט אויך דער גרויסער אונטערשייד צווישען די געוועהנליכע ליריקער אין דער ליטעראַטור און דער ליריק פֿון ביאַליקן. בײַם רוב ליריקער ווערט דאָס געפֿיהל אײַנגעפּאַסט אין אַ רוהיגער מאַלערישער ליניע, וואָס מחמת דעם פֿערלירט דאָס געפֿיהל אָפֿט אין זײַן קראַפֿט, דערפֿאַר אָבער טרעט דאָס אַרויס, כאָטש אָבגעשוואַכט, נאָר אָנגענעם און עסטעטיש פֿאַר'ן געניסער פֿון דער קונסט. בײַ ביאַליקן אָבער איז זײַן לירישע שטימונג די הויפּט-זאַך; ער וועט דאָס געפֿיהלטע קיינמאָל נישט וועלען אָנטון אַ קליידעל, כאָטש פֿון אַ פּרינצעסין, ווען דאָס וועט לײַדען אין דער באַוועגליכקייטס-קראַפֿט. ער וועט בעסער בלײַבען בײַ דעם „באַר-באַר“ אין דער קונסט, לויט דעם אייראָפּעאישען פֿערפֿײַנערטען געשמאַק, נאָר ער וועט נישט מוותר זײַן אויף איין צאַפּעל און ציטער פֿון זײַן אינעווייניגסטען געפֿיהל.

ווייל מען ביאַליקן געניסען, ווי עס דאַרף צו זײַן, מוז מען זיך זעצען אויף די פֿליגלען פֿון זײַן שטורמיגען האַרצען, מוז מען זיך אָבזאָגען פֿון די ווייכע זעסלען אין פּאָעטישען סאַלאָן-וואַגאָן, וואָס זײַנען מיט אַ כיון בײַ די עסטעטישע ליריקער אויסגעבעט מיט גוטע שפּרינג-פֿעדערן.

ביאַליק אַלס פּאָעט איז נאַטירליך, עלעמענטאַר און האָט נישט די קליינע הילפֿס-מיטלען, די קליינע פּײַלעכלעך מיט וועלכע עס באַנוצט זיך אַזוי שטאַרק דער מאָדערנער אייראָפּעאישער פּאָעט, וואָס איז אַזוי מוראדיג אָנגעזעטיגט מיט קונסט, עסטעטיק און נאָך אַזוינע גוטינקייטען, אַז עס קומט שוין בײַ איהם אַרויס ווי אַ קלייד פֿון אַ גרויסען פּאַריזער מאָדען-שנײַדער, וואָס וואַרימט מעהר דאָס אויג, ווי דעם פֿרירענדיגען גוף, וואָס קיצעלט מעהר אונזערע מאַנסבילשע געפֿיהלען, ווי ס'דערוועקט אַ טיפֿע, שטומע לײַדענשאַפֿט.

טיילמאָל שטעלט זיך מיר ביאַליק פֿאָר, ווי דער גבר אין דאָרף, וואָס פֿערלאָזט זיך מעהר אויף די מוסקעלן פֿון זײַנע גע-

זונטע קרעפטיגע הענט, ווי אַן אַנדער בחור איך זײַן שטעקן און דובינקע. ער גלייבט מעהר אין זײַן אייגענעם כּח, ווי אין דעם כּח פֿון דער דובינקע, וואָס ער צעברעכט דאָס לײַכט, ווי אַ שוועבעלע.

ס׳וועלען זיך אפֿשר געפֿינען מענשען־מפֿונקים, וואָס וועלען זיך בעקלאָגען דערויף, וואָס אונזער ביאַליק האַלט נישט פֿון אײַראָפּעאישען פֿראַק. פֿאַר דעם אָבער, פֿאַר וועמען די עלטע פּאָעזיע איז די קראַפט פֿון אויסדרוק, איז די מאַכט אײַנצוצוימען אַ שטורמיגע געפֿיהל אין האַרטע גלאַנציגע ווערטער פֿון אַ שפּראַך — וועט זיך פֿרעהען, וואָס דער אײַראָפּעאישער פֿראַק ווערט צעשפּאַרט פֿון ביאַליקס מעכטיגער, שטענדיג בעוועגליכער ברוסט.

ווען איך זאָל פּרובען וועלען אין קורצע ווערטער אָפּשאַצען דעם הויפּט־פּונקט אין ביאַליקס פּערזענליכקייט, וואָלט איך זאָגען, אַז ער איז איינער פֿון די ווייניגע גרויסע פּאָעטען, וואָס געפֿינען אין דעם קינסטלערישען וואָרט דעם אויס־דרוק פֿאַר די קאַפּריזע וועלען־בעוועגונג אין דעם מענשענס נשמה, ווי אין אַ טייל פֿון דער נאַטור.

אַקוראַט ווי, למשל, דער גרויסער יודישער מאָלער איזראַעלס, און דערנאָך ליבערמאַן, האָט צוערשט בעוויזען, אַז מיט אַ פּענזעל פֿון אַ מאָלער איז מעגליך איבערצוגעבען די בעוועגונג פֿון אַ ווינטעל, אַ ווינט, אַ שטורעם אויף אַ טויטען האַרטען לײַוואַנט, — אָט אַזוי האָט אונז ביאַליק געגעבען אַ מוסטער, ווי מען קאָן אין האַרטע טויטע ווערטער אַרײַנבלאָזען דעם ריטם פֿון אַ נשמה, וואָס צאַפּעלט זיך אין דער שטורמיגער בעוועגונג פֿון אַ טיף גע־פֿיהל, דעם טאַנצענדיגען ריטם פֿון אַ גאַרב ליכט־שטראַלען, וואָס רײַסען זיך אַרײַן דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ פֿערמאַכטען פֿענסטער, אָדער וואָס פֿערפּלאָנטערן זיך אין די שאָטענס פֿון אַ געדיכטען וועלדעל בײַ אַ שטיל פֿערבעהאַלטענעם טײַכעל.

ביאַליק איז דער מײַסטער פֿון דער בעוועגונג אין וואָרט, ווי טייל גרויסע מאָלער אין בילד.

און ווען מען בעדענקט נאָך, אַז איבערצוגעבען די בעוועגונג אין דער נאַטור איז איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבען און הויפּט־פּראָבלעמען פֿון דער מאָדערנער קונסט, פֿון דער גאַנצער קינסט־

לערישער וועלט — פֿון די אימפּרעסיאָניסטן ביז צו די לעצטע פֿוטוריסטן — וועהען מיר, אַז ביאַליק, דער עלעמענטאַרער באַרבאַרישער ביאַליק, דער ביאַליק, וואָס ווייס אַפֿילו נישט פֿון די קלאַסישע גריכישע מוסטערן און וויל פֿון זיי נישט וויסן (לייען דר. יוסף קלויזנערס אַרטיקל וועגן ביאַליק׳ן), איז דער מאָדערנסטער פּאָעט נישט נאָר ביי אונז, נאָר אויך אין דער אַלגעמיינער אייראָפּעאישער ליטעראַטור.

IV.

אין די פֿאָריגע קאַפּיטלען האָבן מיר געפּרובט אַרויסצושיילען דעם קערן פֿון ביאַליקס פּאָעטישער פּערזענלעכקייט, מיר האָבן געזוכט איהם אָבצוגרעניצען פֿון אַנדערע פּאָעטישע נאַטורען, און דורכדעם איהם בולטער אַרויסצושטעלען פֿאַר דעם לעזערס אויגען. מיר האָבן געמיהט זיך, אַז מיט׳ן נאָמען ביאַליק זאָל דער לעזער פֿערבינדען די פֿאָרשטעלונגען, וואָס האַרמאָנירען מיט דעם כאַראַקטער פֿון זיין פּאָעזיע.

איצט אָבער וועלען מיר אין קורצען בעהאַנדלען ביאַליק׳ן אַלס דיכטער סתם, וואָס פֿערמאָגט, חוץ זיינע אויבענדערמאָנטע גענייאַלע מעלות, נאָך אַ סך אַנדערע פּאָעטישע מעלות, וועלכע שטעלען איהם אין איין רייה מיט אַלע בעגאַבטע אייפֿריכטיגע דיכטער פֿון זיין צייט און פֿאַר זיין צייט.

ביאַליק האָט אונז געגעבען אַ גאַנצע רייה פֿון אויסגעצייכענטע לירישע לידער. די פּאָעמע „המתמיד“ צייגט אונז ביאַליק׳ן אַלס גוטען ליריקער און אַלס דעם, וואָס איז צוגלייך מיט פֿייערבערג׳ן און אַנדערע פֿון זיין יוגענד-צייט געשטאַנען אויף דער גרעניץ פֿון ראָמאַנטיק און רעאַלער קריטיק. ביאַליקס „מתמיד“ איז נישט די שילדערונג פֿון אַ געוויסען כאַראַקטער אָדער טיפּ, נאָר די אומעטיגע, ווייכע, ראָמאַנטישע און צוגלייך רעאַל-קריטישע, פֿערביטערטע בעציהונג צום ידישען בית-המדרש, וועגען וועלכען פֿייערבערג האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „עס איז דאָס פֿינסטערע פֿון דער וועלט“.

אין אַ גאַנצען ציקל שירים האָט ביאַליק אונז געשילדערט

די אָרימקייט, עלענדקייט פון אַ יודישער יונגעלשער נשמה, און אויך דאָ האָט ער נישט געהאַט אַזוי אין זינען די אָרימקייט פון איינצעלנעם פון אַ קלאַס, ווי די אָרימקייט בכלל, וואָס צעטרעט מיט איהר ברוטאַלער לאַפּע די שענסטע בלומען אין שפּראַצונגען אונטער גאָטס הימעל.

מיר געפינען אויך ביי ביאַליק'ן אַ סך פּאָעטישע ווערק, וואו ער לאַפּט אַזוי קינציג דעם טאָן פון דעם פאָלקס-מענשען מיט זיינע קליינע ליידען אין דער סביבה פון אַ קליינשטעטלדיגען לעבען (זעה „מיין גאָרטען" א. אנד.).

ביאַליק האָט געוויזען דאָס מייסטער-שטיק אַריינצופּאַסען דאָס נאַאיווע יודישע פאָלקס-ליד אין דער אַלטער העברעאיש-אַראַמעאישער שפּראַך פון אונזערע אורעלטערן, און דערביי נישט צו פערלירען קיין איין טאָן פון דעם דאָזיגען פאָלקס-ליד, וואָס ווערט געזונגען פון דעם יודישען שוסטער און שניידער, פון דעם פּראָסט-יודישען כלה-מיידעל.

עס געפינען זיך אויך הומאָריסטישע לידער ביי ביאַליק'ן, וואָס פערוואונדערן אונז מיט דער בריגיקייט פון דער שפּראַך און מיט דעם נעזונטען הילכיגען לאַכען, וואָס קייקעלט זיך אין זיי.

חוץ דעם האָט ביאַליק אונז בעשענקט מיט עטליכע נאָוועלען, פון וועלכע „אריה בעל גוף" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

ווען מען נעמט נאָך ביאַליק'ן אַלס פּראָזאַ-שרייבער, וואָס איז אין אַ געוויסען זין דער גרויסער תלמיד פון דעם זיידען ר' מענדעלע, און אַ טייל פון זיינע פּובליציסטישע זאַכען, — דעמאָלט קאָן מען זיך אומגעפעהר פאָרשטעלען, ווי רייך און פיעלזייטיג איז ביאַליק אַלס פּאָעט, פּראָזאאיקער און פּובליציסט.

V

ביאַליק האָט זיינע גרעסטע און בעדייטענדסטע ווערק געשריבען אין העברעאיש. דער לעזער, וואָס האָט די געזאַמעלטע פּאָעזיע פון ביאַליקס פעדער אין יודיש, וואָס איז אַרויסגעגעבען פון פערלאַג „צענטראַל", ווערט שוין, ווי ווייניג ביאַליק האָט זיך גענוצט מיט יודיש פאַר זיינע פּאָעטישע געפיהלען און איבערלעבענישען.

וויל מען ריכטיג בעגרייפען, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע ביאַליק האָט געשפּילט פאַר די שאַפונג פון דער נײַ-העברעאישער שפּראַך — מוז מען לייענען ביאַליק'ן אין אָריגינאַל.

איטליכער, וואָס וויל קענען גענוי דעם גייסט פון אונזער לעצטער צייט, קען בכלל נישט אויסקומען אָהן העברעאיש. דער, וואָס וויל אָבער אַריינדרינגען ספּעציעל אין דעם גייסט פון ביאַליק'ן, מוז שוין אַוודאי גרינדליך קענען די שפּראַך פון פּאָעט.

נישט דאָ איז דער אָרט זיך אַריינצולאָזען אין אַ שמועס וועגען ביאַליק'ן אַלס דעם גאונישען שעפער פון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך.

מיר ווילען נאָר אָנווייזען, אַז כאָטש ביאַליק האָט אַזוי ווייניג געאַרבייט אויפ'ן אָרימען, קוים בעאַקערטען פעלד פון פּראָסט-יודיש, פונדעסטוועגען האָט ער איך מיט דעם ווייניגען שטאַרק בעפרוכפּערט די יודישע שפּראַך.

מען דאַרף נאָר נעמען דאָס ביסעלע, וואָס מען האָט געזאַמעלט פון יודישען ביאַליק, אום דאָס קלאָר צו ווערן.

ביז ביאַליק'ן איז יודיש כמעט נישט געווען מסוגל איך אויסצודריקען שטאַרקע, מעכטיגע געפיהלען. פון דער שפּראַך האָט געשמעקט מיט דעם „נעבעכעל", וואָס ליגט פערבעהאַלטען הינטער איטליכען יודישען ביכעל.

אַזאַ געוואַלדיג-קרעפטיגע, מוראדיג-גבורה-דיגע שפּראַך האָבען מיר צוערשט כמעט דערהערט אין יודיש, דערנאָך ווי עס איז אַרויס זיין „שחיטה-שטאָדט", איבערגעאַרבייט פון פּאָעט אַליין אין יודישען. איך „דאָס לעצטע וואָרט" האָט אַריינגעבראַכט אין יודיש אַ שטאַרקען געזונטען דויך פון בערג-לופט, האָט אונז געוויזען, אַז אויך יודיש איז פעהיג צו קלינגען אַמאָל אַזוי גרויס און מעכטיג, ווי די שפּראַך פון אַ נביא.

איטליכער פּאָעט, אַפילו דער ווייניג-בעגאַבטער, פאָרמט אין העלפט ווייטער שאַפען די שפּראַך, וואָס איז איהם געקומען בירושה. דער גרויסער פּאָעט אָבער גיט דעם שאַפונגס-פּראָצעס פון דער שפּראַך אַמאָל אַזאַ געוואַלדיגען שטויס, אַז אין אַ קורצער צייט פון עטליכע דורות ווערט זי נישט צו דערקענען, מחמת דער נייער רייכקייט, די נייע אוצרות, וואָס זיינען איהר צוגעקומען.

די דייטשען געדענקען נאָך ביז היינט לוטער׳ן, געטען, ניצשען, וואָס האָבען איטליכער בעזונדער געגעבען דער שפּראַך גאָר אַ נייע געשטאַלט.

פאַר דער ענטוויקלונג פון העברעאיש וועט ביאַליק שפּילען נישט קיין קלענערע ראָלע, ווי ניצשע פאַר די דייטשען.

אָבער אויך די יודישע שפּראַך האָט ער געהאָלפען אין איהר שווערען ענטוויקלונגס-וועג.

דען ביי דעם פּאָעט איז די שפּראַך, ווי דער לייהם ביים סקולפּ־טאָר; ריהרט ער זיך נאָר צו צו איהר צו, מוז זי שוין ווערען עפּעס אַנדערש, מוז זי שוין בעקומען אַ פאָרם.

ביאַליק האָט אויך דער יודישער שפּראַך געגעבען זיין פּאָ״ם, האָט אויך אין איהר אַריינגעלעגט אַ שטיק פון זיין גבורה.

ז. שניאור.

(אַ קריטישע שטודיע צו זיין פּאָעמע „חזון השממון“)

I

זאָג מיר, ליבער לעזער, וואָס איז דער חילוק צווישען אַ מרה־שחורה׳דיגען מענשען, און אַזוינעם, וואָס ליידט פון העד נודנער לאַנגווייליגקייט (ספּלין, скука) אָדער פון „שממון“, ווי מען רופט דאָס אין העברעאישען?

צי פיהלסטו נישט, אַז אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג, אַז אַ מעלאַנכאָלישע וועלט־אַנשויאונג איז עפּעס צוזאַמענגעקניפּט ביי דיר מיט דער פאָרשטעלונג פון אַ פאַרטיגען, אויסגעוואַקסענעם מענשען, פון אַ מענשען מיט אַ געוועהנליכער באָרד און שיטערע האָר אויפ׳ן שאַרבען?

און צי שפּירסטו נישט, אַז „לאַנגווייל“ קאָן זיך אויך אַ קינד, אַז דאָס וואָרט „שממון“ פּאַסט מעהר פאַר יונגע קרעפטען, וואָס געפינען קיין שטח נישט פאַר זיך, וואָס האָבען קיין אָרט נישט זיך פונאַנדערצושפּילען, איידער פאַר דעם אויסגעמאַטערטען מענשען, וואָס איז שוין אַריבער די יאָהרען פון „בינה“?

אויך קליינע קינדער ליידען פון דער לאַנגווייליגקייט, אָבער זעלטען ווען וועט איהר געפינען אַ יונגען מענשען, אַן אמת׳ן יונגען פרישען קערפּער, וואָס זאָל ליידען אויף מעלאַנכאָליע.

די יונגע נשמה, וואָס לאַנגווייליגט זיך, איז געגליכען צו דער שטאָלענער ספּרוזשינקע, וואָס איז צופעליג צוזאַמענגעדריהט אין אַן ענגען קעסטעל. זאָל נאָר אָבשפּרינגען דאָס דעקעל, וואָס האַט זי פערשפּאַרט, און זי גלייכט זיך אויס מיט אַ קנאַלענדיגען שפּרונג אין איהר גאַנצער גרייס.

די מעלאַנכאָליע, פֿערקערט קאָן מען פֿערגלײַכען מיט אַן אָבגעניצטער ספּרוזשינקע, וואָס האָט שוין נישט די מעגליכקײַט זיך אויסצוגלײַכען אויך אין דער גרעסטער פֿרײַהײַט.

די דאָזיגע אָבגעניצטע ספּרוזשינקע איז אַודאַי מעהר אָנגעפּראַקטיקירט, ווי די יונגע; זי האָט שוין געפֿיהלט אויף זיך יאָהרען־לאַנג דעם דרוק פֿון לעבען אײנאײנעם מיט זײַן מאוימ־דיגער אַכזריות, — זי איז אַ גרעסערער דעתן פֿאַר די יונגע, אָבער אויסגלײַכען קאָן זי זיך שוין נישט. זי קאָן נאָר זײַן אַן אײַנגע־שפּאַרטע, אָדער אַ פֿרײַע, פֿילאָזאָפֿירען און טרויערן, אָבער אײביג וועט זי שוין בלײַבען אַ צעקנײטשטע, אַ געבויגענע.

די מעלאַנכאָליע לײקענט אָב דאָס לעבען, זינגט, ווי עקביה בן מהללאל, „מאין באת“; זי זעהט דעם אָנפֿאַנג, דעם מיטען און דעם סוף, זי איז ווי דער בעל־הבית פֿון אַ באַנקראָטירטער פֿירמע, וואָס מאַכט שטענדיג דעם סך־הכל פֿון די חשבונות און ענטדעקט שטענדיג אַ דעפֿיציט. זי איז דער רעוויזאָר פֿון אַ צעמישטען אָבגעלעבטען לעבען, אָדער, נאָך בעסער, דער קברן פֿון אײגענעם לעבען.

און נאָך עפּעס צעשײדט די נשמה, וואָס לײַדט פֿון דער נודנער לאַנגווײַליגקײַט, פֿון דעם מעלאַנכאָלישען. ווען דער מעלאַנכאָלישער צידט נאָך אַמאָל אָן זײַנע צעקנײטשטע נערוועז; — איז דאָס שטענדיג נאָר צוליב עפּעס אַ ציל, וואָס ער האָט נאָך נישט אײנגאַנצען מבטל געווען, צוליב זיך, אָדער צוליב אַנדערע, יונגערע נשמות.

די נשמה אָבער, וואָס ווײס נאָר פֿון „שממון“, זוכט נישט קײן ציל פֿאַר זיך, אום זיך אויסצוגלײַכען. איטליכען אויגענבליק איז זי גרייט אַרויסצושפּרינגען מיט אַ יוגענדליכען קנאַל, ווי נאָר מען עפֿענט אויף דאָס דריקענדיגע דעקעל.

II

דער פּאָעט שניאור האָט אונז געשריבען די פּאָעמע פֿון „שממון“. כאָטש מיר האָבען נאָך נישט די גאַנצע פּאָעמע, אָבער שוין די ערשטע פֿיר טײלען ווײַזען אונז שניאור'ן אין זײַן גאַנצען פּאָעטישען וואוקס.

שניאור איז יונג, ער איז בעגאַבט מיט אַזאַ זעלטענער יוגענד־

קראַפט, אַז מיר אַלע, אויך די יונגסטע נשמות פון אונז, שטעהען, ווי פערשעמטע פאַר איהם. אויך ביאַליק, אונזער געליבטער ביאַליק מיט זיין דאַמער־פּויסט, ווייזט אונז נישט אַזעלכע אַטלעטישע קונ־צען, ווי שניאור.

זיין פּאָעטישע פאַנטאַזיע איז ווי אַ מעכטיגער וואַסערפאַל, וואָס טראָגט זיך פאַר אונזערע בליקען מיט אַ ווילדען כח, און הערביי איז יעדער טראָפּען פון דעם דאָזיגען וואַסערפאַל אַ שע־מערירענדיגער פּעריל. האַרט און קאַנטיג, כאָטש אָנצוטאַפּען מיט די הענד.

זיין בילדער־שפּראַך איז אַזוי רייך, אַז מען זעהט באַלד, אַז ער בענעמט די לעבעדיגע וועלט סיי מיט איהרע פאַרבען (און פאָרמען ווייניגער), און סיי אין דער בעוועגונג איהרער*.

די געזונטע, הייסע עראָטיק, געזונט און הייס, ווי די געפיהלען פון אַ חיה („אני מסור לילדה כעבה ומושל כעריץ על בשרה, ובילד אתחטא בחיקה". II, קוצות), דרינגט דורך דעם פּאָעטישען וואַסער־פאַל מיט אַ גליהענדיגען פייער, און דער נערוועזער יוגענדליך־אומ־געדולדיגער קאַפּריזנער ריטם פון דעם דאָזיגען וואַסערפאַל נעמט צו פון איהם די לאַנגווייליגע פון די געוועהנליכע וואַסערפאַלען, וואָס קלאַפּען אָב שטענדיג איין־איינציגע נודנע מעלאָדיע.

זיינע דמיונות פון אַ מענשענס לעבען אויף דער גראָהער ערד זיינען אַזוי שטאַרק דורכגעוועבט מיט די געפיהלען פון קינדליכער מאַכט, פון דער שטאַרקסטער עראָטיק, זיינען אַזוי ענג פערקניפּט מיט די נערווען פון אַ שענעם, שטאַרקען ערדישען מענשען, אַז ניט ווילענדיגערהייט ערשיינט אונז דער פּאָעט אין דער קי־ניגליכער געשטאַלט פון אַ גריכישען גאָט (אַפּאָלאָן פון בעלוועד־

* והבהב העולם לזהבי, והועם לאור אכטיסי,
והבהיל לנגה ספירי וחור לזיו מרגליותי;
וחטף ההמון וגעה הבקר וצהלו סוסים,
ומי אשר יד לו ומחא, ומי אשר רגל לו ירקע
הנשים תבלטנה שוקיהן, הנערות תמימות עיניהן...
(III על הבמה, „העברי החדש" ז. 19.

דער) מיט דער נערוואָזיטעט פון אַ היינטיגען יונגען „וועלט-איבערמאַכער".

זיין לעבענס-געפיהל, דער געפיהל פון דער נאָך נישט אָפּגעניצטער יוגענד, ווען מען ווערט איטליכע מינוט געבאָרען מיט אַ „נשמה יתרה", מיט אַ האַרץ פול פון „מותרות" פאַר דער גאַנצער וועלט, סיי פאַר דעם „זקן", דעם געפאַלענעם אייכענבוים, סיי פאַר דער פּראָסטיטוטקע, וואָס קעהרט די גאַסען מיט'ן ברודיגען זוים פון איהר קלייד — אָט דאָס דאָזיגע יוגענד-געפיהל, וואָס שוימט אייביג, ווי דער שאַמפּאַניער-גאַז, ביי שניאור'ן, טראָגט זיך ווי אַ טיפע ברומענדיגע מעלאָדיע איבער יעדען קאַפּיטעל פון דער פּאָעמע „שממון"*.

מיר שטעהען דאָ אפשר פאַר דעם ערשטען יודישען פּאָעט, וואָס איז די **יוגענד** אַליין, וואָס האָט נאָך כמעט נישט די קנייטשען פון גלות און וואָס וועט זי אפשר קיינמאָל נישט האָבען.

פאַר מעהרערע יאָהרען, בעת עס האָט ערשיינט זיין ערשטער באַנד שירים**, האָב איך כאַראַקטעריזירט שניאור'ס פּאָעזיע אַלס **יוגענד-פּאָעזיע**, ד. ה., אַז די גאַנצע פּאָעזיע, וואָס עס געפינט זיך דאָרט, כאַראַקטעריזירט מעהר **דעם עלטער** פון **פּאָעט**, ווי דאָס **פּערזענליכע, אינדיווידועלע** אין איהם. איצט אָבער, נאָכדעם ווי ז. שניאור איז אויסגעוואַקסען, אויסגעוואַקסען נישט נאָר אין יאָהרען, נאָר אויך אין דער פּאָעטישער קראַפט — קלעקט שוין נישט די אַלטע כאַראַקטעריסטיק און איך מוז, ניט ווילענדיגערהייט, אָנהויבען דערקלערען, אַז דאָס **פּערזענליכע אין איהם**, דאָס, וואָס שיידט איהם אַזוי אָב פון פון אַלע זיינע פאָרגענגער אין דער יודישער פּאָעזיע, איז זיין **יוגענד**.

עס זיינען דאָ בוימער, וואָס זיינען נאָר גרין אין דעם זומער

* חדש בניני ואיתן וטמירי אולמי נשאים,
מבוא ומבוא „ומזוזה" ופרחים בכל הזויות,
הביטה!
אש שחרה בשעיי הרענן ולהב ארגמן בדמי
ובעיני מרקד ה.ער.
(1 הנני).

** עם שקיעת החמה.

פון זייער לעבען; עס זיינען אָבער פאַראַן אַזוינע, וואָס פערלירען אויך אין ווינטער ניִשט זייער גרין קלייד. די לאָרבער־בלעטער פערלירען ניִשט די גרינקייט זייערע אויך דאַן, ווען זיי ליגען אויף קבֿרים.

צי איז שניאור ניִשט אַזאַ לאָרבער־קראַנץ צווישען זיינע פּאָעטישע חבֿרים, וואָס גרינקייט איז זיין טבֿע, וואָס זיין פערזענליכקייט איז די ריין־פערקערפּערטע יוגענד?

III

ווען די וואָלקענס אויפ'ן הימעל, וואָס פליסען און צעפליסען, וואָס קומען זיך צונויף און צעשיידען זיך באַלד, וואָס פיהלען אָפּט דעם טאַנץ פון די בליצען, וועלכע בערידערען אין זייער טאַנץ דעם צעפלאָסענעם זוים פון זייער לופטיגען גוף, וואָס קריכען און ווערען צעקראָכען, וואָס ווערען טייוולאָניש געטראָגען פון דעם שטורעם־ווינט און ווערען דערביי צעריסען אין איינצעלנע אַטאָמען, וואָס וואַרימען זיך פיל ביי די שטראַלען פון אַן אונטערגעהענדיגער זון און בעגעגענען מיט אַזאַ שטילער מחיה'דיגער פרישקייט די ערשטע שטראַלען פון מאָרגען — ווען די דאָזיגע וואָלקען וואָלטען מיט אַמאָל בעקומען לשון, — ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ וואונדערליכע פּאָעזיע דאָס וואָלט געווען.

און זייער פּאָעזיע וואָלט ניִשט נאָר געווען וואָלקען־פּאָעזיע, נאָר אויך פּערזענליכע, אינדיווידועלע פּאָעזיע. די פּאָעטישע פּערזענליכקייט וואָלט געווען דער וואָלקען.

טיילוויז האָט שוין די וואָלקען־נשמה בעקומען אַ שפּראַך. דער רוסישער אַנטאָן טשעכאָוו, דער פראַנצויז פּאָל ווערלען זיינען די בעסטע ראיה דערפאַר.

ווען די יוגענד, ניִשט אַלס עלטער, נאָר אַלס נשמה, וואָס בייט זיך ניִשט ביז צו די גראָהע האָר, בעקומט לשון, קאָן די נאָר בעקומען דעם לשון פון אַ לערמאָנטאָוו, פון אַ בייראָן, פון אַ שניאור א. ד. גל.

ווען די נערווען זיינען שטענדיג אָנגעשפּאַנט, שטענדיג גרייט אויפצונעמען נייע איינדרוקען, ווען די מוסקלען זיינען שטאַרק און דער גומען איז פריש פאַר אַלע זיסיגקייטען און גוטיגקייטען פון לעבען, ווען דאָס אויג איז שטענדיג יונג צו שלינגען דעם טאַנץ 72

פֿון די פֿאַרבען אַרום, ווען דאָס אויער איז אַזוי פֿײַן צו האָרכען אין יעדען גערויש אַ וועלט־מעלאָדיע, ווען דאָס האַרץ איז אַזוי ציטעריג, אַז עס פֿיהלט מיט יעדע לעבעדיגע בעוועגונג אין דער נאַטור — ווען אַ מענש קומט מיט אַזאַ געשפּאַנטען שטאָלענעם קערפּער אויף דער וועלט, דעמאָלט עפּענט זיך אויף בײַ איהם צוגלײַך דער וואונדערבאַרער קוואַל פֿון דער פּאָעזיע, וואָס איהר נאָמען איז יוגענד.

פֿאַר מעהרערע יאָהרען האָב איך זיך געזאָגט: דאָס זינגט דער יונגער בחור, וואָס איז נאָך אין דעם פֿריהלינג פֿון זײַן לעבען. אַלע יונגע בחורים זײַנען אין געוויסען זין טאַלענטפֿול. שניאור איז געווען טאַלענטפֿול'ער אפֿילו. איך האָב געוואַרט אויף דער צײַט, ווען ער וועט אָנהויבען שמידען זײַן אייגען פּערזענליך ליד, נישט דעם כּלל'שען בחור'שען.

איצט זעה איך, אַז ער האָט שוין דעמאָלט געהאַט זײַן אייגענע מעלאָדיע. דאָס טיטאַנישע, כאַאָטישע, דאָס ציללויזע איז נישט געווען בײַ איהם די יוגענד־פֿראַזע, נאָר די יוגענד אַליין, וואָס בעוועגט זיך אַמאָל בײַ אַ מענשען אויף לאַנג, לאַנג.

IV

צוזאַמען מיט דער לעבענס־קראַפֿט, וואָס שטראַמט אין אַלע אונזערע גלידער, — קומען אָפֿט אָן די צײַטען פֿון מידיגקײַט און מאַטיגקײַט, ווען עס דוכט זיך אונז, אַז עפּעס אַ טײַוואָלאָנישער כּח האָט אויסגעדריקט דעם גאַנצען זאַפֿט פֿון אונזערע אבֿרים און האָט שטילערהייט אַרויסגעגנבֿ'עט דעם גאַנצען רײַכטום פֿון אונזער נשמה.

וואָס יונגער עס איז אונזער נשמה, וואָס מעהר מותרות זי פֿאַרמאָגט, אַלץ פֿרײַגיביגער זײַנען מיר, אַלץ גרעסער איז דער רצון צו פֿערשענקען און צו פֿערשווענדען אונזער יוגענד־קראַפֿט.

אָבער דערפֿאַר איז אויך צוגלײַך שטאַרקער איהר שמערץ, ווען עס קומען אויף איהר די צײַטען פֿון מידיגקײַט און פּוסטקײַט.

רעדענדיג מכּח שניאורס פּאָעזיע, בעת עס האָט ערשײַנט זײַן „עם שקיעת החמה“*, האָב איך פֿערגליכען זײַן לעבענס־

* זעהן מיין באנד II.

ריטם מיט אַן אומרוהיגער וואָגשאָל, וואָס וויגט זיך כּסדר אַרויף און אַראָפּ. אָט שפּאַנט ער אָן זײַנע נערוון אין פּלוצעם אויש ביז צו די שטערן, אָט קומט די געוואַלטיגע מידיגקייט נאָך דער גרויסער פֿ ע ר ש װ ע נ ד ו נ ג, און ער פֿאַלט אַרונטער כּמעט „עד שאול תחתיה".

נישט אומזיסט האָט ער נאָך אַלס אַ יונגער פּאָעט געזאָגט אויף זיך: „אַ העלפֿט פֿון מיר באָדט זיך אין ליכטיגקייט, אַ העלפֿט — אין טונקעלע שאָטענס". מיט אַ נביאישען בליק, מיט אַ שאַרף אָבגעטאָקטען עפּיגראַם האָט ער זיך אין זײַן פּאָעזיע אָבּגעכאַראַקטעריזירט איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל.

ז. שניאורס „שמשון" איז די מידיגקייט און מאַטיגקייט פֿון אַ גרויסער יוגענד-קראַפֿט, וואָס האָט געלעבט אין דער גרעסטער פּזרנות (פֿערשווענדערישקייט), וואָס האָט פֿײַנט צו נ ע מ ע ן, און איהר גרעסטע הנאה איז צו זײַן פֿערשווענדעריש פֿרײַגיביג, תּמיד צו ש ע נ ק ע ן.

דער דבוק אין „שמשון" מיט „די גרויסע אויסגעשטאַרצעטע אויגען-אַפּעל, וואָס לויערן און חוזקן שטילערהייט", וואָס איז אַזוי הויך און דאַר, „אַז זײַן פֿליכער קאָפּ מישט זיך צונויף מיט די שאָטענס פֿון צימער-דעק, בעת זײַנע שטריענע פֿיס פֿליסען צונויף מיט דער פֿינסטערקייט פֿון דעם צימער-דיל" — קאָן נאָר האָבען אויף איהם אַ שליטה אין די צײַטען פֿון דער גרויסער מידיגקייט, נאָכדעם ווי ער איז געוועזען דער ווילדער פּורץ. און אויך דעמאָלט איז זײַן שליטה נאָר אויף אַ ווײַלע. עס קלעקט נאָר איהם אַ קוק צו טון אין דעם סקעלעט-פּנים פֿון דבוק, אַז זײַן גאַנצע יוגענד-קראַפֿט זאָל אויפשפּרינגען אין זאָל זיך צעגיסען אין איהר גאַנצער שטאַרקייט.

V 1

אין ערשטען קאַפּיטעל פֿון דער פּאָעמע „שמשון" גיט אונז שניאור אַן בילד פֿון דעם פּסיכאָלאָגישען מאָמענט, ווען עס האָבען זיך געעפֿענט די טויערן פֿון זײַן נשמה פֿאַר דעם דבוק „שמשון". דאָס בילד איז אַזוי קלאָר, אַזוי שטאַרק, וואָס אָנבעלאַנגט דער ווירקונג פֿון איהם אויפֿן לעזער, אַז שוין פֿון איהם אַליין קאָן

מען זעהן, וואָס אַ יונגע, בלוטיג־רויטע קראַפט עס פליסט אין דעם פּאָעטס אָדערן. נאָר ווער עס איז יונג, באמת יונג, יונג, ווי די יונגע געטער פון אַמאָליגען גריכענלאַנד — קאָן אַזוי שטאַרק פיהלען די אייגענע פוסטקייט, די אייגענע מאַטיגקייט, די צייטען פון אייגענער „שקיעת החמה“.

דער פּאָעט קעמפט מיט דעם דבוק, וואָס מאַכט פול זיין צימער. ער זאָגט מיט שטאָלץ צום שמעון: „דו האָסט אַ טעות; דו זוכסט שטענדיג אַ חורבה; האָסט דערזעהן, אַז מיין טיר איז צעבראָכען — ביסטו אַריין. אַ טעות! ניי איז מיין בנין, אין ערגעץ נישט פסול, און בליִמען אין אַלינקע ווינקעלעך. זעה! אַ שוואַרץ פייער בעשטראַלט מיינע האָר, און אַ פורפור־רויטע פלאַם פליסט אין מיין בלוט, און אין מיין אייג פלעמעלט און טענצעלט די יוגענד“.

דער שמעון מאַכט זיך אָבער נישט וויסענדיג, בוקט זיך און שעפּטשעט: איך בין געקומען!

אין צווייטען קאַפּיטעל שפּעט ער פון אומגעלומפּערטען שד, און מיט אַ שטילער גאוה דערצעהלט ער איהם, וואָס פאַר גליקליכע צייטען ער פערברענגט אין די אָרעמס פון זיין יונגער געליבטער: „איך בין צוגעבונדען צו מיין ליבהאַרציגער, ווי אַ קנעכט, און קיניג אויף איהר לייב, ווי אַ טיראַן, און פּיעשטשע זיך אין איהר שוים, ווי אַ קינד!“ פאַר דיר איז קיין אָרט ניטאָ אין מיין פערפולטען געמיט. דער שמעון אָבער מאַכט זיך אַ ווייליע צוהאָרכענדיג, געניצט דערנאָך און חזר'ט איבער זיין שפּרוכעל: איך בין געקומען!

אין דריטען קאַפּיטעל דערצעהלט ער דעם אומעטיגען שד וועגען אַלע די שטאָלצע פלענער און געדאַנקען, וואָס מאַכען פול דעם בעכער פון זיין נשמה, אַזוי פול, אַז עס גיסט זיך שוין דער זאַפט איבער די גאָלדענע קאַנטען פון בעכער. ער גיסט פאַר איהם אויס אַלע די שטאָלצע געפיהלען, וואָס ציהען פונאַנדער דעם ברוסט־קאַסטען פון אַ גאונישער יוגענד, וועלכע פיהלט זיך שטענדיג קיניגליך גרויס, קיניגליך פריי און קיניגליך רייך, וועלכע פיהלט זיך שטענדיג אין דער בחינה פון אַ ליכטיגער זון, וואָס לייכט, וואַרימט און דערפרעהט טרוקענע הערצער... דער שמעון אָבער פערקרימט זיינע דינע ליפּען אין אַ שמייכעלע און האָט נאָר איין ווערטיל: איך בין געקומען!

דער מערטער קאַפּיטעל, „ווענוס"*, דאָס בילדער־רײַכסטע, וואָס מיר האָבען ביז איצט אין דער העבּרעאישער פּאָעזיע — געהט נאָך אַ טריט ווײַטער, גראָבט נאָך טיפער אין האַרצען פון דעם פּאָעט, וואָס איז די „יוגענד אַליין, אין אַנטפּלעקט פאַר'ן „שמחון" דאָס לעבעדיגסטע „קניפּעלע", וואָס פערבינדט איהם מיט'ן לעבען, מיט דער וועלט, מיט דעם „אייביגען גאָט" פון זײַן אומשטערבליכער יוגענד־נשמה. ווענוס — די גריכישע געטין פון ליבע — איז פאַר איהם דער סימבאָל פון דעם לעבען אַליין; די פעהיגקײַט צו געניסען מיט אַ טיפער געטליכער גאַנצקײַט דאָס לעבעדיגע אין מאָמענט פון זײַן געבוירען ווערען, וואָס ווייס נישט פון קיין צוקונפט און קיין עבר, וואָס איז אייביג דאָ, און חשבונ'ט נישט מיט אַ געוועזן און מיט אַ ווערען.

די דאָזיגע ווענוס, ד. ה. איהר גײַסט, איז פול אין דער גאַנצער וועלט. דער פּאָעט געפינט די אומעטום: „אין די בייטען פון איטליכען בלומען־גאָרטען, אין דעם צאַרט־אויסגעבויגענעם גרעזעל אין איטליכען וואַלד, אין די געלע וועלען פון די זאַנגען, אין די פעדערן פון שטרויס־פייגעל אין מדבר און אין די שפּאַלטען פון קאַלטען פעלזען־בערג". אומעטום זעהט ער די ווענוס, וואָס איז נישט נאָר דאָ, נאָר וואָס איז שטענדיג גרייט זיך עראָטיש מיתה צו זײַן, און וואָס שאַפט דורכדעם דאָס אייביגע זײַן, די אייביגע געגענוואַרט, וואָס ווייס נישט פון קיין עבר און קיין צוקונפט.

די עראָטיק איז פאַר'ן פּאָעט נישט קיין הפקרות, נישט דער לוקסוס אין לעבען. זי איז דער גרונד־פּרינציפּ פון דעם לעבען אַליין. עס איז נישטאָ קיין געגענוואַרט אָהן דער עראָטיק פון אַ ווענוס, עס איז נישטאָ קיין פריהער און שפּעטער, ווען די ווענוס וואָלט זיך נישט אייביג מיתה געווען אין די פעלזען פון די בערג, אויף די בייטען פון די גערטנער.

אָדער מיט אַנדערע ווערטער: דער גרונד־פּרינציפּ פון לעבען איז צו זײַן אַ שטענדיגער שעפער, שטענדיג צו פיהלען דעם גליקליכען געגענוואַרטס־אויגענבליק, וואָס ווערט געבאָרען אין די

* אונזערע יודישע פּאָעטען וואָלט גאָרנישט געשאַד ווען זיי וואָלטען אויספּרובען זייער איבערזעצונגס־קראַפט אויף שניאורס פּאָעמע.

הייליגע מאָמענטען פון אַ גײַסטיגען אָדער אַ קערפּערליכען יחוד, ווען צוויי זוימען אין זייער פינסטערער איינזאַמקײַט טרעפען זיך צונויף מיט אַ געטליכען גליקס-געפיהל.

זײַן יוגענד-געפיהל חלומט שטענדיג פון דער דאָזיגער ווענוס. ער זוכט די אומעטום, און ער גלויבט, אַז ער וועט זי געפינען. דער זין פון זײַן לעבען איז נאָר צו געפינען זײַן ווענוס. „דעמאָלט וועט ער צעטרעטען דעם נ ע כ ט ע ן און מ אָ ר ג ע ן. עס איז נישטאָ קיין עבר, נישטאָ קיין צוקונפט, — פאַראַן נור דער אין-סוף (די אונענדליכקײַט), נישטאָ קיין זינד און קיין ווארילטאַט — עס איז נאָר דאָ דאָס געפיהל; נישטאָ קיין שלעכטס און קיין גוטס — ס'איז דאָ נאָר די פלאַם פון ליידענשאַפטען, וואָס מאַכט זיך אַ וועג דורך שטאַרקע מויערן“.

ער מעסט די מענשליכע וועלט (און די וועלטליכע אָרדנונג) מיט דעם מאָסשטאַב פון זײַן אינעווייניגסטען טיפסטען לעבענס-פרינציפ — און די עקעלט איהם אָב. זי איז איהם שוין אַ „זקן“ אין זײַנע אויגען. ער גלויבט נישט דערין, וואָס מענשען זאָגען, אַז די „ווענוס איז טויט“. די קיניגין לעבט, ער זוכט זי שטענדיג, און ער וועט זי געפינען. ס'איז נישטאָ קיין אָרט אין זײַן האַרצען פאַר'ן „שממון“. דען אייביג טרײַבט איהם די שטאַרקע אינערע ליידענשאַפט צו געפינען זײַן קיניגין, די געטין ווענוס.

און איך דעמאָלט, דערנאָך, ווי ער וועט שוין געפינען די ווענוס, וועט דער שממון נישט האָבען קיין שליטה אויף איהם, דען אין דעם טאָג, ווען ער וועט זי געפינען, וועט ער אַזוי שטאַרק געניסען דאָס לעבען מיט אַלע זײַנע אָבגרונדען, אַז ער וועט ווערען לויטער פלאַם-פײַער. „איך וועל זי, מײַן קיניגין, פער-ברענען מיט דעם פלאַקער פון מײַן האַרצען און אַליין וועל איך ווערען אַ גליהענדיגע קול: אָט דעמאָלט וועסטו קומען און טאַנצען אויף מײַן הײַפעלע אַש, שממון, און זיצענדיג אויף דעם קאַלטען גראָהען הײַפעלע, וועסטו אַרומנעמען דײַנע טונקעלע ברודיגע קניה“.

דער שממון אָבער ווערט שוין מיד דאָס צו הערען, ווערט שוין מיד צו הערען די בעריהמטע פון דער „י ו ג ע נ ד“, דרעהט איס ווי אַ שלאַנג זײַן דינינקען האַלז און שושקעט אײַן דעם פּאָעט אין אויער: „איך בין געקומען!“...

כל זמן מיר האָבען נאָך נישט דעם צוגעזאָגטען אַלטען היפּט־קאַפּיטעל „דאָס ליד פון שמחון“ — פערנעמט דער שמחון אַליין אַ גאַנץ קנאַפּען אָרט אין דער פּאָעמע. ער טרעט נאָר אַרויס אַלס אַ בליץ־שנעלער קאָנטראַסט קעגען דעם יוגענד־ריטם, וואָס זינגט אין דער פּאָעמע זיין שטאַרק לײדענשאַפטליך ליד.

שניאור וויגט זיך אויף זיין פּאָעטישער וויג; מיר זעהען, ווי זיין וויג הויבט זיך אויף ביז צו די וואָלקענס, און לאָזט ער זיך אַרונטער ביז צום שמחון — און דאָס גאָר אויף אַ קורצען, קורצען אויגענבליק... און כאָטש דער שמחון איז שטענדיג דער פינאַל, אָבער ביים לעזער בלייבט דאָך פאָרט איבער דאָס געפיהל, אַז ער איז געפלויגען הויך, הויך, ווערענדיג געטראָגען פון דער בשמים־דיגער לופט, וואָס מיר רופען דאָס יוגענד, לעבען, נישט פער־ניצטע קראַפט.

אַודאי, לעבט דורך שניאור צייטען פון שמחון. אָבער צי איז דאָס נישט די אָרימקייט פון אַ יונגען פרינץ, וואָס האָט אויפ'ן שפּאַ־ציר־וועג צעטיילט די גאָלדענע מטבעות מיט'ן גאָלהענעם זעקעל צוזאַמען?

געווים שפּירט אָפט שניאור די גרויסע שטומקייט, וואָס לויפט נאָך ווי אַ שאָטען איטליכע לאַרעמדיגע בעוועגונג. נאָכמעהר, ער שפּירט דאָס עבּטער און טיפער, ווי אַנדערע, ווייל אין איהם האָט זיך בעזעצט דער שד פון יוגענד, וועלכער איז דאָס לעבען, דער לאַרים, די אייביגע אומרוהיגע בעוועגונג.

אָבער דער שמחון איז פאָרט נאָר דער שאָטען, נישט די ממשות'דיגע פערזענליכקייט פון שניאור'ן.

און דאָס איז טאַקע דער גרויסער חסרון פון דער אויסגעציי־כענטער פּאָעמע. מיר בעקומען אַ טיטעל אָהן אַן אינהאַלט. דעם לעזערס דמיון קעהרט זיך צוליב דעם טיטעל צו אַ געשטאַלט, וואָס איז כמעט נישט פאַראַן אין דער פּאָעמע און פערלירט די נאַטירליכע בעציהונג צו דעם, וואָס איז דאָ.

איבערהויפּט איז שניאור נישט קיין בעל־מזל אין טיטלען אויסקלייבען. פאַר זיין ערשטען באַנד פּאָעזיע, וואו עס פלאַקערט

פֿון יוגענד־קראַפֿט, האָט ער אויסגעקליבן דעם נאָמען „ווען די זון גײט אונטער“, וואָס פּאַסט גיכער פֿאַר דער פּאָעזיע פֿון אַן אײנהאָרן.

צי איז דאָס אויך נישט אַזאַ וואָגשאָל־באַוועגונג — די דאָזיגע ליבע צו קאָנטראַסט־טיטלען?

אין דער פּאָעמע טרעט אַרויס מיט אַ באַזונדער קראַפֿט דאָס כאַאָטישע, ציללויזע פֿון שניאורס נשמה. אַ מענטש, וואָס וויל נישט וויסן פֿון צוקונפֿט און עבֿר, קאָן נישט האָבן פֿאַר זיך קײן ציל. אַ ציל זעצט פֿאָראויס שטענדיק אַ צוקונפֿט. און די לעצטע איז אוממעגלעך אָהן אַן עבֿר.

שניאור וויל זײַן אַ שטיק געגענוואַרט, ער וויל שטענדיק פֿילן דעם פּײַך פֿון רײַט־בײַטש אין די הענט פֿון דער נאַטור, וואָס צווינגט שטענדיק, ווי אַ צירק־דירעקטאָר, אָנצושפּאַנען די מוסקלען און נערוון פֿון שענעם אַראַבישן פֿערד. ס'איז נישט וויכטיק די ריכטונג פֿון דער באַוועגונג, ווי די באַוועגונג אַלײן. ער וויל זײַן ווי די עלעמענטאַרע קרעפֿטן אין דער נאַטור, וואָס וויסן נישט און ווילן נישט וויסן פֿון די געדאַנקען אין מאַטעמאַטישע פֿאָרמולען, אין וועלכע עס שפּאַרן זיי אַרײַן אַלערלײ חכמים און חרטומים, פּראָפֿעסאָרן און געלערנטע. ער וויל זײַן ווי די נאַטור אַלײן, ווי די בײמער אין פֿעלד, ווי די חיות אין וואַלד.

אין פֿערטן קאַפּיטל „ווענוס“, ווי געזאָגט, דריקט ער אויס קלאָר דעם גרונט־פּרינציפּ פֿון זײַן לעבנס־אויפֿפֿאַסונג.

שניאור וואָלט געוויס געמאַכט אַ קאָמישן אײַנדרוק אויף אונז, ווען מיר וואָלטן נישט געפֿילט, אַז הינטער איטלעכער שורה פֿון זײַן ליד שטעהט אַ קראַפֿט, וואָס איז נישט קײן געמאַכטע, נאָר אַ נאַטירלעכע, אַן עכטע, ווען מיר וואָלטן נישט געהערט אין דעם ריטם פֿון זײַן פּאָעזיע דעם ריטם פֿון אַ יוגענה, וואָס מיר האָבן אַלע אַמאָל טײלווײַז דורכגעלעבט.

און מיר שטעהן פֿאַר איהם, ווי פֿאַר אַ וואונדער: מיר, די לײַט מיט די צילן און די צוקונפֿטס־בויער, ווערן בעפֿישופֿט פֿון זײַן יוגענד־קראַפֿט, וואָס איז בײַ איהם נישט פֿערבונדן מיט דער געוועהנליכער עלטער.

אין דער יודישער פּאָעזיע איז שניאור דער ערשטער, וואָס פערקערפערט אַזוי שטאַרק די יוגענד, אַלס עלעמענטאַרע קראַפט אָהן פּלענער, אָהן צילען, אָהן פּאַרטיי־פּאָליטיק און צוקונפטס־מוזיק, אָהן דעם וואונש אַפילו צו גענִיסען די תענוגים פון עולם הזה, (דאָס אינטערעסירט מעהר מענשען, וואָס האָבען שוין קיין יוגענד נישט פאַר זיך), גרייט צו געניסען און גרייט צו שטאַרבען, צו זײַן צוגלײַך סײַ דער תלין און סײַ דער קרבן, נישט צו וויסען פאַר זיך קיין ציל, נאָר צו פיהלען אין זיך דאָס שטאַרקע קרעפטיגע שפיל פון אַן אייביגער עליה און ירידה, און צו טראָגען מיט זיך, ווי אַ פאַקעל, דעם אידעאַל פון אַן אייביגער גרינענדיגער יוגענד.

אָנגעהויבען האָט שניאור מיט זײַן „עם שקיעת החמה". די לעצטע פּאָעמע „שממון" ווײַזט אונז, אַז דער וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבען, איז זײַן וועג, וואָס האָט שוין קיין שייכות נישט מיט די יאָהרען פון ענטוויקלונג, מיט די קורצע יאָהרען פון דער געוועהנליכער „פובערטעט" (בגרות), ווען אויך ווייניגער בעגאַבטע זינגען מאַנכמאָל נאָכ'ן פּײַפעל פון יוגענד־שר. שניאור זינגט נישט נאָכ'ן פּײַפעל; אין איהם אַליין האָט זיך בעזעצט דער שר פון דער יוגענד...

צום שלום מוז איך נאָך בעמערקען, אַז פאַר דעם ליטעראַרישען קריטיקער איז שניאור איינע פון די אינטערעסאַנטסטע געשטאַלטען נאָך דערפאַר, וואָס עס איז זיך שווער פאָרצושטעלען זײַן ווײַטערדיגע ענטוויקלונג.

ער איז עפּעס געקומען צו אונז אַ גאַנצער, אַ פאַרטיגער. זײַן טעכניק האָט זיך אויסגעבעסערט, אָבער אין זײַנע גרונד־שטימונגען און אידעאַלען איז ער געקומען פאַרטיג, ווי פון פורעם אַרויס.

אַזעלכע ערשײַנונגען אין דער ליטעראַטור קומען פאָר זעהר זעלטען. און זיי זײַנען שטענדיג פאַר אונז אַ רעטעניש. ווען מען בעטראַכט נאָך, ווי נישט מאָטיווירט און נײַ עס איז אַזאַ ערשײַנונג אין אונזער צעריסענעם יודישען לעבען — הויבט מען אָן נאָך מעהר צו בעגרײַפען די שווערקײַט פון דעם רעטעניש, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען ז. שניאור.

און איך בין איבערצייגט, אַז אונזער אַרימע ליטעראַטור וועט נישט אַזוי גיך מיד ווערען זיך צו בעשעפטיגען מיט אונזער צוויי־טען גרויסען פּאָעט, נאָך ביאַליקן, מיט שניאורן, וואָס טייל קריטיקער זעהען אין איהם נאָר דעם פּוסטען רעטאָר און בעל־מליצות, און וואָס לייקענען אפילו אַמאָל אָב ביי איהם די עכטקייט פון זיין שטורמישער פּאָעטישער פעדער.

ווען מ. י. בערדיטשעווסקי שרייבט יודיש.

יודישע כתבים א. אז. וו. פון מ. י. בערדיטשעווסקי.

עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלען זאגען, אז כמעט אלע העבראישע שרייבער זיינען צוגלייך אויך יודישע שרייבער, ווייניגסטענס די שרייבער, וואס האבען געהאט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דער ליטעראטור אין די לעצטע 30 יאהר, זיינען צוגלייך העבראישע און יודישע ליטעראטען: ש. י. אבראמאוויטש און י. ל. פרץ זיינען די בעסטע ראיה דערצו.

עס איז אויך קיין גוזמא נישט, ווען מיר וועלען זאגען, אז גראד דער דאזיגער מין שרייבער, וואס קנעלט מיט א צווילינגשפראך, האט גרונטיגער ווי אנדערע רעפארמירט סיי די העבראישע, סיי די יודישע שפראך, און ווידער זיינען אבראמאוויטש און פרץ די בעסטע ראיה דערצו. אפילו ח. נ. ביאליק, וואס האט נאר זעלטען בענוצט זיין פעדער צו שאפען אין יודיש, האט מיט זיינע ווייניגע געצעהלטע ארבייטען שטארק געבראכט דערצו, אז דער שוואכער, ארימער „זשארגאן", וואס איז מעהר נוטה צו מאכען א רחמנות־פנימ׳ל און איז אזוי נישט געוועהנט געווען צו רעדען א שטארקע, שארפע, קרעפטיגע און גאליג־ביטערע שפראך — זאל בעקומען מיט אמאל א נייע בעוועגליכען פנים. דאס קליינע ווערקעל זיינס „פון צער און צארן" איז, חוץ זיינע אנדערע מעלות, א מוסטער פון א נייער קרעפטיגער שפראך, וואס איז צוגלייך יודיש אין טיפסטען זין פון דעם דאזיגען שפראך־געפיהל.

אבראמאוויטש האט אריינגעבראכט די יודישע תנועה, חעם

יודישען גלות-קנייטש אין העברעאיש, און ממילא האָט ער די דאָזיגע שפּראַך-מומיע געמאַכט ווידער לעבעדיג.

פּריץ, וואָס איז אייגענטליך קיינמאָל נישט געווען פֿאָלקסטימליך אין וואולגאַרען זין פֿון דעם וואָרט, האָט פֿאַר׳בית-המדרש׳ט, פֿער׳חסידיישט דעם יודיש, אייראָפּעאיזירט דעם העברעאיש אין סיי דאָס, סיי יענס האָט ער נישט בעגריפֿען אַלס אַ פּאַרטייגען געביי, נאָר אַלס אַ ווייכע מאַסע, וואָס דאַרף געקנאָטען ווערען פֿון אַ קינסטלער-האַנד.

ביאַליק האָט נאָך אַן אַנדער קונסט-שטיק בעוויזען: די אַלטע געהויבענע קרעפֿטיגע מעלאָדיע פֿון תנ״ך האָט ער איבערגעגאָסען אין די וואָכעדיגע ליים-גרויע כלי פֿון פּשוט׳ן יודיש, אין נאַאיווע שטילע טענער פֿון אַ יודישען פֿאָלקס-ליד האָט ער בעדעקט מיט דעם פּורפּור-מאַנטעל פֿון אַ טויזענד-יעהריגער מומיע און דערביי זיי נישט דומפּער געמאַכט, נאָר זיי נאָך צוגעגעבען יאַ וואונדערליך-ליבען הינטער-גרונד (ח. נ. ביאַליק, „שירי עם“).

אַן אויסנאַם מאַכט בערדיטשעווסקי. איך ער געהערט צו אונזערע אָריגינעלסטע שרייבער, וואָס האָבען אַריינגעבראַכט אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ נייעם סטיל, אַ נייע שפּראַך. איך ער געהערט צו די פּובליציסטען-קינסטלער, וועלכע צילען נישט נאָר צו געבען אַ געדאַנקען-אינהאַלט, נאָר ווילען אויך מיט זייער וואָרט וועקען ביים לעזער זיין געפֿיהל פֿאַר שענקייט, ריטם און פֿאַר די טיפֿענישען פֿון שפּראַך-גייסט.

דאָס איז ער אַליין אין העברעאיש. הויבט ער אָבער אָן צו שרייבען זיינע „יודישע כתבים“, ווערט ער אַן איבערגעביטענער, פֿערוואונדערט ער דעם לעזער מיט חער אומגעלומפּערטקייט פֿון זיין פֿעדער, וועבט-אויס ביי איהם זיין גאַנצער ליריזם, וואָס האָט אַמאָל (לשון קודש, נאַטירליך) געשריען: „איך וועל דיך, לעזער, אָננעמען פֿאַר דיינע טשופּרינעס און וועל דיך שלעפּען פֿאַר דיינע האָר אַזוי לאַנג, כל זמן איך וועל דיך נישט צושלעפּען צו דער וועלט, וואו די שענקייט זיצט אויפֿ׳ן טרוין און הערשט איבער דעם מענשענס נשמה!“

דער לעזער, וואָס לייענט בערדיטשעווסקי׳ן אין יודיש, שטעהט ווי פֿאַר אַ רעטעניש. דער לשון-קודש׳דיגער „פּיטשאַנער“,

וואס האלט שטאל און אייזען פאר די „פריצים“ און פיהרט תמיד א מלחמה מיט די רב יוחנן בן זכאי׳ס און די „יבנ׳יכטען“ — קריגט פלוצים א פנים פון א נארישען, תמעוואטען קליין-שטעטעלשען יודעל, וואס איז ארויס אקארשט פון דער מקוה, און עס קייקלען זיך נאך די טראפענס פון זיינע „קארקען-ציהער“, ווי די הייטשען רופען די פיאות.

ער פערגעמט זיך מיט אזוינע מאראלישע און „הויך-פילא-זאפישע“ געדאנקען, אקעגען וועמען יעדע יודינע מיט׳ן טשאלענט-טאפ אין האנד קאן זיך דרייסט האלטען פאר א תקרנ׳טע. און דערביי פיהרט ער א לשון... נאר איידער מיר וועלען רעדען וועגען בערדיטשעווסקי׳ס יודישען לשון, שאדט נישט זיך צו דערמאנען, וואס ער שרייבט מכח יודיש און יודישער ליטעראטור אין זיין ספר׳ל „בשירה ולשון“ (הוצאות „תושיה“).

II

בערדיטשעווסקי איז זעהר אומצופרידען, דערמיט, וואס איטליכער יודישער שרייבער קנעלט מיט א צווילינגס-שפראך. ער גע-פינט, אז ביידע שפראכען, לויט זייער גייסט נאך, אונטערשיידען זיך אזוי געוואלדיג, אז א מענש, וואס קאן היינט שרייבען דאס אייגענע אין איין שפראך און מארגען אין דער אנדערער, איז בכלל א מין נאקעטע נשמה, וואס איז אויסגעטאן פון העברעאיש און יודיש, ממש ווי אקארשט פון דער מוטערס לייב ארויס. ער איז אפשר א פאעט, נאר א פאעט אהן א שפראך, און דאס איז דאס אייגענע, וואס א מאלער אהן הענד און א מו-זיקער אהן אן אינסטרומענט. נאך ערגער, ער איז ווי א בלינדער מאלער, ווי א טויבער מוזיקער.

לויט בערדיטשעווסקי׳ן, האט העברעאיש צו טון מיט דער טייערער ירושה פון די יודישע דורות, גיט זיך דער עיקר אב מיט די יחידים, די גרויסע פערזענליכקייטען פון דער יודישער גע-שיכטע. אין יודיש, פערקעהרט, האבען מיר צו טון נאר מיט׳ן פאלק (אונטער פאלק פערשטעהט בערד. דעם פעבעל, דעם המון), מיט׳ן פשוט׳ן יודען. „העברעאיש — איז אונזער עשירות, אן עשירות אין ווערטער און אין השגות; מיר האבען טויזענדער (?)

אויסדרוקען, טוויזענדער (?) פינאַנימען פאַר יעדען געדאַנק און פאַר יעדען געפיהל, פאַר יעדען זאַכטען ווינקעל אין אונזער געדאַנקען וועלט און אין אונזער נשמה. יודיש, פערקעהרט, איז אַן ענגע, צוזאַמענגעצויגענע שפראַך, אַ קורצע, אַ צו־קורצע, כמעט אַ שפראַך אַ רעטעניש"...

דער חילוק צווישען יודיש און העברעאיש איז העכער אַזוי גרויס, אַז ווער עס וויקעלט זיך איין אין דעם טלית פון דער העברעאישער שפראַך, קאָן שוין נישט אַרומגעהן אין דער גלײַכער צײַט אין דער סערמיאַגע פון דער יודישער. העברעאיש איז די שפראַך פון אונזער פערגאַנגענהײַט, וואו עס איז מעגליך צו פעראייניגען, צוזאַמענשמעלצען דעם אַמאָל מיט דעם הײַנט. אין איהם איז צוגלײַך נאַטירליך און מעגליך אַן אָריגינעלע שעפערישע ליטעראַטור. שרײַבען מיר אין העברעאיש, גיבען מיר נישט נאָר איבער די קבלות פון פאַרצײַטען, נאָר מיר גיבען אויך אייגענע. אין יודיש איז דאָס אָבער נישט מעגליך. די שפראַך לעבט מיט דעם טאָג, האָט נישט קיין עבר (?) און דאָס איינציגע, וואָס זי מוז און דאַרף געבען, איז דאָס, וואָס עס דערצעהלט איהר דער טאָג. דער יודישיסט דאַרף, חס וחלילה, נישט וועלען זײַן קיין געבער פון אייגענע געדאַנקען, געפיהלען און שטימונגען. זײַן חוב איז צו זײַן אַ האָרכער, דאָס אויער פונ'ם פשוט'ן פאָלק. ער דאַרף נישט זײַן מעהר, ווי אַ פאָנאָגראַף־פּלאַסטינקע, וואָס פערצייכענט אָהן שום קינסטלערישע פּרעטענזיעס די שטימען פון גאַס, פון טאָג, פון פערשמײַעטען פאָלקס־מענשען. „וויבאַלד דער יודישיסט וויל עפּעס צולעגען אייגענס, ד. ה. שאַפען, פערדאַרבט ער נאָר די שפראַך", — זאָגט בערדיטשעווסקי, און האָט זעהר ליב איבערצוחזר'ן דעם לעצטען געדאַנק עטליכע מאָל אין זײַן אַרטיקעל „שניות" (ז. 59 און ווײַטער).

„העברעאישע פּאָעזיע קאָן נאָר געבוירען ווערען אין העברעאישען, און זי זויגט פון העברעאישען (?) גײַסט און פון דער העברעאישער שפראַך־ירושה. ווי נאָר די דאָזיגע פּאָעזיע עפענט אידרע אויגען, איז זי שוין אַ העברעאישע. און דאָס איינציגע איז מיט דער יודישער פּאָעזיע, וואָס טראָגט אויף זיך די חתימה פון אַ ספּעציעל יודישען תוך, איז זי אויך דורך און דורך יודיש (שלום

עליכם, למשל); זי קומט שוין אויף דער וועלט מיט איהר אייגענער שפראך; איטליך קרימעלע, איטליך ווערטיל איז אן אייגענס, אן אריגינעלס; איטליך בוינעלע, איטליכע הארצענס־בעוועגונג איז גענומען פון לעבען, איז גענומען פון די רעאלע לעבעדיגע מענשען און פון דער מאסקע, וואס זיי טראגען אין לעבען. איהר האט דא נישט קיין שמועסען מכח דעם, וואס מיט דעם פאעט אליין האט זיך געטראפען, אדער וואס האט מיט „אנדערע" פאסירט, נאר איהר זעהט דא די „אנדערע", וואס קומען און רעדען זיך אויס אויף אן אייגענעם שטייגער, זיי שמועסען און געהען אוועק, און מיר זיינען נאר די צוהארכער... איהר האט דא וועניג פארבען, דאס פאלק ווייסט נישט פון קונסט, פון פערשענערן. פאראן דארט א שטיק לעבען, וואס מען טאפט עס מיט די הענד און מען דארף נישט דערצו די ברילען פון דער קונסט".

אזוי זאגט בערדיטשעווסקי. און עס געפעלען איהם נישט פרץ, נאמבערג, אש, אלע, וואס האבען אויפגעהערט צו זיין די הארכער און האבען אנגעהויבען ארבייטען מיט די קונסט־ברילען, וואס קודם כל ווילען זיי נישט זיין קיין פשוטע עטנאגראפען (דען צו דעם פיהרט דאך בערדיטשעווסקי'ס מיינונג וועגען יודיש, וואס טאר נישט זיין ליטעראריש, שעפעריש), נאר יודישע קינסטלער, יודישע ליטעראטען.

„נישט קיין פאלק־יודיש האבען זיי אונז געגעבען, צום מיינסט, שרייבענדיג וועגען פאלקס־לעבען און זיינע הארץ־בעוועגונגען — און דאס איז דאך די הויפט־זאך און גיט יודיש דעם נויטיגען הכשר, — נאר א יודיש, א פערפולקומענט און אן אויסגעבעסערט, א יודיש, וואס וויל זיך אליין אריבערוואקסען און צערייסט דור־דעם די פעדים, וואס פערבינדען איהם מיט'ן פאלק"...

די יודישע שפראך צייכענט זיך אויס מיט איהר רעאליזם, (ווי איבעריגענס, איטליכע פאלקס־שפראך); קומען אבער די אשם, די רייזענס, די ראזענפעלדס, די איינהארנס און צעגיסען זיך אין ליריק.

„אין דער פאלקס־שפראך הערען מיר דאס פאלק, דעם יודישען קיבוץ, וואס האלט דעם שטעקען אין האנד, דעם זאק אויף

די פליצעס און גרייט אויפ'ן איינגעבויגענעם רוקען אויסצוטראָגען אַלערליי פורעניות; און דאָ, אין דער יודישער ליטעראַטור שטעהט זיך אַ חזן (און אַש אָן דער שפּיץ) און ציקעלט זיך אויפ'ן קול, און קיין עולם איז נישטאָ. דער יודישער עולם ציקעלט זיך נישט מיט, פון פּאָעטס ציקלען הערט זיך נישט די שפּראַך פון פאָלק".

קורץ, בערדיטשעווסקיס אַנזיכטען מכּח יודיש זיינען קלאָר. דער יודישער שרייבער דאַרף זיין דער עהרליכער קאָפּיסט פון דעם פאָלק. דער גאַנצער כח זיינער דאַרף בעשטעהן אין דעם, צו וויסען, וואָס צו קאָפּירען. שלום-עליכם, למשל, לויט בערדיטשעווסקי'ן, איז אַ טייערער קאָפּיסט, און ער גיט איהם טאַקע דערפאַר עטליכע מאָל אַ יישר-כח. אַבראַמאָוויטש, — שוין נישט אינגאַנצען, נאָר טיילווייז. מן הסתם דערפאַר, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו פיילען די פאָלקס-שפּראַך, דערפאַר אפשר, וואָס ער האָט זיך צייטענווייז „צעציקעלט", ווי אַ קינסטלער, נעביך.

איך האָב דאָ ניט בדעה צו פּאָלעמיזירען מיט בערדיטשעווסקי'ן. זיינע אָנשויאונגען איבער יודיש זיינען ניט ניי, גאָר ניט ניי. זאָל ער מיר מוחל זיין זיין כּבוד, ווען איך וועל איהם דערמאָנען אָן די אַלטע משכּילים, וואָס האָבען כמעט געגעבען דעם אייגענעם הכשר אויף געדרוקטע יודיש, ווי היינט בערדיטשעווסקי.

אמת, בערדיטשעווסקי רעדט וועגען „יודישער פּאָעזיע" (יהודה ליב גאָרדאָן רופט עס אָן „שיחת חולין"). בערדיטשעווסקי וויל נאָר זיין אַ האָרכער, אַן אויער פון דער יודישער גאַס, בעת די אַלטע משכּילים האָבען געוואָלט זיין מלמדים, מדריכים פון דער יודישער גאַס. אָבער דאָס, וואָס בערדיטשעווסקי חזר'ט אַ סך מאָל איבער, אַז מען זאָל נאָר נישט וועלען געבען אייגענס, אַז מען זאָל נאָר נישט וועלען שאַפען אין יודיש — דערנעהנטערט איהם שטאַרק צו דעם אַלטען משכּיל-טיפּ, וואָס האָט אָבגעלייקענט איטליכע צוקונפט פאַר יודיש.

און מחמת נאָך אַ טעם האַלט איך פאַר איבעריג צו פּאָלעמיזירען מיט בערדיטשעווסקי'ן. דער שטרייט צווישען די יודישיסטען און העברעאיסטען איז שוין אַזוי אַלט, אַז עס איז פשוט נישטאָ

קיין איין זאַץ פון בערדיטשעווסקי׳ן וועגן יודיש, וואָס איז שוין נישט צעגלידערט געוואָרען אין די קרייזלעך פון דער נאַציאָנאַלער יודישער יוגענד, נאָך איידער בערדיטשעווסקי האָט פערעפענטליכט זיין בוך „בשירה ולשון“. און ווען מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט איך דער לעצטער בראָשורע פון בערדיטשעווסקי, איז עס נאָר דעריבער, אום צו זעהן, ווי בערדיטשעווסקי שרייבט יודיש לויט זיין אייגענעם רעצעפט.

III

געטריי זיין אייגענעם רעצעפט, האָט דער מחבר פון די יודישע כתבים“ נישט אונטערגעשריבען „פערפאַסט פון... א. או. וו.“, נאָר „געדרוקט על ידי מו״ה יוסף בערדיטשעווסקי“. דען ווי זאָל זיך דאָס דערוועגען אַן עהרליכער קאָפּיסט, אַ מענש, וואָס האָט אונטערגעהאָרכט, זיך צו געבען דעם טיטעל פון „אַ פערפאַסער?“

דער זיידע רב מענדעלי פלעגט אויך אַרויסגעבען זיינע ביכלעך נישט אַלס פערפאַסער, נאָר „בהשתדלות מענדעלי מוכר ספרים“. ביי רב מענדעלי׳ן אָבער פיהלט זיך דאָס פיינע שמייכעלע אין דעם טיטעל. ביי בערדיטשעווסקי׳ן, פערקעהרט, פיהלט זיך די הוילע פשטות אָהן פעפער און זאַלץ. נאָר שוין אין פאָרערבלעטעל האָט בערדיטשעווסקי פערגעסען אַ ביסעל אָן זיין רעצעפט. איך לייען:

יודישע כתבים פון אַ וויטען קרוב.

(נישט שלעכט; אונטערגעהאָרכט).

ערשטער באַנד.

(סטייטש! „באַנד“. וואו האָט ער דאָס דערהאָרכט, אָדער צי הויבט ער זיך שוין אויך אָן צו ציקלען?)

פון היינט און אַמאָל.

(עס שמעקט אַ ביסעל מיט ליטעראַטור דער נאָמען).

פּיעראונצוואַנציג געשיכטען צום לייענען.

(וואויל, „פיעראונצוואַנציג“ אין איין וואָרט; נאָכגעמאַכט די תחינות־אויסלעגעכץ; אַפילו נישט אונטערגעהאָרכט).

געדרוקט
על ידי
מיכה יוסף בערדיטשעווסקי

(בעסער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט זיין נישט־יודישען פאַמיליען־נאָמען פערביטען מיט אַן אונטערגעהאָרכטען, למשל, יאַ־קעלע דער בית־דין־שמש אָדער עהנליכעס).

איך ומיש־איבער דאָס פאָדער־בלעטעל און לייען: אַלטע מעשיות, נייע מעשיות, און מיט אַמאָל דערזעה איך „פער־שיעדענע געשיכטען און (קאַראַאול!) בילדער". וואָס, וואָס איהר ווילט, קאָלעגע בערדיטשעווסקי, איהר הויבט זיך שוין אָן צו ציקלען. אין טונעיאַדעווקע און קאַבצאַנאָווקע האָט איהר דאָס וואָרט „בילדער" אויף אייער לעבען נישט געהערט. היינט צו וואָס טוט איהר נאָך אַזאַ שייגעץ ווי אַש אָדער איינהאָרן, איך וועמען איהר זייט שטאַרק אין כעס, וואָס ער האָט אַריינגעבראַכט אין יודיש דאָס וואָרט „טיול", בשעת ער האָט בעשריבען די נעפלען פון זומערדיגע אָווענדען?

אָבער סוף כל סוף האַלט זיך בערדיטשעווסקי פעסט אָן זיין רעצעפט. ער שרייבט נאָר דאָס, וואָס זיין אויער האָט דער־האָרכט. ער וויל, חלילה, נישט געבען קיין אייגענס, אייגענס גיט ער אין „השפה העברית" — ווי ער רופט אָן די העבראַישע שפראַך—כאָטש „עברית", וויסענשאַפטליך גענומען, עקסיסטירט שוין נישט, און עס איז איסדריקליך פאַלש דעם היינטיגען העבראַיש צו רופען „עברית". גיכער לויט דעם שפראַך־גייסט איז דאָס אַ מיש־מאַש פון פערשיידענע שפראַכען, ווי דער גאַנצער יוד איז אַ מיש־מאַש פון פערשיידענע קולטורען, נאָר זיינע וואָרצלען זיינען סעמי־טישע. נאָר נישט דאָס בין איך אויסען.

איצט וועלען מיר זעהן, וואָס עס דערהאָרכט בערדיטשעווסקי אין יודישען, צווייטענס — ווי ער האָרכט, צי האָט נישט זיין יודיש אויער אַ פגימה, און, דריטענס, צי האָרכען אַליין איז גענוג, אַז דאָס געהאָרכטע זאָל מסוגל זיין צום דרוק און, פער־טענס, פאַרוואָס זיינען די „כתבים" פון „אַ ווייטען קרוב", ליטע־ראַריש גענומען, אַלס בוך, וואָס פרעטענדירט אַריינצוגעהן אין אַ יודישער שטוב, נישט פיל ווערט און זיינען בכח צו פער־

שוועכען דעם נאָמען פון דעם קריטיקער („נאָווי וואָסחאָד"), וואָס האָט געהאַט די אומפּאָרזיכטיגקייט צו פערגלייכען בערדיטשעווסקי'ס „כתבים" מיט „די פאָלקסטימליכע מעשיות" פון י. ל. פּרץ און מיט אָנכי'ס „רב אבא'ס", שטעלענדיג זיי מיט די דערמאָנטע ביכער אין איין שורה, נאָך די „פאָלקסטימליכע" אין העכער פון די „רב אבא'ס".

IV

דערהאָרכט האָט מ. י. בערדיטשעווסקי אַ מעשה מיט אַ יו־דען, וואָס האָט אַמאָל אָנגעלאָזען דעם שדוך מיט אַן אָרימער כלה, און וואָס האָט דערפאַר געמוזט אָבקומען שפּעטער „אַן עונש": איבערבעטען די געשטאָרבענע כלה ביים קבר, וואָרום אַז נישט, וועט זיך ביי איהם נישט האַלטען קיין קינד.

דערהאָרכט האָט ער אַ מעשה וועגען אַ קרומען און אָרימען בחור, וואָס איז כל ימיו געווען אַן אונטער־שמש נישט נאָר אין קלויז, נאָר אויך ביי אַלע יודענעס; אַ דערשלאָגענער שטומער בחור, וואָס איז שטיל געשטאָרבען, ווי ער האָט שטיל געלעבט, און אין גן־עדן איז ער געוואָרען ביי דוד המלכ'ן דאָס אויבערשטע פון שטייסעל. און דער מעשה־דערצעהלער הייסט זיך אַראָבנעמען אַ מוסר דערפון. און ווידער האָט ער דערהאָרכט אַ מעשה פון חורבן (אין „מנורת המאור" איז דאָס אויך צו לייענען, מן הסתם), אַ מעשה פון מדרש, אַ צווייטע מעשה פון חורבן א. אַז. וו., וואָס טייטשט איין צום סוף אַ פּסוק שטאַרק געשמאַק, טאַקע ווי אַ „פּעכאָטנער" מגיד.

צווישען די „נייע מעשיות", וואָס ער האָט דערהאָרכט, גע־פינט איהר די מעשה מיט'ן אורח, וואָס האָט אַמאָל בדעה געהאַט צו געבען זיין טאַטען אַ שנעל אין נאָז. אַ מעשה נורא מיט אַ קאָוואַל (אַ שמיד), וואָס האָט פערסמ'ט זיין ווייב. איהר געפינט אויך אַ רמז'ל אויף דער „סאַמאָאָבאָראָנע" אין די פּאָגראָם־יאָהרען, ווא' דער „האָרכער" האָט דערהאָרכט „דבורה'ס הספד", ווען מען האָט מקבר געווען איהר זוהן. די פּשוט'ע יודענע האָט געזאָגט: „איך בין די מוטער פון דעם דער'הרג'עטען, וואָס איהר בעגראָבט אַצינד, איך האָב איהם געשיקט (!) צו אַייך. איך וויל נישט וויינען, וואָס

גאָט האָט מיר צוגענומען מײַן זוהן. קיינער (!) האָט אים נישט צוגענומען. איך האָב אים אַליין (!) געגעבן. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט נישט קומען אַ לעבעדיגער, אָבער איך האָב אים געשיקט, ער זאָל זײַן מיט אײַך און ער זאָל שטאַרבן פאַר אײַך (!)".

פרץ, אַש, נאָמבערג! איהר, פערבלאָנדזשעטע שעפעלעך, אָט וואָס מען דערהאָרכט, ווען מען וויל נישט געבען קיין ליטעראַטור, נאָר די פאָלקס-נשמה אין איהר פאָלקס-שפּראַך. שעמט זיך אין אײַער ווײַטען האַלז, וואָס איהר האָט אַזוינס קיינמאָל נישט דערהאָרכט!

מילא, בערדיטשעווסקי אַרבייט פלומרשט לויט'ן רעצעפּט זײַנעם, אָבער צי גיט זיך אים אויך אײַן גענוי זיך צוצוהאָרכען? אפשר האָט זײַן אויער נישט קיין אַבסאָלוטע שמיעה, און האָט אָפטמאָל טעות'ן, ווען ער נעמט זיך צו זײַן קאָפּיר-אַרבייט, אָדער צו דעם נאָכבאַמקענען? צי איז זײַן שפּראַך טאַקע די אמת-יודישע?

למשל, אין דער ערשטער מעשה געפינען מיר, אַז דער פרומער יוד, בײַ וועמען עס האָבען זיך נישט געהאַלטען קיין קינדער, איז אַוועק אָן עצה פרעגען... בײַ וועמען מיינט איהר? בײַם רבי'ן, בײַ אַ גוטען יודען, בײַם רב אפשר, בײַם פרוש, בײַם גרויסען בעל-תשובה? האָט איהר נישט געטראָפען. ער איז אַוועק צום חוזה. יאָ, יאָ, צום חוזה. פערשטעהט איהר מיך, לויט בערדיטשעווסקי'ן, איז מן הכתם „חוזה" דאָס פאָלקסטימליכסטע וואָרט, מען וואַרפט זיך דערמיט אַרום, ווי מיט שטעכעלקעס תשעה-באָב.

און ווײַטער: זײַן פרומער העלד בעט בײַ גאָט: „ער זאָל אים העלפען אויסגלײַכען אימליכס קנייצעל". רעדענדיג וועגען אונטער-שמש אין אונטערגעהאָרכטען יודיש, זאָגט ער: „די נעגעל זײַנען (בײַ אים) פערגעלבט און קיינמאָל נישט גערייניגט, און די הויט זײַנע איז האַרט און געדראָלען, ווי אַ ריבאײַזען", זײַן גדי „פוצט דעם הענג-לײַכטער און נעהמט אַרויס דעם פערגרינטען חלב". דער פשוטער דערצעהלער זאָגט: „אַ מענש, וואָס האָט קיינמאָל נישט געגעסען רעכטס". און ווײַטער: „זיי האָבען געביסען די שענע רויטע עפּעל, וואָס פון

זיי האָט געשפּריצט דער זאַפט". אָדער: „ער האָט דאָך פּאָרט געדיענט דעם כּלל און דעם פּרט אַלע זיינע יאָהר".

אַזעלכע אויסדרוקען, ווי „ס'האָט איהם געוויינט אין האַר־צען", „מענשען, וואָס האָבען ליב געהאַט די שענקייט און זיינען טאַקע דערין גרויס", „מתתיהו און זיין ווייב זעהר שטאַרק געהאַלטען פון יודישקייט (אין צייט פון חורבן), אין ביי זיי אין שטוב האָט מען נאָר גערעדט אויף לשון קודש" — „אין דער וועלט מוז זיין רעכט, פלעגט זי זאָגען. קיינער טאָר נישט קרימען דעם אַנדערן אויף אַ האָר", זאָגט אַ 3000־יעהריגע אַלמנה פון מדרש דברים מיט דעם מויל פון פשוט'ן פאָלקס־ערצעהלער, — אַזעלכע דערהאָרכטע „נישט־ליטעראַרישע רייד" געפינט איהר אויף איטלי־כער זייט פון דעם, וואָס האָט זיך אַ הסכם געגעבען נאָר צו זיין דער געטרייער האָרכער. און אויף זייטעל 89 געפינען מיר עפּעס אַזאַ טשי־קאַווע זאַך, אַז איך מוז דאָס איבערגעבען וואָרט ביי וואָרט:

„אַז איך בין געווען אַ קליין יונגעל, האָט מיך דער טאַטע מיינער גענומען ביי ביידע אויערן און האָט מיך אַריינגעפיהרט אין די תורה הקדושה (ווי געפעלט אייך דער דאָזיגער „יודישער" זאַץ?) און האָט מיר געגעבען אַ ספר'ל, וואָס עס שטעהט אין דעם גע־שריבען פון גן־עדן התחתון מיט די גאָלדענע ברונעס (?), מיט די זיבען בוימאייל. עפּעס זאָגען מלאכים אַ מין שורה, וואָס עס איז גאָר נישט פאַר אַ ילוד איש. אַלץ, וואָס איך האָב היינט אין מיר, איך, אַ יוד אָהן באָרד און פאות און ווייט וואו אין דער פרעמדע, צווישען עם אשר לא שמעתי את לשונו, קומט אַלץ פון דאָרט, פון דער מאַמען און פון דעם טאַטען, און וואָס זיי האָבען מיר אַלץ דערצעהלט... אַ הול־טאַי בין איך, אַז איך האָב דאָס אַוועקגעוואָרפען און בין געוואָרען אַ גוי..."*

V

פון אַלע די געבראַכטע ווערטלעך און ציטאַטען זעהען מיר, ווי ווייט בערדיטשעווסקי'ס אויער איז מסוגל צו כאַפּען דעם שפּראַך־גייסט פון פאָלק, ווי ווייט זיין פיינע שמיעה איז זיך אָפט טועה. נאָר

* דער קורסיוו איז מיינער.—ב. מ.

דאָס וואָלט נאָך געווען אַ האַלב אומגליק, — ווי די דרוק-בעהלער אין אַ נוצליכען און אינטערעסאַנטען בוך, — ווען די טעות'ן וואָלטען זיך נישט גענומען פון אַ טיפערן קוואַל.

בערדיטשעווסקי, שרייבענדיג, לויט זיין רעצעפט נאָך, יודיש, בעמערקט נישט, אַז נישט ער דערהאָרכט די פאָלקס-שפראַך, נאָר אַז ער מישט זי איבער.

ער איז, איבער זיין רעצעפט, נישט דער פאָעט, דער קינסטלער, נאָר דער געוועהנליכער אַקטיאָר, וואָס פרובט נאָכמאַכען.

דער פאָעט לעבט זיך געוועהנליך איין מיט לייב און זעל אין דער נשמה פון אַ פאָלקס-טיפ, ווערט אַליין פלייש פון זיין פלייש און ביין פון זיין ביין און, נישט טראַכטענדיג און נישט האָבענדיג קיין שום רעצעפטען, רעדט ער ממילא אינסטינקטיוו מיט דער שפּראַך פון דעם דורכגעלעבטען פאָלקס-טיפ, מיט אַלע זיינע קנייטשעלעך, מיט דעם גאַנצען ריטם פון זיין זעל. דער מיטעלער אַקטיאָר אָבער קלערט נאָר, ווי נאָכצומאַכען, ווי זיך אויסערליך צוצופאַסען צו דעם טיפ, וואָס ער דאַרף היינט פאָרשטעלען. דער מיטעלער אַקטיאָר איז אַן איבערמישער, ער איז קיינמאָל נישט דער עכטער, ער איז שטענדיג אַ קאָמעדיאַנט.

אום קלערער צו פערשטעהן דעם חילוק, זאָל דער לעזער טאַקע נעמען פרצ'ס „פאָלקסטימליכע געשיכטען“ אָדער די „רב אבא'ס“ פון אָנכי און די „כתבים“ פון בערדיטשעווסקי. אין אַלע פּרצ'ס מעשׂות, וואָס האָבען אַזוי פערכאַפּט דעם לעזערס געמיט, לעבט אין איינציגער טיפּ, רב יוחנן, למשל. דער מענש פּרץ ווערט אינגאַנצען צעשמאָלצען אין דער נשמה פון רב יוחנן. דאָס אייגענע איז מיט די רב אבא'ס. אנכי, אַלס מענש, עקסיסטירט נישט. בעת מיר לייענען רב אבא'ס מאָנאָלאָגען, שטעהט פאַר אונז איין איינציגער רב אַבא מיט אַלע זיינע גייסטיגע קנייטשען. ביי בערדיטשעווסקי'ן איז דאָס גאָר אַנדערש. אין ערגי'ץ האָבען מיר נישט קיין פאָעטיש דורכגעלעבטען פאָלקס-טיפּ, כאָטש אַלע דערצעהלער פון דער „מעשׂה נורא“ זיינען כלומרשט פאָלקס-מענשען, נאָר אַזוינע, וואָס האָבען נישט קיין כאַראַקטעריסטיש פּנים, אַזוינע, וואָס זיינען גראָה, ווי דער זאַמד, גראָה ווי אַ פּראָטאָקאָל פון אַ גערייכט. קיינער פון זיי האָט נישט זיין אייגענע נשמה, זיין אייגען

פערהעלטעניש צום לעבען, ווי מיר זעהען דאָס ביי פּרץ׳ן אין ביי אָנכי. זיי זיינען גראָבע נאַטוראַליסטישע קאָפּירונגען אָהן אַ שום פּאָעטישער אַרבייט, אפשר מיט אַ ביסעל סענטימענטאַליטעט. און צום קלערסטען בעווייזט דאָס, ווען מען זעהט מיט אַמאָל „דעם יודען אָהן באָרד און פּאות אין אַ לאַנד צווישען ,עם לא ידע את לשונו" אַרויסשפּרינגען מיט אַמאָל אין דעם ספּור המעשה. סיי „דער יוד אָהן באָרד און פּאות", סיי דער יוד, וואָס דערצעהלט די מעשה, וואו דער „חוזה" שפּילט אַזאַ ראָלע, סיי דער קאָוואַל, וואָס פערסמ׳ט זיין ווייב — אַלע, אַלע רעדען זיי איין לשון, אַלע מישען איבער דעם טייטש-חומש, תחינות און פערשיידענע פּראָווינציאַליזמען, וואָס עס גערענקט נאָך בערדיטשעווסקי פון זיין קינדהייט אָן.

אָדער אַלגעמיינער געזאָגט: פּרץ, אָנכי, שלום-עליכם א. אַז. וו. ווערען בעצויבערט ביז׳ן מאַרך פון זייערע ביינער מיט אַ קאָלעקטיווען פאָלקס-טיפּ. בערדיטשעווסקי׳ן אָבער האָט זיך נאָר צווייטענווייז פערוואָלט נאָכצומאַכען אַ יודען, וואָס עס איז פאַר אַ יודען פון פשוט׳ן המון. און אַזוי ווי בערדיטשעווסקי איז שוין 25 יאָהר נישט קיין היגער, און אַזוי ווי בער חיים, יענקעל, בער א. אַז. וו. לעבען ביי איהם אין זיין זכרון, ווי אַ בלאַסע געשטאַלט, — איז ער זיך אָפּט טועה אין זיין אַקטיאָרסקען שטיק, ווי מיר זעהען דאָס צום קלערסטען אין זיין מעשה „וועלט מיט וועלטעלעך", וואָס מיר האָבען שוין ציטירט אין וואו אַ יוד „אָהן באָרד און פּאות" פערשטעלט זיך מיט אַמאָל אין „אַ בחור אַ צדקניות".

דאָס לעצטע ווערטעל האָב איך נישט צופעליג אייפגעשריבען. איך וויל דערביי בכלל געבען אַ כאַראַקטעריסטיק פון אַן איבערמישער, וואָס גיט תמיד אַזאַ מיש-מאַש, ווי „אַ בחור אַ צדקניות", און קאָן זעלטען-ווען געבען אַ ריכטיגען טיפּ.

נאָך די אַלע רייד איז קלאָר, פאַרוואָס איך האַלט די „כתבים" פון בערדיטשעווסקי פאַר אַ בוך, וואָס האָט קיין שום ווערט נישט. נישט ס׳איז קיין „בחור", נישט ס׳איז קיין „צדקניות", און ס׳איז קלאָר, פאַרוואָס עס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין פערדראָס מיין

קאָלעגע אין „נאָווי וואָסכאָד" מיט זײַן נישט פאָרזיכטיגער רעצענזיע וועגן אייגענעם בוך.

לסוף מוז איך נאָך איין זאַך פרעגן ד"ר בערדיטשעווסקי.

ווי פּאַסט דאָס, לויט זײַן קוק נאָך אויף יודיש און העברעאיש, וואָס אונטערשיידען זיך פון אַנאַנד כרחוק מזרח ממערב, צו געבען דאָס אייגענע אין יודיש ווי אין העברעאיש, צו טון דאָס אייגענע, וואָס ער טאַדעלט אַזוי בײַ פרץ און גאָמבערג, ווי למשל, די „מעשׂה פון חורבן", וואָס איז פריהער געדרוקט געווען אין העברעאיש אין „הבוקר"?

פאַר מיר איז דאָס אייגענטליך ניט קשה. איך ווייס שוין פון לאַנג אָן, אַז רעצעפּטען שרײַבט מען פאַר פּאַציענטען. די דאָקטוירים נוצען זיי נישט. אָבער פונדעסטוועגן אויסזאָגען פון תּדר, זיך בלויז שטעלען — דאָס טוט נישט קיין איין דאָקטאָר.

אָבער דאָס בעריהרט שוין גאָר אַן אַנדער טעמע, און מײַן אויפגאַבע איז געווען צו ווײַזען, ווי בערדיטשעווסקי שרײַבט יודיש.

ווי הויך עס זאָל נישט זײַן מײַן אַכטונג צו בערדיטשעווסקי דעם העברעער — מוז איך פאָרט זאָגען, אַז אין יודיש איז ער, זאָל ער מיר מוחל זײַן, אַ קליינער שיסער. און שולדיג דערין איז נישט זײַן קינסטלער-נשמה, ווי דער אויסגעטראַכטער רעצעפּט, לויט וועלכען „כל נתינה עצמית (אין יודישען) מביא להשחתת השפה", לויט וועלכען מען מעג זײַן אַ קינסטלער נאָר אין העברעאיש און אין יודיש" נאָר אַ קאָפּיסט, אַ גראַמאַטאָן-פּלאַסטינקע, אַ נאָכפּלאַפּלער, אַן איבערמישער א. אַ. וו.

דער יודישער טעאטער.

(קריטיק און א פארשלאג).

I

„היינט איז פורים, מארגען איז אויס —
גיט מיר א גראשען אוןווארפט מיך ארויס",

אזוי פלעגט אמאל זינגען דער פורים־שפילער, וואס איז נעקימען אין מיטען די לאקשען מהנה זיין די קינדערלעך פון שטאטינגען פיינעם בעל־הבית...

טעאטער ביי יודען איז אויך אזא מין פורים־שפילעריי, וואס האט נאר אן אויג פאר'ן „גראשען" און א גאנץ קליינע שייכות צו קונסט.

רייסט אב דער פורים־שפילער די קינדער פון היסען טעלער לאקשען און שפרייזט זיך דורך מיט א פאפירענעם שווערד איבער'ן עס־שטוב, — פאטשען די פרעהליכע, אויפגערעגטע „צוציקלעך" אין די הענטלעך און האבען אמת הנאה. די דערוואקסענע, דער בעל־הבית, זיין ווייב און די מומעס, האבען נאר א פילדייטיגען שמייכעל פאר דעם פורים־שפילער. עס איז שווער צו זאגען: צי האבען זיי אליין פערגעניגען פונ'ם גלית הפלשתי און אסתר המלכה מיט'ן קנופ, אדער זייער שמייכעל איז נאר דער אבשיין, דער אבשלאג פון דער קינדערשער פרעהליכקייט?

א יודישער טעאטער איז אויך א מאגנעט פאר די פאלקסמאסען, — פאר די גרויסע קינדער פון איטליכען פאלק, וואס גענייסען אסתר המלכה'ס קנופ מיט גרויס תמימות און מיט גרויס הנאה. ווען איהר זעהט אבער די אינטעליגענץ פון פאלק שמייכלען דערביי — איז ביי איהר דער שמייכעל נישט אזוי איינפאך. אויב בא

איהר איז דאָס על פּי רוב גילער אַן אָבשלאָג, אַן אָבשײַן פֿון איהר ליבע צום פֿאָלק, אײדער פֿון איהר גרויסער ליבע צום יודישען טעאַטער. „זאָל זיך דאָס קינד פֿערווײַלען, אַבי דאָס זאָל נאָר נישט װײנען“.

זאָל דאָס פֿאָלק, וואָס איז אַזוי נישט גליקליך, וואָס איז אַזוי אויסגעמאַטערט פֿון דער עקאָנאָמישער נויט, פּאָליטישער רעכטלאָזיגקײַט א. אַז. וו. — זאָל עס זיך פֿערווײַלען, אַבי עס זאָל פֿערגעסען אַ מינוט די אײגענע לעבענסענגשאַפֿט. פֿאַר אונז, פֿאַר דער פֿאָלקס־אינטעליגענץ, איז דאָס נישט קײן פֿערווײַלונג. פֿערקעהרט, עס איז אָכט אַ שטיקעל עגמת־נפש, און שטענדיג איז דאָס אַ פּאַטש אין פּנים אונזער עסטעטישען מענשען, עפּיס אַזוינס, וואָס צערייצט שטענדיג אונזער געוועהנליכען טעאַטער־געשמאַק.

אין דער קאָמפּאַניע פֿון די לאָקשען־עסערס זיצט זיך אַ יונגער־מאַן, אַ זוהן פֿון אַ בעל־הבית, וואָס האָט שוין גענאַשט אײראָפּע, ווײס שוין צו געניסען אַ פֿאָלקס־ליד, איז שוין דערגאַנגען די וויכטיגקײַט פֿאַר׳ן איטאַליענישען טעאַטער פֿון דעם אַמאָליגען פּאָלישינעל און אַרלעקין (אַזוינע איטאַליענישע פּורים־שפּילער), וואָס האָט שוין אַ חוש צו זעהן אין „בלוטסטראָפּען“ פֿון אײדי קומענדיגע הינדעלע, וואָס האָט זיך שוין אויסגעלערנט צו פֿערבינדען זײַנע דמיונות און מחשבות, טאַנצענדיג מיט לײַכטע געדאַנקען־פֿיסלעך צווישען אַ נישטיגער פֿערגאַנגענהײַט מיט אַ „בלוטסטראָפּען“ אין ווײַסליכען קלעפּעדיגען שלים און אַ ווײַטער צוקונפֿט, ווען די הינדעלע וועט שוין אַלײן פּיקען מיט אַ ליבען הן די צעוואָרפֿענע קערנדלעך; ער קוקט אויף די פּורים־שפּילער מיט פֿער׳חלוש׳טע בליקען, און פֿליהענדיגע רויטע שאָטענס בעלײַכטען זײַן פֿערטראַכטען פּנים. ער שמײכעלט נישט, ער זעהט אַפילו נישט די התפּעלות פֿון די קינדער. אין זײַן דמיון מאָלט זיך אַ בילד פֿון אַ קומענדיגען יודישען טעאַטער, פֿון אַ קומענדיגער קונסט, וואו עס וועלען ווערען געשאַפֿען די גרויסע יודישע כאַראַקטערען, די רײנע און די פֿערפֿלאָנטערטע, די טראַגישע און די קאָמישע, די יודישע פֿרוי, די יודישע מײדעל, די יודישע ליבע און די יודישע שנאה א. אַז. וו.

דעם דאָזיגען יודישען יונגען־מאַן קענט איהר אָכט בעגעג־

גען אין אַ יודישען טעאַטער, וואו ער אַכט נישט אויף די סורטינגענע לאַטעס און דער סאַזשע אויף דעם אַרטיסטס פּנים, זעהט אויך נישט די ברייטשמייכעלדיגע פּנימ'ער פון די גרויסע קינדער, וואָס סמאַקעווען זיך מיט'ן לידעל: „לעולם תקוה, אַז מען גיט, פיק — איך", בעמערקט אַפילו נישט, אַז דער פּורים־שפּילער, — טפּוי, דער אַרטיסט — שפּילט די ראָלע פון אַ יודישען משרת אין אַ פאַבריק פון אַ קליינרוסישען פאַראָבאָק—קוריץ, זיין בליק בעמערקט נישט די אַלע סתירות, וואָס טוען אָן אַזוי אָפט עגמת־נפש דעם געוועהנליכען אינטעליגענט.

זיין מח איז אינגאַנצען אַריינגעטאָן אין דעם געדאַנק, אַז פון איטליכען „בלוטסטראָפּען" קריכט אַרויס אַ הינדעלע, און ער האָט טאַקע אמת הנאה, וואָס דער הייַנטיגער אַרטיסט בענוצט די סרטינגענע לאַטע, אַקוראַט ווי אַמאָל דער פּאָלישינעל אין איטאַליען; וואָס ער זעהט דאָס אייגענע אין אַ יודישען טעאַטער, וואָס פאַר עטליכע הונדערט יאָהר איז דאָס געווען ביי אַלע פעלקער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען אויספּיקען אַ טעאַטער און אַ ביהנען־קונסט.

ער געניסט דעם טעאַטער מיט דער אונטערשלאַק אַרויס, ער צידט אָן אויף זיך דעם יודישען טעאַטער, ווי אַ קאַפּאָטע אויף דער פערקעהרטער זייט. גראַד דאָס, וואָס אַן אַנדערן שטויסט אָב אין אַ יודישען טעאַטער, — וועקט אויף אין איהם די זיסטע האָפּענונגען. וואָס דער שליים איז קלעפּעדיגער, וואָס דער בלוטס־טראָפּען איז בולט'ער — אַלץ מעהר הנאה האָט ער.

ער איז אפשר דער איינציגער טעאַטער־גאַסט פון דער יודישער אינטעליגענץ, וואָס געהט אין טעאַטער צוליב זיין אייגענעם גייסטיגען פערגעניגען. ער איז דער פיינער *עסטעט* (נישט די קינסטלער־נשמה), וואָס שמאָקטשעט אויס אויך פון דער *מיאוסקייט* אַ ביסעל *שענקייט*, דורכדעם, וואָס ער בעגיסט זי מיט'ן געשמאַקען יויך פון היסטאָרישע פערגלייכענישען און מיט צוקונפט־פּלענער.

צו אָפט אָבער קאָן אַן עכטער עסטעט זיך נישט איבער'חזר'ן. דער עסטעט האָט נישט ליב צו געניסען איין איינציגען מאכל אַלע טאָג. אום ווי געהעריג צו געניסען דעם יודישען טעאַטער, מוז ער, ווענינגסטענס, אַ האַלב יאָהר נאָכאַנאַנד געהן אין אַ גוטען מאָ־

דערנעם טעאַטער, מוז ער זיך הדשים־לאַנג זעטיגען מיט גוטער קונסט.

ער איז אַפילו דער ריכטיגער טעאַטער־בעזוכער פון אַ יודישען טעאַטער, אָבער לויט זיין טבע נאָך, איז ער דאָרט זעהר אַ זעלטענער גאַסט.

אין מיטען די רייד פון דוד'ן (די פורים־שפּילער האָבען געשפּילט אַחשורוש־שפּיל), בעת ער האָט גרויסאַרטיג און וואילעריש געזונגען:

דער אַבראַם, דער אַבראַם דער וואַר איין גאָטספּורכטיגער מאַן. דערום האַט ער, דערום האַט ער פּיל מצות געטאָן טהאַן, — עפענט זיך אויף די טיר פון עס־שטוב, און עס קומט אַריין אַ יונגער פּליטעניק פון בעל־הבית, וואָס לערנט טעאַטער־קונסט אין אַ דראַמאַטישער שול אין דייטשלאַנד (עס געפינען זיך איצט ביי יודען אַזוינע משוגעים...). ער ווייס אויך פון אַלע די דאָזיגע שמאָכטעס, ווי פאָלקלאָר, פּרימיטיווע טעאַטער־קונסט און נאָך אַזוינע היסטאָרישע קלייניגקייטען, אָבער ער איז נישט דער עסטעט, נאָר דער קינסטלער. יענער איז אַ גרויסער מומחה צו געניסען פרעמדע קונסט; אַליין איז ער נישט בכח עפּעס צו שאַפען אייגענס. דער אָבער שאַפט דעם מאַטעריאַל, פון וואָס דער עסטעט שמאָקטשעט אוים פאַר זיך אַ זיסען טראָפען. דער עסטעט נעמט דאָס לעבען אַזוי ווי עס איז, קעהרט זיך אָב פון זיינע מיאוס'ע גרימאַסען, ווען זיי פערדאַרבען זיין גוטען געשמאַק, אָדער ווען ער האָט נישט די מעגליכקייט צו בענוצען די ביטערע גרימאַסען אַלס אַ רייצענדיגען געווירץ פאַר זיינע צו זיסליכע קונסט־און לעבענס־איינדרוקען. דער עכטער קינסטלער, פערקעהרט, איז אַן אומרוהיגע נאַטור. ער קאָן נישט זעהן קיין שטיק מאַרמאָר, אַז ער זאָל דערפון נישט מאַכען עפּעס אַ סטאַטוע. ער מאַכט פון מיאוס'ען, גראָהען לייווענט עפּעס אַזוינס, וואָס שטראַלט אין שענע פאַרבען און וואָס גיט אונז דעם דמיון פון אַ שענערער, אַ בעסערער וועלט, פון אַ טיפערער, אַ טראַגישערער, ווי מיר זעהען דאָס אַלע טאָג אין גאַס.

דער עסטעט האָט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט, חלילה, קיין אונאָרדנונג אין דער סביבה, וואו ער פערברענגט אַנגענעם, מוט

געשמאַק זײַן צײַט. ער איז דער פֿײַנשמעקער, דער זײַדענער יונגערמאַנטשיק, וואָס רירט אַפֿילו אַ פֿליג נישט אָן אויף דער וואַנט. ער האָט נישט קיין שונאים און אין פֿילאָסאָפֿישער באַציִונג צום צום לעבן איז ער אַ ביסעל סקעפּטיש, אַ ביסעל אַפּיקורסות׳דיג, נאָר אַלץ אין מאָס.

דער קינסטלער, פֿערקערט, איז אַ ווילדע בריאה, ממש אַ שד. וואו ער שטעקט נאָר אַרײַן די נאָז, מאַכט ער עפּעס אַן איבערקערעניש, צעוואַרפֿט ער מיט אַן אומגעדולדיגער האַנט דעם סדר פֿון דער קליינער וועלטיל, וואו ער האָט געהאַט דעם מזל געבוירען צו ווערן. אויך ער געניסט דאָס לעבן, נאָר גאָר אויף אַן אַנדער אופֿן — פֿיל טיפֿער, פֿיל האַרבער, אַן אויפֿגערעגטער, אַ פֿערביטערטער, אַ באַגײַסטערטער, אַ לײַדענשאַפֿטליך־פֿערליבטער, אַ פֿערצווייפֿעלטער און אַ ווילד־שטאָלצער.

די פּורים־שפּילער האָבען אַרויסגערופֿען דעם גאַנצען ועקעל פֿון זײַן האַרצען צו דער מיאוס׳קײַט זייערער. בײַ אסתר׳ן מיט׳ן קנופּ האָט ער פּשוט אַראָבגעריסען די טיכעל און אַנטפּלעקט איהר מאַנסבילשען קאָפּ מיט די שענע גערילכטע שוואַרצע האָר פֿון אַ יונגען חתן־בחור. דעם גרויסען גלית׳ן האָט ער פּשוט אַרויסגעשטעקט די צונג און ההד׳ן מיט זײַן גרילצעדיגען קול־כיל האָט ער אַרײַנגערוקט אין מיל אַ פֿולען קאָכלעפֿיל מיט לאָקשען און צוויי פּיאַטאַקעס אין זײַן ציצען־העמדיל. פּלוצלונג האָט ער דערהערט די שטים פֿון דעם סטאַפּעט, און ער איז אַרײַן אין אַ שטאַרקער התפּעלות. דאָס איז געווען אַ משורר פֿון חזן, און זײַן קול־כיל האָט זיך ממש צעגאָסען אין די גלידער. און דער קינסטלער האָט באַגײַסטערט איהם אַ קוש געטאָן אין די ליפּען מיט די צוגעקלעפּטע וואָנסעס.

אויך דער דאָזיגער קינסטלער קומט אַ מאָל אַרײַן אין אַ יודישען טעאַטער. אָבער איך ווינש קיינעם נישט צו זיצען אין זײַן הויט.

גאָט מײַנער, ווי פֿערביזט ער איז, וואָס פֿאַר אַן עקעל עס שפּאַרט פֿון זײַן פּנים! וואָס פֿאַר אַ צאָרן, וואָס פֿאַר אַ ביטערקײַט שפּירט זיך אין זײַן אומגעדולדיגען זיצען אויף זײַן פּלאַץ! און ערשט אַן אמת׳ער צער לײַכט אַרויס פֿון זײַנע דענערווירטע בלי־

קען, ווען ער הערט אין דעם „פורים=שפיל“ די קורצע טענער פון
אַן עלטען טאַלענט.

ער איז אויך נישט קיין אָפּטער איינגעהער אין טעאַטער. דער
יודישער טעאַטער פערשאַפט איהם אַ סך מעהר עגמת=נפש, ווי
דעם בעל=הבית׳ישען אינטעליגענט. נישט זיין געשמאַק ווערט דאָ
בעליידיגט, נאָר עס קלאָגט אַ געפיהל, וואָס טעניעט: דאָ איז דער
קבר פאַר איטליכען טאַלענט, פאַר יעדען, וואָס האָט אין זיך
עפּעס און מוז דאָס דערטרינקען אין אַ קלעפּיגען שליים, אין אַ
שיטערער בלאָטע. און טיילמאָלס ווען ער געהט אַוועק נאָכ׳ן ערש=
טען אַקט, איז ער מקנא דעם עסטעט, דעם פיינשמעקער, וואָס
געניסט אַמאָל אויך דעם ריח פון אַ פערוועלקטער גוטס׳דיגער בלום.

פיר הויפּט=בעציהונגען זיינען דאָ צום יודישען טעאַטער: די
בעציהונג פון די פאָלקסמאַסען, פון בעל=הבית׳ישען אינטעליגענט,
פונ׳ם עסטעט=פיינשמעקער, וואָס טוט אָן די קאַפּאָטע קאַפּויר, און
פון קינסטלער.

עס פעהלט די פינפטע בעציהונג, — די, וואָס זאָל געבען די
מעגליכקייט צו נעמען דעם יודישען טעאַטער אין דער טאָפּעל=
טער בעציהונג פון קינסטלער=עסטעטיקער צוזאַמען.

II

אין פאָריגען קאַפּיטעל האָבען מיר געפּרובט סימבאָליש פאָר=
צושטעלען דאָס גאַנצע פובליקום, וואָס מאַכט פול אַ יודישען
טעאַטער. די גרויסע מאַסען פון פאָלק האָבען אַן אייגענעם טע=
אַטער, האָבען דאָס, וואָס זיי פערלאַנגען, געפינען אין איהם די
פערוויילונג, און אפשר אויך די לעבענס=אָנשויאונג, וואָס פּאַסט פאַר
זייער אינעווייניגסטען גייסטיגען לעבען. הוץ די מאַסען, האָט קיי=
נער נישט צום יודישען טעאַטער אַזאַ בעציהונג, וואָס זאָל איהם
געבען דאָס מאָראַלישע רעכט זיך אַריינצומישען, דאָס צו איבער=
אַנדערשען לויט זיין געשמאַק נאָך. די מיטעלערע אינטעליגענץ,
וואָס קלאָגט זיך אַזוי שטאַרק, איבער׳ן יודישען טעאַטער, איז גע=
גליכען צו יענעם לאַנגווייליגען ציווילי׳רטען, וואָס האָט זיך אָנגע=
קוקט אין אייראָפּע אַלערליי מוזייען און ברענגט מיט אַהיים אַ
פעראַכטונג צו דעם אייגענעם היימישען מוזיי: „וואָס קאָן מען

שוין דאָ זעהן נאָך בערלין?" דער עסטעטיקער — שוין העכערער אינטעליגענט, — בעטראַכט דעם יודישען טעאַטער אַלס אַ שטיקעל קוריאָז, אַלס אַ ביין פון אַ חיה, וואָס האָט געלעבט פאַר'ן מבול. און ווי אַן עכטער עסטעטיקער, קאָן ער אַמאָל הנאה האָבען אויך פון אַ מאַמאָנט־שאַרבען אָדער פון אַ מיאוס'ער ליאַלקע, וואָס מיט איהר שפּילט זיך אַ קינד פון אַ פאָלקסשטאַם אין זיין ערשטער נישט־ציוויליזירטער צייט. דער יודישער קינסטלער ווידער איז שוין פערשטאָכען פון דער אייראָפּעאישער קונסט, איז שוין נישט קיין גאַנצער פאָלקס־מענש, אַז ער זאָל וועלען זיין רעוואָלוציאָנירענדיגען גייסט מקריב זיין פאַר'ן יודישען טעאַטער. דער עסטעטיקער־קינסטלער איז נאָך אָבער ביי אונז נישט געבוירען. איך מיין, מיר האָבען נאָך נישט דעם יודישען פיינגעבילדעטען רייכען מעצענאַט, וואָס איז צוגלייך עסטעטיש אין זיינע געפיהלען, צוגלייך נאָהענט צו די קוועלען פון דער פאָלקס־נשמה און צוגלייך קינסטלעריש גענוג, כדי זיך אַרומצורינגלען מיט עכטע קינסטלער און אינאיינעם מיט די אָנצוהייבען צו מאַכען אַן איבערקעהרעניש אין יודישען טעאַטער־לעבען.

מיר זעהען, אַז דער יודישער טעאַטער האָט דורכגעמאַכט אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהרען אַ גאַנצע ענטוויקלונג, איז געגאַנגען אַזאַ וועג, וואָס איז צום ווייניגסטען דער וועג, וואָס וועגען איהם האָט געקלערט די מיטעלע געבילדעטע יודישע אינטעליגענץ.

נאָהענט פאַר די רעוואָלוציאָנס־יאָהרען און עטליכע יאָהר שפּעטער איז דער יודישער טעאַטער געווען אַ דראַמאַטישער טעאַטער. י. גאָרדין איז געווען דער דראַמאַטורג, וואָס האָט איהם געגעבען אַ רעפּערטואַר. דערנאָך איז דער טעאַטער געוואָרען עפּעס אַ געמיש פון פאַרס, קאָמיק, גראָטעסקע שפּרונגען מיט מוזיק, לידער און טענץ, און „דאָס פּינטעלע יוד" איז געווען דער רעפּערטואַר, וואָס מיט איהם האָט דאָס פאָלק זיך מורא'דיג געשמאַקעוועט.

דערנאָך איז געקומען דער אַמעריקאַנער „באָי", און די אַמעריקאַנער „גערל" פון די „מיוזיק־האָלס" און האָבען פערטריבען „דאָס פּינטעלע יוד" צוליב „דעם ווייבס מאַן" און „דער אַמעריקאַנערין".

וואָס האָבען נישט וועניגער געצויגען, ווי אַמאָל גאָרדין און דערנאָך לאַטיינער.

איצט האָט זיך דער יודישער טעאַטער גענומען פאַר דער איראָפּעאישער אָפּערעטע, ווי „עוואַ", „שושנה די צנועה", „ציגיינער־ליבע", „דאָקטאָר זייפענבלאָז" און אַז. וו., פערטרייבען דעם אַמעריקאַנער „באָי", ווי אַמאָל גאָרדין'ען — און עס קאָן זיך ווידער נישט בעקלאָגען אויף דער גלייכגילטיגקייט פון גרויסען פובליקום.

לויט דער מיינונג פון דער אינטעליגענץ, האָט געמוזט קומען נאָך גאָרדין'ען אַ בעסערער דראַמאַטישער רעפּערטואַר, — לאָזט זיך גאָר אויס, אַז דאָס פובליקום איז אַ צייט לאַנג צוריק געגאַנגען צו לאַטיינער'ן און דערנאָך זיך אויפגעהויבען צו דער געשמאַקפולער, איראָפּעאישער אָפּערעטע, אָבער לחלוטין נישט גענומען ווייטער שפּינען דעם דראַמאַטישען פאָדעם פון יעקב גאָרדין.

צי בעווייזט דאָס אפשר נישט, אַז די געשמאַקס־ענטוויקלונג (?!) פון גרויסען פובליקום האָט גאָר לחלוטין אַנדערע געזעצען, ווי די ביי דער אינטעליגענץ?

בעת די אינטעליגענץ, וואָס איז בכלל וועניגער נאַטירליך און פריש אין אירע אינסטינקטען — איז שטענדיג ערנסט (ווייניגסטענס אין די ווילענס־פאָדערונגען, נישט אַלע מאָל אין מעשים), איז דאָס פאָלק, וואָס האָט פּאַקטיש די קלענסטע מאַכט נאָך דערוויל, נאָר ערנסט דאַן, ווען עס האַנדעלט זיך אום די נאָהענטסטע פראַגען וועגען פרנסה, חיונה, קינדער־ערציהונג, היסטאָרישע פאָלקס־מנהגים, טראַדיציעס און אַז. וו. דאָס פאָלק נעמט קיינמאָל נישט ערנסט די קונסט, ווייל די קונסט איז פאַר איהם נאָר אַ פערווײַלונג, נאָר אַ קורצע צעשטרייאונג אין דעם ענגען טרויעריגען לעבען. ערנסט ווערט דאָס פאָלק נאָר אין געוויסע היסטאָרישע מאָמענטען, ווען עס הויבען זיך אָן צו שאָקלען איבער זיין געדולדיגען קאַרק די פעסטונגען, וואָס בויגען עס צו דער ערד. אין די רעוואָלוציאָנס־צייטען איז אויך דער טעאַטער געווען ביי די מאַסען עפּעס אַזוינס, וואו עס האָט ניט געזוכט קיין פערווײַלונג, נאָר עפּיס אַ העכערס, אַ טיפערס, עפּיס אַזוינס, וואָס זאָל איהם ווייזען דאָס לעבען נישט אַלס שפּיל, נאָר אַלס אַן

ערנסטע טראַגעדיע אָדער דראַמע, וואָס קאָן פון איהם אַמאָל איבער-געאַנדערשט ווערען.

וויבאַלד אָבער די גרויסע היסטאָרישע צייט מיט איהרע האָפּענונגען איז פאַרבײַ אָהן אַ שום דערלײַכטערונג פאַר'ן פאָלקס-קאַרק, — איז דאָס פובליקום געוואָרען ווידער דאָס, וואָס אַמאָל, איז ווידער געקומען די אַלטע אינסטינקטיוו-נאַטירליכע בעציהונג צום טעאַטער.

און אפשר איז אויך דאַן דער טעאַטער געווען מעהר אַ דראַמאַטישער, ווײַל, ווי איינער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט עפּענטליך, די ראַדיקאַלע אינטעליגענץ איז געווען דאַן דער שטרענגער מדריך פון די אָרגאַניזירטע פעראיינען? ווײַל דאָס פאָלק, פול האָפענונגען, האָט דאַן בלינד געפאָלגט די פיהרער זײַנע?

איצט אָבער, ווען דאָס גרויסע יודישע פובליקום איז ווידער ווי אַ שאָף אָהן אַ פאַסטוך — האָט עס אָנגעהויבען צו לעבען לויט זײַן געוועהנליכען אַלטעגליכען געשמאַק, וואָס וויל נישט אין „קונסט“ די ערנסטקײַט, נאָר דעם שפיל, לויט זײַן גוסט נאָך, לויט זײַנע שטאַרק ענטוויקעלטע מעלאָדראַמאַטישע און גראָטעסק-ראָמאַנטישע נטיות.

נישט דער אינטעליגענט, נישט דער עסטעטיקער האָבען נישט געקענט טיפער אַרײַנדרינגען אין די געשמאַקס-נייגונגען פון גרויסען פובליקום. זיי האָבען נאָר דעם פובליקום אַ געווויסע צייט, ווען עס איז נוטה געווען צו הערען עפּעס ערנסטעס, געקאָנט געבען דאָס, צו וואָס עס האָט אַ ווײַלע אַ גוסט בעקומען. זיי האָבען אָבער נישט בכח געהאַט צו בעשאַפען אין פובליקום אַ נײַע, פעסטע בעציהונג צום טעאַטער, וואָס וועגען איהם האָט גע'חלומ'ט דער יודישער אינטעליגענט.

דער יודישער טעאַטער איז אַ פאָלקס-טעאַטער. דאָס פאָלק האָט געגעבען איהם די אַקטיאָרען, דאָס פאָלק האַלט איהם אויס און מאַכט פול די פלעצער אין איהם. עס האָט בעשאַפען אַ זאַך, וואָס פאַסט שטענדיג צו זײַן שטימונג, און עס געפינט דאָרט פאַר זיך אַ שטענדיגען גענוס. ווערט איהם דערעסען „דאָס פּינטעלע יוד“, נעמט עס זיך פאַר אַן אַמעריקאַנער „באָי“ אָדער פאַר אַן אָפּערעטע. עס בעשאַפט זיך שטענדיג זײַן חלום, — און

מיר דוכט זיך, אַז די אינטעליגענץ האָט נישט דאָס רעכט צו וועלען צווינגען דאָס פּובליקום צו לעבען נאָך איהר געשמאַק, וואָרום זי, די אינטעליגענץ, קוקט אויף טעאַטער אפשר מיט אַ צו גרויסער ערנסטקייט און צו ווייניג ווי אויף אַ שענעם חלום, אויף אַ לייכטען שפּיל פאַר די אויגען און די נערווען פון צושויער. איבעריגענס, די אינטעליגענץ קאָן נישט צווינגען דאָס פּובליקום צו געניסען דאָס, וואָס עס לאַנגווייליגט איהם. אַן ערנסטער רעפּערטואַר גיט ליידיגע בענק, און דערווײַלע איז נאָך נישט פאַראַן ביי אונז דער מעצענאַט, וואָס זאָל וועלען צאָהלען פאַר ליידיגע פּלעצער עטליכע צעהנדליג טויזענדער אַ יאָהר.

איבעריגענס, גלויב איך בכלל נישט, אַז דער גרעסטער חלק פון דער אמת'ער יודישער אינטעליגענץ גאַרט אַזוי נאָך אַן אייגענעם טעאַטער. שוין דאָס אַליין, וואָס זי שטופּט איהר נאָז אין אַ פאַרטיגען פאָלקס-טעאַטער און איז נישט בכח צו בעשאַפען אַן אייגענעם, מאַכט די גאַנצע געשרייען איהרע חשודי'ג. מיר הוכט זיך, אַז דאָס, וואָס דער מיטעלער יודישער אינטעליגענט קרימט זיך אַזוי און איז שטאַרק בעטריבט, וואָס „אַ פּינטעלע יוד" מאַכט אַ פולע קאַסע — שטאַמט דאָס פון דוילער קנאה. ער קאָן נישט רוהיג צוזעהן, אַז עפּעס ווערט געמאַכט אָהן איהם, אַז דאָס פּובליקום האָט עפּעס גאָר קיין חשק נישט צו האָבען אויף זיך אַ מדריך, אַז די שאָף ווילען עפּעס זיין אָהן אַ פּאַסטוך. דען זאָגט, וואָס איהר ווילט, נאָר דער מיטעלער אינטעליגענט האַלט נאָך ווייט פון צו זיין אַן עכטער, ריינער דעמאָקראַט, וואָס שטעלט זיך אין האַרצען אויף איין טרעפּיל מיט די גרויסע מאַסען פון פאָלק. ער איז נאָך ניט אָבגעוועהנט פון דעם זיסען חלום, צו זיין אַ מדריך, אַ פיהרער, אַן עצה-געבער „דער פינסטערער מאַסע".

בכן, איז, דוכט זיך, קלאָר, אַז מיט מיינע בעמערקונגען איבערן יודישען טעאַטער האָב איך נישט בדעה צו רעדען צו די, וואָס ווילען איבעראַנדערשען דעם פאָלקס-טעאַטער, נאָר צו די, וואָס ווילען באמת האָבען אַן אייגענעם יודישען טעאַטער, לויט זייער געשמאַק, לויט זייערע נטיות, לויט זייער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע.

III

צי איז דאָ אָבער בײַ אונז אַזאַ יודישע אינטעליגענץ, וואָס וויל האָבען אַן אייגענעם טעאַטער? אַוודאי איז זי דאָ, נאָר זי איז אין אַזאַ קליינער צאָהל, אַז עס וואָלט געווען פאַלש, ווען מיר וואָלטען פון איהר ערוואַרטעט די שאַפונג פון אַן אייגענער ביהנע מיט אַן אייגענעם רעפערטואַר.

דער קליינער הײַפעל מענשען, וואָס האָט באמת אַ נאַטירליכען אינטערעס צו דער טעאַטער-פראַגע, איז דער עיקר דורכגעדרונגען מיט׳ן וואונש און דעם געדאַנק צו בעשאַפען פאָרמען, אַ געוויסע סביבה אין יודישען לעבען. די אייגענע מענשען זײַנען אינגערע אמת׳ע ליבהאָבער פון אונזער יונגער ליטעראַטור, זיי זײַנען די אײנציגע, וואָס בעפוצען זייערע שטיבער מיט בילדער פון יודישע קינסטלער, זיי שטרעבען, אַז דער אַלטער יודישער יום-טוב זאָל אין מאָדערנע פאָרמען ווידער אַרײַנטראָגען אין אונזער לעבען מעהר רחבות, מעהר שענקײַט. זיי חלומ׳ען פון אַ צײַט, ווען דאָס יודישע קינד און דער יודישער יונגער-מאַן וועט קאָנען געפינען אַ בעפרידיגונג פאַר זײַנע קינסטלערישע, עסטעטישע, רעליגיעזע געפיהלען אין דער אייגענער פאָלקס-סביבה, אין די אייגענע גרעניצען פון זײַן ברייטער געוואָרענעם פאָלקסלעבען. זיי חלומ׳ען אויך פון אַ דראַמאַטישער, אַקטיאָרישער קונסט, וואָס זאָל קומען פון ריין יודישע קוואַלען, וואָס זאָל נעמען איהר אויסגאַנגס-פונקט פון יודישען לעבען אין ברייטסטען זין פון וואָרט, — מעגען זײַן די טענדענצען פון איהר ווײַטער און ברייטער, ווי די געוועהנליכע פאָלקסטימליכקײַט, מעגען זיי זיך דערהויבען דערנאָך ביז צו די העכסטע שפיצען פון אַלגעמיין-מענשליכע פראָבלעמען.

די צאָהל אָבער פון דער דאָזיגער טיפערער נאַציאָנאַל-יודישער אינטעליגענץ איז בײַ אונז אַזוי קליין, אַז זי איז נישט בכח דערווײַל צו שאַפען אַ יודישע טעאַטער-קונסט. און אויך, ווען איהר צאָהל וואָלט געווען גרעסער, איז זי נישט בכח צו בעשאַפען מאַטעריעל אַ טעאַטער. מיר איז נישט בעקאַנט קיין ביישפיל, וואו אַ גוטער נאַציאָנאַלער טעאַטער זאָל זיך קאָנען אויפהאַלטען אויף אייגענע מיטלען. נישט נאָר די פוילישע, די דײַטש-רוסישע, די

אַרמענישע גוטע טעאַטערן אין רוסלאַנד ענדיגען יאָהר יעהרליך מיט אַ שטאַרקען דעפיציט, וואָס ווערט געדעקט פון דער בעל־הבתישער רייכער געזעלשאַפט, נאָר אויך די רעגירונגס־טעאַטערן פון פעטערבורג, בערלין, ווין ביז פּאַריז אַרבייטען מיט גרויסע דעפיציטען.

אַ מאָדערנער טעאַטער, וואָס אַרבייט נישט פאַר דעם מאַסען־גוסט, נאָר פאַר די פערפיינערטע געשמאַקען פון געוויסע קלאַסען, אָדער פאַר דער נאַציאָנאַלער קונסט פון פאָלק, איז נישט בכח זיך אויסצוהאַלטען דורך אייגענע מיטלען. אָהן דעם כלל'ישען, אָדער דעם איינצעלנעם מעצענאַטען איז אוממעגליך צו בעשאַפען אַ גוטע דראַמאַטישע קונסט. ווען מאָראָזאָוו וואָלט נישט געגעבען זיינע מיליאָנען פאַר דעם בעריהמטען „מאָסקווער קונסט־טעאַטער", וואָלט ער קיינמאָל זיך נישט געקאָנט ענטוויקלען, וואָלט ער קיינמאָל נישט דערגרייכט צו דער הויכקייט פון רוסישען דראַמאַטישען קונסט־סטיל, וואָס איהם בעוואונדערט איצט די גאַנצע טעאַטער־וועלט. אויך דער קעניג פון טעאַטער־קונסט אין דייטשלאַנד, מאַקס ריינהאַרדט, לעגט צו יאָהר־יעהרליך (דאָס הייסט נישט ער, נאָר זיינע זשיראַנטען, זיינע פערעהרער) צום „דייטשען טעאַטער" מאַסען געלד. רייך איז ער געוואָרען דורך זיינע מאַסען־פאָרשטעלונגען אין איירּאָפּע, ווי „קעניג עדיפוס" און אַנד., וואָס איז געווען מעהר אַ געמיש פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג און איבערפלאַכליכער קונסט, ווי פון ריינער לויטערער קונסט.

קורץ, אָהן אַ כלל'ישען אָדער אַ פּריוואַטען גרויסען מעצענאַטען איז אוממעגליך אויסצופיהרען אַמאָל די וואונשען און די פערלאַנגען פון אונזער נאַציאָנאַל־יודישער אינטעליגענץ בנוגע צו אַ דראַמאַטישען טעאַטער.

און ווען מען בעטראַכט נאָך דאָס, וואָס אַלע אונזערע גרויסע און רייכע אַנשטאַלטען, וואָס האָבען געמאָגט פערטרעטען אַלע יודישע בעדערפעניסען, נישט נאָר די נויטיגסטע, וואָס האָבען זיך געקאָנט דערלויבען צו האָבען די פּרעטענזיע צו זיין פאַר אונז די אינטערנאַציאָנאַל נישט אָנערקענטע רעגירונג אונזערע — פערמאָגען נישט דעם קלענסטען חוש פאַר ברייטע יודיש־נאַציאָנאַלע אויפגאַבען, פערלירט מען אויך די האָפנונג, אַז די אינטעליגענץ

זאָל אַמאָל קאָנען רוהיג און מיט בטיחות בויען דעם אָנהויב פון אַ גוטען יודישען טעאַטער.

דען האָפען אויף דעם יודישען מאָראַזאָוין הייסט מיט אַנדערע ווערטער: זיך פערלאָזען אויף נסים. אַודאי, איז קענען נסים קיינער נישט פעהאָרענט אין דעם פאַל, נאָר פונדעסטוועגען לוינט נישט זיך צו פערלאָזען אויף אַ נס.

אָבער ווען מיר זאָלען שוין אָננעמען, אַז דער מעצענאַט איז שוין דאָ, דעמאָלט ענטשטעהט די פראַגע וועגען צענטער פון יודישען טעאַטער. דער פאָלקס-טעאַטער דאַרף נישט קיין צענטער. דער נאַציאָנאַל-יודישער טעאַטער — און נאָר וועגען אַזאַ טעאַטער רעדט זיך די גאַנצע צייט — מוז האָבען אַ צענטער. די פאָלקס-מאַסען זיינען דאָ אומעטום. וואו דער פאָלקס-טעאַטער קומט אין אַ יודישער שטאָט, געפינט ער זיין פובליקום. דער נאַציאָנאַלער טעאַטער אָבער געפינט נישט אין יעדער שטאָט זיין פובליקום. ער מוז זיין אין דעם צענטער, וואו עס קאָנצענטרירט זיך די אינטעליגענץ פון פאָלק.

צי איז אָבער פאַראַן ביי אונז אַזאַ צענטער? צי איז אונזער אינטעליגענץ נישט אַזוי צעזייעט און צעשפרייט, אַז אויף איטליכער, אַפילו גרעסטער יודישער שטאָט, קומט אוים אַ קליינער, זעהר אַ קליינער טייל?

וואָלטען מיר נישט געווען קיין פאָלק מיט צוויי, דריי שפראַכען, וואָלט העברעאיש געווען אונזער איינציגע שפראַך — וואָלט מעגליך געווען צו געפינען דעם צענטער. פונקט אַזוי ווי מען שטרעבט איצט צו שאַפען אַ נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק אין ירושלים (בית נאמן, געגרינדעט פון ד"ר יוסף כאַזאַנאָוויטש), אַזוי וואָלטען מיר געקאָנט דאָרט געפינען אַ צענטער פאַר אונזער טעאַטער. איצט אָבער איז אוממעגליך אָנצווייזען אויף אַ שטאָט מיט אַ גרויסער יודישער בעפעלקערונג, וואו עס קאָנצענטרירט זיך דאָס גייסטיגע אין יודישען פאָלק. איך וועל נאָר דערמאָנען די דריי שטעט: וואַרשוי, אָדעס און ווילנא, — בכדי איטליכער קענער פון יודישען לעבען זאָל באַלד פערשטעהן, ווי וועניג איינע פון די דריי שטעט קאָן אונז, יודען, דינען אַלס צענטער פאַר אַ טעאַטער. די וואַרשעווער פויליש-יודישע אינטעליגענץ איז דורך און דורך אַסי-

מילירט און האָט קיין אינטערעס נישט פאַר דער שאַפונג פון וואָסערע ס'איז יודישע קונסטפאָרמען. חוץ דעם, וועט ריין פאָליטיש אוממעגליך זיין דורכצופיהרען אין וואַרשוי אַ ריין יודיש-נאַציאָנאַלע אונטערנעמונג.

ווילנא האָט יודישע טראַדיציעס, האָט אָבער אַ צו קליינע אינטעליגענץ, וואָס זאָל וועלען אַרבייטען אין דעם מאָדערנעם נאַציאָנאַל-יודישען זין. עס קאָן זיין, אַז גראָד דעריבער, וואָס ווילנא איז „ירושלים דליטא“, איז זי שוין אַזוי זאַט מיט דער אַלטער יודישקייט, אַז זי וויל שוין נישט די נייע. אָדעס איז אפשר אַ העברעאיש-ציוניסטישע פעסטונג מעהר אין ארץ-ישראל, איידער אין אָדעס. אין אָדעס האָט נאָך ביז איצט קיין קיום נישט געהאַט אפילו קיין פראָסט יודיש בלאַט. די אָדעסער אינטעליגענץ האָט עפּעס גאָר קיין פּנים נישט. דען וואָס קאָן נאָך זיין וועניגער פּנימ'דיג, ווי אַ האַלב-אַסימילירטער דרום-רוסישער יוד, וואָס רעדט האַלב יודיש און האַלב רוסיש און האָט די כאַראַקטער-שטריכען פון אַ מענשען, וואָס לעבט אין דעם פעלקער-מישמאַש פון אַ האַפען-שטאָט?

IV

נאָר אפשר שאַפען אַ קינסטליכען צענטער, וואוהין איטליכער אינטעליגענט, וואָס גאַרט בעקומ'ען אַלע געזעלשאַפטליכע לעבענס- און קונסט-פאָרמען אין אַ יודישער געשטאַלט, וועט עולה רגל זיין, ווי אַמאָל האָט מען עולה רגל געוועזען אין ירושלים, וואו דער בית-המקדש איז געשטאַנען?

אפשר זאָלען מיר אויך ערגיץ וואו אין אַ קליינעם אָרט אין תחום שאַפען אַזאַ טעאַטער-היילגטום, וואוהין עס וועט אין געוויסע צייטען פון יאָהר זיך צוזאַמענפאָהרען די גאַנצע שעפערישע יודישקייט, ווי היינט די וואַגנער-פערעהרער פון דער גאַנצער וועלט קיין ביירויט?

איך רעכען, אַז עס איז גענוג צו שטעלען די פראַגע, בכדי איטליכער זאָל שוין געפינען אַן ענטפער דערויף.

ביי דער איצטיגער פאָליטישער לאַגע פון אַן אונטערטאַן אין רוסלאַנד, צו וואָס פאַר אַ נאַציע ער זאָל נישט אָנגעהערען—איז דאָס

אַ נישט־מעגליכע זאַך, און עס לוינט דעריבער נישט צו רעדן וועגן דעם.

די יודישע אינטעליגענץ קאָן בשום אופן ניט בעשאַפען איצט אַן אייגענעם טעאַטער. אויך דעמאָלט נישט, ווען עס זאָל זיך שוין געפינען דער מעצענאַט. דען אויך דער מעצענאַט וועט נישט וועלען אַרויסוואַרפען זיין געלד פאַר אַ זאַך, וואָס וועט כמעט נישט קענען פונקציאָנירען רעגעלמעסיג.

אָבער אויב זי קאָן נישט בעשאַפען אַ שטענדיגען טעאַטער, קאָן זי בעשאַפען דאָס, וואָס מען רופט אין דייטשלאַנד אַ „פרייע ביהנע“ און וואָס קאָן אויך אפשר מיט דער צייט פיהרען ביי אונז, ווען נישט צו אַ שטענדיגען טעאַטער, טאָ וועניגסטענס צו דער פערבעסערונג פון פאָלקס־טעאַטער גופא. די „פרייע ביהנע“ האָט נישט קיין שטענדיגען אָרט, נאָר זי דינגט אָב פון צייט צו צייט פאַר איהרע מיטגלידער אַ פרעמדען טעאַטער אויף אַן אָווענד, וואו זי פיהרט אויף מיט דער הילף פון בעוואוסטע אַקטיאָרען (וואָס ווערען דערפאַר בעצאָהלט) פאַר איהרע מיטגלידער טעאַטער־שטיק, וואָס ווערען נישט געשפילט אין די שטענדיגע טעאַטערן.

אַזאַ „פרייע ביהנע“ איז אייגענטליך אַ חברה, וואָס גיט די מעגליכקייט טאַלענטפולע דראַמאַטיקער, וואָס שרייבען נישט אין געשמאַק פון געוועהנליכען רעפּערטואַר, אָדער וואָס שטעלען צוליב זייערע דראַמען נייע פאָדערונגען צו דער ביהנע — צו ווערען אויפגעפיהרט.

צו דער חברה „פרייע ביהנע“ שליסען זיך אָן על פי רוב אַזוינע ליבהאָבער און קענער פון טעאַטער, וואָס וויסען די פעהלערן פון אַלטען טעאַטער און גאַרען איהם אָבצופרישען, אַריינצוטראָגען אין איהם נייע קונסט־פאָרמען און נייע מאָטיווען.

די הוצאות פון יעדען ניי־אויפגעפיהרטען שטיק טראָגען, זעלבסטפערשטענדליך, די חברה־לייט, וועלכע בעקומען דערפאַר פרייע פלעצער פאַר זיך און זייער פאַמיליע.

ווען אַזאַ „פרייע ביהנע“ פיהרט אויף אַ שטיק, קומען נאָך אויסער די חברה־לייט אַ ביסעל פובליקום, און געוועהנליך אויך אַ סך דירעקטאָרען פון די שטענדיגע טעאַטערן, וועלכע שאַצען

אָב בײַ זיך, צי קאָן האָבן דאָס שטיק אַן ערפאָלג בײַ זײער טעאַטער-פּובליקום.

די „פרײַע ביהנע" אין דײַטשלאַנד האָט צום ערשטן מאָל אויפגעפירט דעם יונגען דראַמאַטיקער גערהאַרט הויפּטמאַנס שטיק „פאַר זאָנען-אויפגאַנג" און נאָך אַ סך אַנדערע נײַע דראַמעס, וואָס זײַנען מיט דער צײַט געוואָרן דער הויפּט-רעפּערטואַר פון די שטענדיגע טעאַטערן.

דאָס אײגענע איז געווען אין פראַנקרײַך מיט'ן „טעאַטער ליבר".

בײַ אונז קאָן אַזאַ „פרײַע ביהנע" אפשר אויך ברענגען דערצו, אַז עס זאָל אַרײַן אין פאָלקס-טעאַטער אַ טײל פון אַ בעסערן רעפּערטואַר, ווײַל די „פרײַע ביהנע" שאַפט מיט דער צײַט אַ שטענדיג פובליקום פאַר אַ בעסערן טעאַטער.

די שאַפונג פון אַ „פרײַער ביהנע" פאַר דער אינטעליגענץ איז שוין נישט אַזוי שווער. מען וועט שטענדיג געפינען גענוג מיטגלידער, וואָס זאָלען קענען פון צײַט צו צײַט דעקען די הוצאות פון אײן-אײנציגער טעאַטער-פאָרשטעלונג. די מיטגלידער זײַנען גראָד נישט מחויב צו וואוינען אין דער שטאָט, וואו די „פרײַע ביהנע" וועט אַרבייטען. עס וועלען זיך געפינען גענוג יודישע אינטעליגענטע מענשען בײַ אונז, וואָס וועלען צושטעהן צו דער חברה אויך פון אַנדערע שטעט.

און פאַר אַזאַ „פרײַער ביהנע" איז די שטאָט וואַרשוי מיט אירע שטענדיגע פאָלקס-טעאַטערן, וואו עס געפינען זיך אויך בעגאַבטע און טאַלענטירטע אַקטיאָרען, ווי געשאַפען. חוץ דעם, איז וואַרשוי דער פלאַץ, וואו עס קומען זיך צונויף אין געוויסע צײַטען פון יאָהר כמעט אַלע יודישע אַרטיסטען, וואָס שפּילען אין אַ יודישען טעאַטער.

אַוודאי, קאָן אַזאַ פרײַע ביהנע אינז נישט געבען דאָס, וואָס די אײגענע ביהנעס גיבען דעם אײראָפּעאישען טעאַטער. איך בין אָבער ניט מסופק, אַז זי קאָן האָבען אויך אַ גרויסען אײנפלוס אויפ'ן פאָלקס-טעאַטער, הגם זי מישט זיך נישט אין זײַנע געשעפטען און זוכט נישט מיט געוואַלד איהם נויטען צו לעבען לויט איהר געשמאַק.

אונטער די 380 טויזענד יודען, פאָלקס-מענשען, וואָס וואוי-

נען אין וואַרשוי, וועט זיך איך געפינען אַ פּובליקום, וואָס איז שוין אַריבערגעוואַקסען דעם פאָלקס־טעאַטער און איז פעהיג צו געניסען אַ בעסערן רעפּערטואַר, אין מען קאָן האָפען, אַז אַזאַ פרייע ביהנע וועט נישט אַרבייטען מיט גרויסע דעפיציטען.

V

אודאי איז די שאַפונג פון אַזאַ „פרייער ביהנע” נישט אַזוי לייכט, ווי ביי אַנדערע, וואו די אינטעליגענץ האָט שוין צעהנדליגער יאָהרען איהר טעאַטער, וואו דער רעפּערטואַר, וואָס איז העכער פאַר'ן רעפּערטואַר פון פאָלקס־טעאַטער, האָט שוין זיין פאַרטיג פּובליקום.

למשל, ווען מיר זאָלען וועלען שאַפען אַ „פרייע ביהנע”, קאָנען מיר זיך נישט בעגענוגען חערמיט, וואָס מיר וועלען פון צייט צו צייט שפּילען אַ גוט שטיק, אַן איינענע צי אַן איבערזעצטע. מיר האָבען אויך נאָך נישט די אַקטיאָרען, וואָס האָבען די געניטקייט, די רוטינע פאַר ראָלען, וואָס שטייגען אַריבער לויט דעם כאַראַקטער, ווי לויט דער איידעלקייט פון די דראַמאַטישע קאָנפליקטען די געוועהנליכע כאַראַקטערן פון אַלטען פאָלקס־טעאַטער. עס פעהלט נאָך די ריכטיגע דעקאָראַציע פאַר אַ בעסערער שטיק, עס פעהלט נאָך דער טאַלענטפולער רעזשיסער, וואָס זאָל קאָנען אויסאַרבייטען אַזאַ שטיק פאַר אַ קריטישען צושויער אין אַלע איהרע פּיצעלעך סיי דעקאָראַטיוו, סיי אין דער שטימונג, סיי אין די ריכטיג בערטיילטע ראָלען.

אַ יודישע „פרייע ביהנע” וועט האָבען אַ סך אין ביטער צו קעמפען, איידער זי וועט זיך קענען נעמען צו דער אַרבייט.

די גרעסטע צרות וועט מען האָבען פון אונזערע יודישע אַקטיאָרען גופא, וואָס וועלען נישט וועלען געהן אין די עלטערע יאָהרען אין חדר, וואָס וועלען נישט וועלען מאַכען די נויטיגע צאָהל רעפּעטיציעס און וואָס ווילען מיט דער עהרגייציגקייט פון איטליכען אַלטען, נישט בעזונדערס ענטוויקעלטען אַקטיאָר גראָד נעמען אויף זיך אַזוינע ראָלען, וואָס פּאַסען ווייניג צו זייער טאַלענט און וואָס פאָדערן נישט, אַז דער אַרטיסט זאָל זיין אַ סך אויף דער ביהנע.

אויך דער רעזשיסער פֿון אַ פֿאָלקס־טעאַטער ליידט זיך אָן געגוג יסורים, איידער ער פֿערטיילט די ראָלען צווישען די אַר־טיסטען. ווען נישט דער דירעקטאָר, וואָס איז מפרנס דעם אַקטיאָר און האַלט איהם טיילוויז אין די הענד, וואָלט דער רעזשיסער קיינמאָל נישט פֿאַרטיג געוואָרען מיט זיין אַרבייט. היינט קאָן מען זיך לייכט פֿאָרשטעלען, ווי שווער עס ווערט זיין דעם פֿיהרער פֿון אַ „פֿרייער ביהנע“, וואָס קאָן דעם אַקטיאָר בעשעפֿטיגען נאָר אַ פּאָר מאָל אין ווינטער און וואָס דאַרף אָנקומען צו זיין טובה — ווי שווער עס ווערט איהם זיין צו בענוצען דעם אַקטיאָר צו זיינע צוועקען, צום פּלאַן פֿון אַ יודישער „פֿרייער ביהנע“.

און ווען מען בעדענקט נאָך, אַז דער אַקטיאָר פֿון פֿאָלקס־טעאַטער איז נישט צוגעוועהנט צו אַ ריכטיגער צוגרייטונג, אַז נאָך צוויי, דריי רעפּעטיציעס נעמט מען זיך פֿאַר דער שווערסטער ראָלע, אַז דער יודישער אַרטיסט שפּילט זיך על פּי רוב איין אין זיין ראָלע דערנאָך, ווי ער האָט זי שוין צוואַנציג מאָל געקאַליעטשעט פֿאַר די אויגען פֿון פּובליקום — דעמאָלט ווערען נאָך די שוועריגקייטען פֿאַר אַ „פֿרייער ביהנע“ אַ סך, אַ סך גרעסער.

ווי בעקאַנט, נויט דער טעאַטער־דירעקטאָר פֿון אַ פֿאָלקס־טעאַטער דעם אַקטיאָר איינצושטודירען אַ נייע שטיק אַזוי האַסטיג, אַז די ערשטע מאָלען שפּילען ווייס אַפֿילו דער אַקטיאָר ניט זיינע רעפּליקעס. ער איז צוגעשמידט צום ביידעל פֿון סופֿלער און ער שטעהט שטענדיג אין אַזאַ פּאָזע, אַז דער אויער זאָל קאָנען כאַפּען די ווערטער פֿון סופֿלער. צום גרעסטען טייל מאַכט אין יודישען טעאַטער דער סופֿלער אַזאַ גערויש, אַז אין די ערשטע רייהען הערט מען שטענדיג דעם סופֿלער צוערשט, דערנאָך דעם אַקטיאָר.

אַפֿילו די אָפּערעטעס ווערען אין יודישען טעאַטער אַזוי גיך צוגעגרייט פֿאַר׳ן פּובליקום, אַז עס איז אוממעגליך צו פֿערטראָגען די ערשטע צעהן ספּעקטאַקלען פֿון דער ניי־איינגעשטודירטער אָפּערעטע ביז צו דער צייט, ווען די אַקטיאָרען שפּילען זיך איין.

אין דריי, פֿיר טעג ווערט דורכגערעפּעטירט אַן אָפּערעטע מיט געזאַנג, טענץ, דיאַלאָגען און אַלערליי שמאָכטעס. ביי־נאַכט זינגט דער אַקטיאָר די אַלטע אָפּערעטע, ביי־טאָג רעפּעטירט

ער די נײַע, און טיילמאָלס נעמט ער נאָך צו די שעה'ן פֿון שלאָף און אַ מידער, כמעט אַ הייזעריגער, נישט קײַן אײַנגעשפּילטער, אײַלט ער זיך זינגען די נייע אָפּערעטע, מורא האָבענדיג, אַז דער קאָנקורענט־טעאַטער זאָל ניט אַרויסרייסען בײַ איהם די אָפּערעטע פֿאַר'ן פּובליקום מיט אַן אָווענד פֿריהער.

אין וואַרשוי האָט מען געגעבען די אָפּערעטע „ד"ר זייפֿענבלאָז" אין איינעם און דעמזעלביגען אָווענד אין די צוויי יודישע טעאַטערן, און סיי אין קאַמינסקי'ס טעאַטער, סיי אין עליזעאום (דירעקטאָרען קאָמפּאַנעיעץ, ליבערט און סאַנדלער) זיינען די אַרטיסטען געווען הייזעריג ווי די וואַנט פֿון אַ צו־האַסטיגען און אַ צו־אימפּעטיגען רעפּעטירען, און ביידע טרופּען האָבען קוים געקענט זיך צונויפֿשפּילען.

דער יודישער אַקטיאָר פֿון פֿאָלקס־טעאַטער האָט איבער פֿערשיידענע סיבות פֿײַנט אַ זאַך לאַנג צו רעפּעטירען. ער איז געוועהנט זיך אויסצולערנען די ראָלע אויף די אויערן פֿון פּובליקום, וואָס קומט צום נײַעם שטיק די ערשטע צעהן־פֿופֿצעהן מאָל. און ענדיגען זיך די 10—15 מאָל, זוכט ער שוין צוואַמען מיט'ן דירעקטאָר אַ נײַ שטיק, וואָס זאָל צוציהען דעם עולם, וועמען עס איז שוין דערעסען די אַלטע.

און די פֿרײַע ביהנע וועט האָבען אַ סך אַ סך אויסצושטעהן, ביז זי וועט קומען צו דער מדרגה, אַז דער אַרטיסט זאָל זיך ערנסט און פֿולקומען צוגרייטען פֿאַר זײַן ראָלע.

עס קאָנען דערלײַכטערן די אויפֿגאַבע פֿון דער פֿרײַער ביהנע די טאַלענטפֿולע אינטעליגענטערע אַקטיאָרען, ווי למשל, אַ ליבערט, אַ זשעליאַזאָ, אַן אַדלער, אַ דראַנאָוו, אַן אסתר רחל קאַמינסקא (איך האָב נאָר אויסגערעכענט אַ קליינעם טייל נעמען, וואָס זײַנען צופֿעליג געקומען אונטער'ן פֿעדער), וואָס ווייסען גוט די פֿעהלערן פֿון פֿאָלקס־טעאַטער, וואָס גאַרען באמת צו שפּילען אַ בעסערן רעפּערטואַר און וואָס וועלען געוויס מיט'ן גאַנצען האַרצען זיך אָנשליסען אַלס געטרײַע מיטגלידער פֿון אַ יודישער פֿרײַער ביהנע. אָבער אויך זיי זײַנען נישט קײַן גאַנצע בני־חורין, אויך זיי זײַנען פֿערבונדען מיט לײַב און לעבען מיט זייערע טעאַטער־דירעקטאָרען און מיט דעם טעאַטער, וואָס גיט זיי פּרנסה.

און דעריבער, כל זמן די טעאטער־דירעקטארען פון די יודישע טעאטערן וועלען נישט אריין אלס געטרייע מיטגלידער אין דער חברה פון דער פרייער ביהנע, איז די צוקונפט פון אזא ביהנע נאך אלץ נישט געזיכערט. עס זיינען דא אבער אויך טעמים, פארוואס די טעאטער־דירעקטארען מוזען זיך אנשליסען צו אזא חברה. שוין דאס אליין, וואס די פרייע ביהנע גרייט ביסלעכווייז צו פאר׳ן פאלקסטעאטער א נײַ פובליקום (מחמת דעם, וואס א טייל פון רעפערטואר פון דער פרייער ביהנע וועט אריין ביי איהם), בעווייזט, ווי פעראינטערעסירט עס קאנען זיין אין דער שאפונג פון א פרייער יודישער ביהנע אויך די דירעקטארען פון אלטען פאלקס־טעאטער.

.VI

ווען עס וועט זיך איינגעבען צו שאפען א יודישע פרייע ביהנע, וואס אין איהר זאלען אריין אלס טעטיגע מיטגלידער די יודישע גוטע ארטיסטען און די דירעקטארען פון די יודישע טעאטערן — דעמאלט קאן מען האפען, אז עס וועט געלעגט ווערען דער ערשטער שטיין פאר א צוקונפטיגען יודישען טעאטער, ווען נישט פאר א יודישען נאציאנאלען טעאטער, איז ווענינגסטענס פאר אזוינעם, וואו א גרויסער טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ וועט געפינען א בעפרידיגונג.

און ווען מען בעדענקט, אז א טייל געלט, און א רעכט היפשע ביסעל געלט — איז שוין צונויפגעזאמעלט געווארען צום נוצען פון א קומענדיגען יודישען טעאטער, — זעה איך נישט איין, פארוואס א פרייע יודישע ביהנע אין די גרעניצען, ווי איך האב פריהער אנגעצייכענט, קאן זיך שוין נישט נעמען פאר דער ארגאניזאציע.

איך בין מודה, אז איידער מען נעמט זיך פאר דער גרינדונג פון אזא ביהנע, וואלט געווען זעהר נוצליך אויסצופועל׳ן ביי דער רעגירונג אן ערלויבעניש אויף א ספעציעלען צוזאמענפאהר, וואו עס זאלען זיך קאנען בעטייליגען אלע ליטערארישע, דראמאטישע, מוזיקאלישע און קולטורעלע געזעלשאפטען ביי יודען, וואס זיינען פון דער רעגירונג אפיציעל אנערקענט.

אויף אַזאַ צוזאַמענפֿאָהר איז די גרינדונג פֿון אַ יודישער פֿרײַער בּיהנע איינע פֿון די לײַכטסטע זאַכען, און אַזאַ בּיהנע קאָן אין אַ געוויסען זין האָפֿען אויף דער סימפּאַטיע פֿון דער בּרייטער בּעפֿעלקערונג אין גאַנצען יודישען תּהום.

ס'איז אויך זעהר נוצליך, אַז איידער מען נעמט זיך צו דער גרינדונג פֿון אַזאַ בּיהנע, זאָל מען זיך צונויפֿרעדען דורך בּריף אָדער דורך אַן אַנקעטע מיט אַלע אַרטיסטען און מיט אַלע דירעקטאָרען פֿון יודישע טעאַטערן. עס וואָלט אויך זעהר נויטיג זײַן זיך צו בּענוצען מיט דער פּראַקטיק, וואָס עס האָט געהאַט אַזאַ טעאַטער־טוער, ווי מאַרק אַרנשטיין, וואָס איז געווען אַמאָל דער רעזשיסער פֿון דער פֿעראייניגטער יודישער טרופּע, וואו עס האָבען זיך פֿעראייניגט די בּעסטע יודישע אַקטיאָרען, וועלכע האָבען בּערײַזט מיט אַ העכערן רעפּערטואַר אַלע שטעט, וואו עס איז דאָ אַ גרויסע יודישע בּעפֿעלקערונג.

צולעצט דאַרפֿען די אָרגאַניזאַטאָרען פֿון אַ יודישער פֿרײַער בּיהנע בּעקאַנט ווערען גענוי מיט דער טעטיגקײַט פֿון פּרץ הירשבּיינ'ס טרופּע, וואָס האָט זיך געשטעלט דעם ציל צו שאַפֿען אַ טעאַטער פֿאַר אַן אינטעליגענטען יודישען פּובּליקום.

אָבער אַלע די פֿאָראַרבּײַטען זײַנען גאָרנישט אַזוי שווער, אַז די שאַפֿונג פֿון אַ יודישער פֿרײַער בּיהנע זאָל ווערען אָבּגעלעגט אויף יאָהרענלאַנג.

איידער איך שליס מײַן אַרטיקעל וועגען יודישען טעאַטער, וואו איך האָבּ נאָר שטריכענווײַז אָנגעוויזען אויף איינינע האַרבּע שטעלען אין דער פֿראַגע, — ערלויבּ איך מיר נאָך אַמאָל איבּערצו'חזר'ן, אַז נישט פֿון דעם פֿאָלקס־טעאַטער קאָן קומען די ישועה פֿאַר דער יודישער אינטעליגענץ בּנוגע צו אַ יודישער טעאַטער־קונסט, נאָר פֿון אונזערע אייגענע קרעפֿטען, וואָס װעלען פּרובּען שאַפֿען עפּעס נײַס און נישט פּרובּען רעפֿאָרמירען אַ זאַך, וואָס פֿערלאַנגט בּטבע נישט די רעפֿאָרמעס, וואָס די אינטעליגענץ שלאָגט איהר פֿאָר.

איך ווייס גאַנץ גוט, אַז דער שטאַנדפּונקט ווערט נישט

געטיילט פֿון אַ סך טעאַטער־ליבהאָבער, וואָס הלומ'ען פֿון אַ יודישען טעאַטער. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז דאָס קינד וועט שטענדיג האָבען דעם אָנבליק און די אינסטינקטען פֿון זיינע עלטערן, נישט פֿון די מלמדים, ביי וועמען עס גיהט עטליכע יאָהר אין הדר. דאָס פֿאָלק האָט זיך בעשאַפֿען זיין טעאַטער, און ער וועט זיך ענטוויקלען צוזאַמען מיט דעם פֿאָלקס ענטוויקלונג. די אינטעליגענץ אָבער איז שוין נישט אינגאַנצען „פֿאָלק“, זי איז בנוגע צו געשמאַק, קונסטפֿאָרמען א. אַז. וו. עפּעס אַן אַנדער בעשעפֿעניש, און זי מוז שאַפֿען א י ג ע נ ס. און ווייל מיר זיינען אַ סך אָרימער מאַטעריעל פֿאַר'ן גרויסען כלל'ישען מעצענאַט (די פֿאָלקס־מאַסען), זאָלען מיר וועניגסטענס פּרובען שאַפֿען אויף עטליכע צעהנדליג אָוועַנדען פֿאַר זיך ד אָ ס, וואָס דאָס פֿאָלק האָט אַלע אָוועַנדען אין יאָהר, און שבת — צוויי מאָל אַ טאָג.

II. ליטעראַרישע געשפּרעכען.

ד״ר יוסף לוריע.

ד״ר יוסף לוריע, וואָס בעהאַלט זיך פאַר דעם יודישען לעזער אונטער די אָנפאַנגס־בוכשטאַבען „י. ל.“, איז בכלל אַ פערבעהאַלטענער מענש. ער האָט אַ נאַטירליכען ווידערווילען קעגען אַלץ, וואָס מענשען רופען עס פּאָפּולאַריטעט.

ער וויל נישט, אַז צו דער גייסטעס־אַרבייט, וואָס ווערט פערמיטעלט דורך איהם און דורך זיין פעדער, זאָל ווערען צוגעקלעפּט דער נאָמען פון אַ מענשען, וואָס דאַרף זיין, לויט זיין מיינונג נאָך, גאַנץ גלייכגילטיג פאַר'ן לעזער.

ער דערמאָנט מיר יענעם גלאָקען־ציהער פון די קינדער־מעשה'לעך, וואָס לעבט תמיד אַליין אין טורעם, קומט קיינמאָל נישט אין מגע ומשא מיט די מענשען, פאַר וועמען ער מאַכט קלינגען די גלאָקען. ער האָט אָבער אַ שטילע הנאה, ווען ער שטעלט זיך פאָר די התפעלות, וואָס דאַרף אַרויסרופען ביי די מענשען איטליכער ציה פון גלאָק, וואָס צעגיסט זיך מיט אַזאַ שענעם פולען קלאַנג.

זיינע גלאָקען זיינען געווען י. ל. פּרץ, שלום עליכם, נאָמבערג, אַש און פיל אַנדערע.

פון דעם טאָג אָן, ווען ד״ר לוריע האָט איבערגענומען פון ראַוויניצקי'ן די רעדאַקציע פון וואָכענבלאַט „דער יוד“, הויבען אָן צו קלינגען פון דעם דאָזיגען ליטעראַרישען טורעם אַלערליי גלאָקען און גלעקלעך.

ד״ר לוריע, דער בעשיידענסטער יודישער רעדאַקטאָר און ליטעראַט, האָט ניט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל ליגען אין מענשענס מיילער. ער האָט אָבער אפשר פאָראויסגעזעהן, אַז עס וועט קומען אַמאָל אַ צייט, ווען אין דער ביאָגראַפיע פון כמעט אַלע אונזערע יודישע שרייבער וועט זיך פערוועבען זיין נאָמען אינאיינעם מיט'ן אָרגאַן, אין וועלכען זיי האָבען געפונען צוערשט אַ פּלאַץ פאַר די זעהונגען פון זייער גייסט.

דען אין לוריע'ס בעשיידענקייט שטעקט אַ געוויסע מאָס פון

אַריסטאָקראַטישער גאוה. איידער צו ליגען אין די מײַלער פֿון דער גרויסער מאַסע, איז שוין בעסער צו זײַן אַ מקורב פֿון עטליכע געצעהלטע מענשען פֿון גײַסט און טאַלענט, וואָס מאַכען אונזער אָרים וועלטעל אָפֿטמאָל סײַ רײַכער, סײַ שענער.

ד"ר לוריע איז איינער פֿון די וועניגע בײַ אונז אין דער ליטעראַטור, וואָס זייער כח איז בעשטאַנען מעהר אין דער פֿעסט־קײַט און שטאַנדהאַפֿטיגקײַט פֿון די מיטגעבראַכטע איבערצײַגונגען, ווי אין דער ליטעראַרישער קראַפֿט זייערער.

דעמאָלט, ווען די געזעלשאַפֿט „אחיאסף" האָט איבער ציוניס־טיש־אַגיטאַטאָרישע צוועקען געגרינדעט אין יאָהר 1898 דעם „יוד", איז די פֿערשטענדניש פֿאַר דער וויכטיגקײַט פֿון דער יודי־שער שפּראַך געווען נאָך זעהר אַ בעגרעניצטע. מען האָט געוואָלט בענוצען יודיש אַלס אַ מיטעל צו עפּעס אַן אַנדער זאַך, צו דער פֿאָלקס־פּראָפּאַגאַנדע פֿון ציוניזם.

ערשט ענדע 1899, ווען ד"ר לוריע האָט איבערגענומען די רעדאַקציע פֿון „יוד" און האָט אָנגעהויבען דורכפֿיהרען מיט אַ גרוי־סער פֿעסטקײַט זײַנע איבערצײַגונגען מכח יודיש אַלס זעלבסט־צוועק, צו וואָס עס האָבען זיך נאָר דערהויבען דעמאָלט גע־צעהלטע ווײַט־בליקענדע יודישע אינטעליגענטען, ערשט דעמאָלט איז דער „יוד" געוואָרען דער צענטער, וואו עס האָבען אָנגעהויבען ענערגישער צו שאַפֿען אונזערע פֿריהערדיגע יודישע טאַלענטען און האָבען זיך גענומען אויסבילדען די נײַערע, וואָס אָהן דעם „יוד" וואָלטען זיי זיך אפֿשר קיינמאָל נישט ענטוויקעלט.

פּרץ'ס „פֿאָלקסטימליכע געשיכטען", וואָס האָבען אידם אַזוי בעליבט געמאַכט בײַם פֿאָלק, בעווײַזען זיך צוערשט אין „יוד". מנחם־מענדיל פֿון יהופּעץ, וואָס איז אויסגעוואַקסען צו אַן אייבי־גען טיפּ פֿון אַ יודישען ווינט־סוחר און וואָס האָט אַזוי שטאַרק דערהויבען שלום עליכם'ס נאָמען, האָט זיך צוערשט פֿאָרגעשטעלט אין די וואָכענבלעטער פֿון „יוד". נאָמבערג, אַש, רייזען און פֿיל אַנדערע זײַנען ערשט געוואָרען שרײַבער, ווען זיי זײַנען אַרויס מיט דער חתימה פֿון „יוד".

די ערשטע מאָדערנע איבפּאַסונג פֿון יודיש, אַלס פֿון דער שפּראַך, וואָס דאַרף זיך ליטעראַריש ענטוויקלען און ווערען אונ־

זער צווייטע נאציאנאל-שפראך, געפינען מיר אין מאנאט-זשורנאל „די יודישע פאמיליע“, וואס איז גלייכצייטיג ארויס מיט'ן „יוד“ אין אונטער איין רעדאקציע.

עס איז שווער צו בעשטימען, וויפיל צייט און טאלענטען מיר וואלטען פערלוירען, ווען אן דער שפיץ פון „יוד“ וואלט נישט געשטאנען א געבילדעטער, פעסט-איבערצייגטער מענש מיט דעם ליטעראַרישען געשמאק, וואס עס האט געהאט ד"ר לוריע.

שפעטער, אז מיט דעם ערשיינען פון דער ערשטער יודישער טאג-צייטונג אין רוסלאנד, ד. ה. מיט'ן „פריינד“, האט געמוזט אויפהערען די עקסיסטענץ פון „יוד“ — האט ד"ר לוריע ווייטער געפירט זיין ארבייט אין „פריינד“, וואו ער איז געווען יאהרען-לאנג דער רעדאקטאר פון ליטעראריש-בעלעטריסטישען טייל. און מיר האבען איהם נישט ווייניג צו פערדאנקען, וואס די גאנצע צייט, זינט דער „פריינד“ עקסיסטירט, איז די צייטונג געווארען דער ארט, וואו א יודישער טאלענט געפינט די מעגליכקייט זיך צו ענטוויקלען.

אין ד"ר לוריע האבען זיך גליקליך פעראייניגט אלע מעלות, וואס זיינען נויטיג ביים אנהויב פון איטליכער יונגער ליטעראטור. און מיר דארפען דאנקען דעם צופאל, וואס גראד דעם דאזיגען מענשען האט מען אונז בעשערט צו זיין דער אקושער פון דעם ניי-געבארענעם יודישען קינד.

ד"ר לוריע האט הויך געשעצט א יודישען טאלענט און צוגלייך פלעגט ער נישט בטל ווערען פאר איהם, ווען עס האט אנגעריהרט זיינע אינעווייניגסטע איבערצייגונגען און זיין אינעווייניגסטען געשמאק.

ער האט מיט פעסטיגקייט. דורכגעפיהרט זיינע נייע אנזיכטען וועגען יודיש, כאטש די בעלי-בתים פון „יוד“ האבען זיך נאך נישט געהאט דערהויבען צו זיי.

אלס איבערצייגטער ציוניסט, האט ער שטענדיג פרייער און ברייטער געקוקט אויף א יודישער פראגע, ווי דער געוועהנליכער ארגאניזירטער ציוניסט, און פון גאט-געבענשטען פאעט האט ער נישט פערלאנגט די טענדענצען, צו וואס איהם אליין האט אזוי שטארק געצויגען.

ער האט קיינמאל נישט אויסגענוצט זיין רעדאקציאנס-קראפט

צו אייגענע צוועקען און האָט שטענדיג זיך געפֿיהלט, רעדענדיג מיט הערצלען, פֿאַר דעם שמש אין חנוכה־לאָמפּ, פֿאַר דעם „דינער פֿון ליכט“, וואָס פרעדט זיך דערמיט, וואָס ער צינדט אָן אַ גרע־סער ליכט, ווייל ער קלערט נישט מיט גאוה וועגען שיין פֿון זיין אייגענעם פֿייערל.

די פֿערטרעטער פון דער נײַ־יודישער ליטעראַטור, וואָס האָבען נישט איינמאָל צו טון געהאַט מיט ד"ר לוריע, זיך צו־קוקענדיג צו דעם, וואָס עס טוט זיך איצט אָב אין אַ רעדאַקציע פֿון אַ יודישען אָרגאַן, דערמאָנען אָפֿט לוריע'ס נאָמען צו דער צייט, ווען ער איז געווען דער פֿיהרער אין „יוד“, אין „פֿריינד“ און דערנאָך אין „יודישען פֿאָלק“, ווי עפּעס אַ גוטס, וואָס לעבט שוין מעהר אין דער פֿערגאַנגענהייט, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט צוריקקעהרען.

אויבען האָב איך געזאָגט, אַז לוריע'ס קראַפֿט איז נישט געווען די ליטעראַרישע.

דאָס איז אָבער נאָר געווען דעמאָלט, ווען ד"ר לוריע האָט זיך אינגאַנצען אָבגעגעבען דער רעדאַקציאָנעלער טעטיגקייט.

איצט אָבער, ווען לוריע איז אַוועק קיין פּאַלעסטינע אויף שטענדיג, האָט ער זיך אונז אָנגעהויבען ווייזען פֿון גאָר אַ נייער זייט. זיינע בילדער פֿון פּאַלעסטינער נאַטור אין „פֿריינד“, ווי זיינע קינסטלערישע בריף אין „העולם“ פֿון פּאַלעסטינער לעבען, ווייזען אונז גאָר אַן אַנדער מענשען, מיט אַ טיפֿען געפֿיהל פֿאַר דער נאַטור, מיט אַ קלאָרען געניטעם בעאָבאַכטער־אויג פֿאַר דאָס לעבען פֿון אַ קיבוץ, וואָס וויל אויפֿבויען פֿון זיך אַ געזונט פֿאָלק אויף אַן אייגען לאַנד.

פּאַלעסטינע האָט אויפֿגעעפֿענט ביי ד"ר לוריע'ן דעם קוואַל, וואָס ער האָט געהאַלטען פֿערשלאָסען, זייענדיג ביי אונז דאָ. דאָ איז ער פֿאַר אונז געווען דער מענש, וואָס האָט געשאַפֿען אַ ברייטען פלאַץ פֿאַר אַנדערע, פֿאַר גרעסערע פֿאַר איהם. דאָרט האָט ער זיך דערמאָנט אָן זיך אויך און איז געוואָרען דער ליטע־ראַט, וואָס גיט אויסגעצייכענטע פראָבען פֿון זיין פעדער.

אין זיינע נאַטור־שילדערונגען פֿון פּאַלעסטינע האָט לוריע

אַריבערגעשטײַגט אַלע פֿריהערדיגע, וואָס האָבען דאָס געפּרובֿט געבען פֿאַר איהם.

מיט די קורצע פֿאַר שטריכען מײן איך נישט אויסצושעפּען ד״ר לוריע׳ס טיפֿע פערזענליכקײַט און ענִיוּת. עס וועט מיר נאָך אָפֿט און אָפֿט אויסקומען זיך אומצוקערען צו דער דאָזיגער פערזענליכקײַט אין אונזער ליטעראַריש וועלטעל...

1912.XII.14

ד"ר חיים זשיטלאווסקי.

אין ניו-יארק גרייט מען זיך צו מאכען א יובילי דעם ד"ר חיים זשיטלאווסקי און מען פערבעט אויך אונז, רוסישע און פוילישע יודען, צו דעם קומענדיגען ליטעראַרישען יום-טוב. אודאי העלען מיר צו דעם יום-טוב קומען! נאר, ליידער, איז אונזער ליטעראַטור נאך אזוי אָרים, אז זי פערמאגט נאך נישט ארויסצושיקען קיין ניו-יארק א דעפוטאַציע פון ליטעראַטען (עפעס א קלייניגקייט, וואס קאסטען אָב די שיפס-קארטען!).

אָבער טעלעגראַמעס, ווינשעוואַניעס און שען-פערפוצטע אַדרעסען וועלען מיר אודאי און אודאי שיקען דעם יובילאַר. אונזערע צייטונגען וועלען אודאי ארויסגעהן אין טאג פון יובילעאום מיט א „מענשעלע“, און אין דעם „מענשעלע“ וועלען מיר, מיט גרויס טרחא פון די קוקערס, דערקענען דאס ליבע פנים פון אונזער טייערן דאקטאר. און א סך פון זשיטלאווסקי'ס פריינד און פערעהרער וועלען האָבען גרויס צער, וואס די ווארשויער ראטאציאנס-מאשינעס פערמיאוס'ן אזוי א מענשענס פנים און נעמען צו פון איהם דעם געבוירענעם חן.

שלאפט רוהיג, אמעריקאנער חברים, אייער זשיטלאווסקי'ס יובילי איז אויך אונזער יובילי, און גלויבט אונז, אז ווען ד"ר זשיטלאווסקי וואלט נישט אוועקגעפאָהרען פון אונז, וואלטען מיר אויך געמאכט דאס אייגענע, וואס איהר איצט. דען צווישען אונז גערעדט, איז זשיטלאווסקי **אונזערער** נישט ווייניגער, ווי **אייערער**.

כאטש זיינע ערשטע זאכען אונטער'ן פסעודאנים „בן אהוד“ האָבען ערשיינט אין נישט קיין יודישע דרוקערייען, אָבער אין זינען האט בן אהוד געהאט **אונז**, נישט **אייך**; אונז, די שפעטערדיגע פרייהייטס-קעמפער, נישט דעם ביזנעס-מאן אויף דאנטאון.

נאר אזוי ווי דעמאלט איז געווען אזא חושכדיגע צייט, אז מען האט זיך נישט געטאָרט רייצען אפילו מיט א פאפירענעם

שווערד, און ווער רעדט נאָך מיט אַ שווערד מיט שאַרפֿען פֿון ביי־דע זייטען — האָט געמוזט זשיטלאָווסקי פֿערוואָגעלט ווערען צו פֿרעמדע דרוקערייען אין פֿרעמדע לענדער.

אָבער געשריבען איז דאָס געווען פֿאַר אונז און געלייענט האָבען דאָס מיר; מיר, יודישע סטודענטען פֿון די שווייצערישע און דייטשע קאָלאָניעס, פֿון וואַנען מיר פֿלעגען אויף פסח און סוכּות זיך צעפֿאָהרען אין יודישע שטעטלעך מיט דעם געטראַנק, וואָס מיר האָבען געגאָסען אין די פֿרעמדע לענדער.

און דעריבער, אַמעריקאַנער חבֿרים, האָט קיין פּחד נישט — מיר האָבען נישט פֿערגעסען אונזער ליבען דאָקטאָר!

* *

*

איטליכס מאָל, ווען עס טראָגט זיך פֿאַרביי אין מיין דמיון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי'ס בילד, שווימט צוגלייך אַרויף מיין יוגענד, די גאָלדענע קינדערשע צייט, ווען איטליכס לעבענס־קעמערל אין אונז זוכט איין די נויטיגקייטען פֿון לעבען מיט צעהנדליגער מייל־לען אויף אַמאָל.

צום ערשטען מאָל אין מיין לעבען האָב איך געהערט אין יאָהר 1898 די וואונדערבאַרע ווערטער פֿון אַן אַנערקענטען, הויך־געשעצטען און געלערנטען מענשען, וואָס האָט זיך שוין געמאַכט אַ נאָמען אין דער רוסיש־יודישער און אויך אין דער דייטשער און רוסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור, אַ ז ד ײ ט ש און ר ו־ס י ש ז ײ נ ע ן ז ײ נ ע „ב ר ו י ט ־ ש פּ ר אַ כ ע ן" און י ו ד י ש — ז ײ ן „ה אַ ר צ ע ן ־ ש פּ ר אַ ך".

דאָס האָט פּאַסירט אויף דער ערשטער יודישיסטען־פֿערזאַמלונג אין באַזעל, וואָס ה' דוד פּינסקי האָט אָרגאַניזירט און אַרויסגע־שטעלט ה' זשיטלאָווסקי'ן אַלס הויפּט־רעדנער.

איך דערמאָן זיך אַ קליין קאַבינעטל פֿון אַ פּריוואַט־גע־לערנטען, אָנגעפּאַקט מיט ביכער־שראַנק און מיט אַ שרייב־טיש, וואו עס ליגען אָנגעוואָרפֿען אַלערליי בראָשורען און ספרים, נאָך נישט קיין אויפֿגעשניטענע, וואָס וואַרטען אויף זייער גזר־דין, אויף דער קריטיק פֿון דעם אמת'ן למדן.

 ד"ר ח. זשיטלאָווסקי זיצט ביים שרייב־טיש און קוקט מיט

פֿערטראַכטע בליקען אויף די גראָבע און דינע ביכער, וואָס וואַר־טען, אַז מען זאָל זיי נעמען אין די הענט. און מיט אַמאָל צידט ער אַרויס אַ שופֿלאָדעל, וואו עס ליגען „יודישע מאַנוסקריפּטען", איבערגעזעצטע „היינעס", „הערוועגס", מאמרים, נאָטיצען און אײ־גענע זאַכען. און זיינע בלאָהליכע אויגען בלאַנדזשען מיט ליב־שאַפֿט איבער די בויגענס פּאַפּיר.

מיט אַ בעזונדער ליבשאַפֿט... נישט מיט דעם בליק פֿונ'ם מחבר, וואָס טראָגט אַוועק מאָרגען זיין כתב יד צום פֿערלעגער, נאָר מיט דעם בליק פֿון אַ זאַמלער, וואָס זאַמעלט נאָר פֿאַר זיך.

די שענע וואזע, וואָס דער זאַמלער האַלט אין שראַנק — ווערט נישט פֿערשאַכערט, זי בלייבט איביג שטעהן הינטער דער גלעזערנער טיר פֿון שאַף, פֿון וואַנען זי וואַרפֿט אַ שיין אויף די גאַנצע שטוב.

ד"ר זשיטלאָווסקי'ס בעציהונג צו דעם מאַמע־לשון האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿען איינדרוק.

הער ווייסט? אפֿשר האָב איך אַ סך צו פֿערדאַנקען אָט דעם טשיקאַווען דאָקטאָר, וואָס איך בין געוואָרען אַ שטיקעל ליטעראַט ביי יודען.

פֿערגעסט נישט, ליבער לעזער, אַז אין יענע יאָהרען, ווען עס איז נאָך נישט געווען קיין זכר פֿון די אַלע פּאַראָלען, לאָזונ־גען, אני מאמינ'ס, מיט וועלכע עס איז פֿיל געוואָרען שפּעטער די יודישע גאַס — איז זשיטלאָווסקי'ס בעציהונג צו יודיש געווען אַ מין נבואה, אַ ניי פֿלענצעל, וואָס דער ערדאַרבייטער רייסט עס אַרויס ווי אַ שעדליך גראָז.

און ווען מען בעטראַכט, אַז די נבואה איז געגאַנגען פֿון טיפֿסטען האַרצען, אַז זי האָט אָנגעטרעקט דערביי די קינדערשע הערצער, וואָס זיינען אויף האַלבע נביאים — דעמאָלט קאָן מען אפֿשר ריכטיג אָבשאַצען דעם גרויסען איינפֿלוס, וואָס זשיטלאָווסקי האָט געהאַט אויף דער שפּעטערדיגער ענטוויקלונג פֿון אונזער יו־דישען קולטור־לעבען.

אום זיך אָפּצוגעבן אַ בעגריף פֿון ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, אום צו וויסען, ווי גרויס, זעהר גרויס איז געווען זיין איינפֿלוס אויף אונזער צייט, דאַרפֿען מיר געדענקען, אַז כּמעט אַלע אידעען, וואָס זיינען נוגע היינט צום יודישען סאָציאַלען לעבען און טייל־ווייז אויך צו אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן לעבען, זיינען צוערשט פֿאָרמולירט געוואָרען פֿון אונזער היינטיגעשעצטען יובילאַר. נישט אַלע מאָל אין ביכער, עפֿטער אין רעדעס פֿאַר סטודענטען.

אמת, איהם איז נישט בעשערט געווען צו שאַפֿען אַן אָרגאַניזאַציע, אַ גוף פֿאַר אַלע די אידעען. אָבער ווען נישט ער, וואָלטען אויך די שפּעטערע אָרגאַניזאַטאָרען נישט געקאָנט קיין סך אויפֿטון.

אין ד״ר זשיטלאָווסקי זיצט צוגלייך אַ שטיקעל נביא, ווי אַ שטיקעל עזרא הסופֿר. ער בעגרייפֿט די פֿאָלגענדיגע צייט בעסער, קלערער און פֿריהער ווי זיינע חברים.

ער האָט אויך אַ גרויסע פּעדאַגאָגישע בעגאַבונג, זיינע אידעען צו פֿאָרמולירען און גוט צו פּאָפּולאַריזירען.

אָבער אַזוי ווי זשיטלאָווסקי האָט די גרעסטע צייט פֿון זיין לעבען פֿערבראַכט אין בערן, אין אַ קליין שטעטעל פֿון אַ קליין לענדעל, וואו אַלץ איז אַזוי אָרים אין מענשען און קליין אין אָרגאַניזאַציעס, — האָט ער נישט געהאַט די מעגליכקייט צו געפֿינען פֿאַר זיינע קלאָרע און ניי־פֿאָרמולירטע געדאַנקען דעם נויטיגען גוף, די נויטיגע אינסטיטוציע; האָט ער נישט געהאַט די מעגליכקייט צו שאַפֿען די נויטיגע אָרגאַניזאַציע.

זיין אָפּגעריסענקייט פֿון יודישען מאַסען־לעבען האָט אויך געבראַכט דערצו, אַז זיין איינפֿלוס אויף די ברייטע יודישע קרייזען איז געווען קליין.

ס׳איז אויסגעקומען, אַז ער האָט גערעדט, געטראַכט, געשאַפֿען נישט דירעקט, נאָר דורך די מיילער פֿון די בערנער סטודענטען, וואָס זיינען זיך ביסלעכווייז צעפֿאָהרען און פֿערשפּרייט דעם זוימען, וואָס מען האָט אין זיי איינגעפֿלאַנצט אין די ענגע זאַלען פֿון בערנער דיבּוחים־אָווענדען.

אַזוי ווי עס איז שווער פֿאַר'ן פּובליקום אָבצושאַצען זשיטלאָווסקי'ס אײַנפֿלוס אויף געוויסע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, אַזוי ווי עס איז שווער צו פֿאָרמולירען, ווי ווײַט זשיטלאָווסקי האָט געענדערט אין נאַציאָנאַליסטישע קרײַזען די אָנזיכטען איבער דער נאַציאָנאַל־פֿראַגע — אַזוי שווער איז צו בעגרײַפֿען דעם גרויסען לעזער־פּובליקום זײַן אײַנפֿלוס אויפ'ן „בונד", אויף דער יודישיסטישער בעוועגונג און אַפֿילו אויף דער ענטוויקלונג פֿון אונזער ערנסטער יודישער ליטעראַטור.

און די בעסטע מתנה פֿאַר'ן בריטערן לעזער, ווי פֿאַר'ן יובילאַר ווערט זײַן, ווען אונזערע היגע און אַמעריקאַנישע ליטעראַטען וועלען צום טאָג פֿון ד"ר זשיטלאָווסקי'ס יובילײ זעהן, אַז אונזער הײַנטיגעשעצטער יובילאַר זאָל נישט נאָר זײַן הויכגעשעצט אונז, אַ קליין הײַפֿעלע אינטעליגענטען, נאָר אויך בײַם בריטען אינטעליגענטען לעזער פֿון פֿאָלק*.

אָקטאָבער 1912.

* אונזער וואונש איז מקוים געוואָרען: פון ד"ר זשיטלאָווסקי'ס געזאמעלטע שריפטען האָבען מיר שוין איצט די ערשטע פיר בענד.

ר׳ מרדכילע.

די בעסטע אתרוגים געפינען זיך אין קאָרפו און אין ארץ-ישראל, די בעסטע צעדערן — אויפן באַרג לבנון; ווילט איהר זיך מיט אַמאָל בעקענען מיט אַ גאַנצע פּאָר מנינים צוקער-קראַנקע, טאָ פוילט זיך נישט צוצופאָהרען קיין קאַרלסבאַד. אין אינדיען איז דאָ אַן ערטעל, וואו די כאָלערע הערט קיינמאָל נישט אויף צו ווילדעווען, און נישט ווײַט פון דער כינעזישער גרעניץ קאָנט איהר אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָהר געפינען אַ פּאָר חולאים, וואָס ליגען קראַנק אויף דער דזשומאַ. אין אַלע שענקען אין איטאַליען וועט איהר געפינען אַ טענאָר-זינגער, וואָס האַלט פון זיך ניט וועניגער ווי פון קאַרוזאָ, און אין שפּאַניען געפינען זיך אַזוינע ווײַנען, וואָס זײַנען סײַ זיס, סײַ שטאַרק.

ווילט איהר אָבער הערען אַ ריינעם, קלאָרען, רײַכען יודיש— טאָ פוילט זיך נישט און גערט אַוועק אין דאָס שטעטעל מאָטעלע, וואָס בײַ פינסק, פון וואַנען עס זײַנען אַרויס די גרויסע יודישע האָלצהענדלער אינאיינעם מיט די גרויסע יודישע טראַנספּאָרטירער, אינאיינעם מיט ח. טשעמערינסקי.

ח. טשעמערינסקי, וואָס האָט זיך גענומען אַ פּסעוודאָנים „ר׳ מרדכילע“, האָט דאָס נישט געטאָן צופעליג. עס ליגט אין דעם אַ טיפער רמז. און דעם רמז קאָנען נאָר די פערשטעהן, וואָס האָבען געהאַט די זכיה זיך צו בעקענען אויג אין אויג מיט אַ געבוירטיגען מאָטעלער יודען.

און דאָס איז גאָר נישט אַזוי לײַכט, ווי מען שטעלט זיך פאָר. מאָטעלע ליגט נישט ווײַט פון די פינסקער בלאָטעס. עס האָט נישט זוכה געווען זיך צו פערפּאַנצערן, ווי כינאַ, מיט הויכע מויערן, דערפאַר האָט עס בעקומען פון דער טבע אַזאַ מין פעסטונג, וואָס

איז ניט ווייניגער שטאַרק, ווי די כּינעזישע ווענט. עס זיינען ניטאָ אין קיין פֿאַבריק אַזוינע טיפֿע קאָלאָשען, וואָס זאָלען פּאַסען פֿאַר די פּינסקער בלאָטעס. און בעגלויבטע מענשען זאָגען, אַז די לאַנ־גע פֿערדישע פיס זיינען אויך צו־קורץ, אום צו קאָנען, אָהן סכנה איינגעזונקען צו ווערען, דורכגעהן בשלום אַ פּינסקער זומפּ.

און טאַקע מחמת די דאָזיגע בלאָטעס האָט מאָטעלע אָבּ־געהיט אוהר יו"ד ש, אפֿשר נאָך אַ סך ריינער, ווי אַן אמאָליגער חסיד זיינע כּונות אין די ערשטע ברכות פֿון שמונה־עשׂרה.

ווען מיר וואָלטען נישט געוואוסט גענוי, אַז ש. י. אַבּראַ־מאָוויטש איז אַ געבּירטיגער אַ קאַפּולער, וואָלטען אַוודאי די היס־טאָריקער איהם געלאָזט געבּאָרען ווערען אין מאָטעלע. דען וואו געפֿינט איהר נאָך אַזאַ יודישען אָרט אין דער רוסישער מדינה, וואו דער איינפאַכסטער מענש פֿון פֿאָלק רעדט אַזאַ רייכען, זאַפֿטי־גען, פֿרעהליכען יודיש, ווי אין מאָטעלע?

אין דער יודישער ליטעראַטור איז דער בעקאַנטסטער מאָ־טעלער יוד — אַבֿרהם שאַצקעס. קיינער, חוץ אַבּראַמאָוויטש׳ען, האָט נישט בעוויזען אַזוינע גבֿורות אין דער יודישער שפּראַך, ווי שאַצקעס אין זיין „יודישען פֿאַר פסח“.

דער צווייטער אָבער, וואָס האָט נאָך אַריבערגעשטייגט אין דער שפּראַך שאַצקעס׳ן, איז ח. טשעמערינסקי.

* *

*

חיים טשעמערינסקי האָט אָנגעהויבען שפּעט צו שרייבען. ביז צו 42 יאָהר האָט טשעמערינסקי נישט געהאַלטען פֿאַר נויטיג זיך צו דרוקען. אין מאָטעלע און אַרום מאָטעלע איז ער געווען שוין לאַנג בעקאַנט אַלס דער אָרטיגער גאון פֿון דער יודי־שער שפּראַך.

ער האָט זיך אָבער ניט געיאָגט מפֿורסם צו ווערען אין דער יודישער וועלט. איהם איז געווען גענוג, וואָס די אמת׳ע מבֿינים ווייסען פֿון איהם. און ווער איז נאָך אַ גרעסערער מבֿין, ווי אַ מאָטעלער יוד?

אין פּינסק געפֿינט זיך אַ רב דוד׳ל קאַרלינער, — האָט ער

ביז קרוב זיבעציג יאָהר פֿון זײַן לעבען נישט געוואָלט שרײַבען קיין ספֿרים. יודען רבנים, גאונים האָבען סײַ־ווי־סײַ געוואוסט, ווער רב דוד'ל איז. און ווערען אַ מחבר צוגלײַך מיט אַלע רב'לעך אין די שטעטלעך האָט זיך איהם נישט געגלוסט.

ח. טשעמערינסקי — דער גאון פֿון דער יודישער שפּראַך — האָט מן הסתם דאָס אייגענע געטראַכט, און ווען נישט „דער פֿרײַנד", וואָס האָט נישט איין טאַלענט אַרויסגעפֿיהרט אויף דער וועלט, — וואָלט ביז הײַנטיגען טאָג אפֿשר נאָך קיינער, חוץ מאָ־טעלער יודען, נישט געוואוסט פֿון ר' מרדכי'לען.

אָבער ווי עס האָט זיך נאָר בעוויזען זײַן ערשטע זאַך „די אַסיפֿה־מגפֿה" (אַ פֿאַבעל), האָט ער באַלד פֿערנומען אין דער יודישער ליטעראַטור דעם פּלאַץ, וואָס ער פֿערנעמט נאָך ביז הײַנטיגען טאָג. און אין וועלכען ער האָט נאָך ביז איצט קיין גלײַכען נישט צו זיך.

עס זײַנען פֿאַראַן מבינים, וואָס פֿערגלײַכען טשעמערינסקי'ן בנוגע צו דער רײַכקײַט, פֿיל־פֿאַרביגקײַט, לעבעדיגקײַט פֿון דער שפּראַך מיט נחום סאָקאָלאָוו, וואָס שפּילט אויף די סטרונעס פֿון דער העברעאישער שפּראַך, ווי דער גרעסטער ווירטואָז, וואָס איהם האָט נאָך קיינמאָל נישט פּאַסירט, אַז עס זאָל איהם פֿעהלען אַ וואָרט פֿאַר דעם אידעלסטען, פֿײַנסטען געפֿיהל. און נישט נאָר עס פֿעהלט איהם נישט דאָס וואָרט, — ער האָט נאָך צעהן אי־בעריגע, אום אויסצודריקען דאָס, וואָס ער וויל זאָגען.

איך בײַ ח. טשעמערינסקי'ן בעוואונדערן מיר — מיר, פּראָ־פֿעסיאָנעלע ליטעראַטען — די רײַכקײַט פֿון דעם אָרימען יודיש אונטער דער פֿעדער פֿון ר' מרדכי'לע.

עס דוכט זיך, אַז דער הויפּט־עסק זײַנער בײַם שרײַבען איז ניט אַזוי צו געפֿינען דאָס נויטיגע וואָרט, דעם נויטיגען אויסדרוק, ווי פּטור צו ווערען פֿון די צו־פֿיל ווערטער און אויסדרוקען, וואָס בעפֿאַלען איהם פֿון אַלע זײַטען און בעטען זיך רחמים, אַז מען זאָל זיי נוצען.

טשעמערינסקי'ס שפּראַך־כּח'ל (גלײַך ווי סאָקאָלאָוו'ס) לײַדט דערפֿון, וואָס ער איז שוין צו רײַך, וואָס ער פֿערמאָגט שוין צו פֿיל פֿליטערלעך, צאַצקעס און הענגעלעך, וואָס מחמת דעם ווערט

נאָך אַמאָל פֿאַרטונקעלט דער הויפּט-געדאַנק. זײַן סטיל לײַדט מער פֿון מותרות ווי פֿון אָרימקײַט.

טיילמאָל, בעת איך לייען טשערניכאָווסקי'ס רײַכן יידיש, הדכט זיך מיר, אַז די עלט-יודישע אויסדרוקן און ווערטער פֿלאַטערן אַרום זײַן אויער, ווי די שרעטעלעך, ווי שטיפֿערישע שדימלעך, וואָס ווילן פֿאַרטומלען דעם מח פֿון זייער בעל מכשף, וואָס צוימט זיי אײַן אין קלינגענדיגע גראַמען און פֿאַרשפּאַרט זיי אין קורצע שורה'לעך. און רב מרדכילע דער בעל-מכשף טרײַבט זיי אָב פֿון זיך, ווי זלידנע פֿליגען, כאַפּט אַרײַן אַ פּאָר צעהנדליג אין זײַן שטײַג און שטיקט אָב מיט אַ געלעכטערל די איבעריגע צעהנדליג שטיפֿער-יונגאַטשעס.

און מיר דוכט זיך, אַז דעם אײַנדרוק האָבן מיט מיר אַ סך, אַ סך ליטעראַטן.

* *

*

נאָר געניאַליטעט אין דער שפּראַך איז נאָך ווייניג, אַז מען זאָל אַזוי אַרײַנדרינגען אין האַרצען פֿון לעזער, ווי אונזער רב מרדכילע.

אין טשערניכאָווסקי'ן האָבן מיר דעם ערשטען יודישען פֿאַבעל-דיכטער, וואָס מעג זיך דרייסט פֿערגלײַכען מיט די גרעסטע פֿאַבעל-דיכטער פֿון דער וועלט-ליטעראַטור.

די אַלע מעלות, וואָס דורך זיי צייכענען זיך אויס די גרויסע פֿאַבעל-דיכטער, ווי, למשל, לאַפֿאָנטען, קרילאָוו, פֿערמאָגט ה. טשערניכאָווסקי אין פֿולער מאָס. ערשטענס — די פֿאָלקסטימליכקײַט פֿון דער שפּראַך; צווייטענס — די גרויסע קראַפֿט צו כאַראַקטעריזירען געוויסע מיאוס'ע מידות און רגילות'ן בײַ חיות און עופֿות אַזוי, אַז דורך דעם בילד פֿון דער חיה זאָל דורכשײַנען אַ לעבעדיגער פֿאָלקס-טיפּ. דריטענס — דעם פֿײַנעם פֿאָלקסטימליכען הומאָר, וואָס שפּריצט אַהורך איטליכע שורה און וואָס איז נישט ווייניגער פֿרעהליך אין געבײַ פֿון זאַץ, ווי פֿון דעם גראַם; פֿערטענס — דעם העכערן, טיפֿערן, געהויבענערן קוק אויף דער וועלט, וואָס טיילט איהם אָב פֿון געוועהנליכען פֿערגרעבטען פֿאָלקס-מענש און מאַכט

איהם אין אַ געווּיסען זין פֿאַר אַ פֿאָלקס־מדריך, פֿאַר אַ פֿאָלקס־דענקער און אַ פֿאָלקס־פֿילאָזאָף.

מיט איין וואָרט, ח. טשעמערינסקי׳ס משלים און סאַטירישע גראַמען, וואו ער בעגראַמט די פֿעהלער פֿון יודישען כּלל־לעבען, שטעהען אין מינדסטען נישט אָב פֿון די אייגענע בערידמטע ליטעראַרישע מוסטערן אין דער וועלט־ליטעראַטור.

איך בעדויער פֿון גאַנצען האַרצען, וואָס ר׳ מרדכי׳לע האָט זיך אַזוי צעשפּרייט און צעזייט אין פֿיל יודישע אויסגאַבען, און האָט קיין חשק נישט געהאַט צוזאַמענצוקלייבען זיינע וואונדערליכע שאַפֿונגען אין איין ווערק.

איך בין זיכער, און מיט מיר אויך אונזערע בעסטע ליטעראַטען היינטיגע, אַז טשעמערינסקי׳ס „משלים" וועלען מיט הער צייט ווערען איינס פֿון אונזערע געליבטעסטע ביכער פֿון אונזער יודישער ביבליאָטעק.

יהואש, דער פֿאַבעל-דיכטער

I

אין איטליכער ליטעראַטור זײַנען פֿאַראַן אַזוינע טיפּען פֿון בּעגאַבּטע שרײַבּער, וואָס מען ווייס נישט, וואָס זאָל מען בּײַ זיי מעהר שעצען: צי דאָס טאַלענט פֿון אַ גוטען איבּערזעצער, צי די געלונגענע פֿאָרם פֿון זייערע אייגענע נישט-בּעזונדערס אָריגינעלע שאַפֿונגען.

למשל, ווען מען נעמט דעם פּאָעט בּאָדענשטעדט אין דער דײַטשער ליטעראַטור, דעם ערשטען אויסגעצייכענטען איבּערזעצער פֿון פּושקין׳ס פּאָעזיע און פֿון דער פּאָעזיע פֿון די מאָרגען-לענדישע פֿעלקער, אָדער די רוסישע פּאָעטעסע טשיומינאַ, וואָס האָט הויך גוטע איבּערזעצונגען פֿון דער וועלט-פּאָעזיע אויך געשריבּען אייגענע זאַכען.

אין דער העבּרעאישער ליטעראַטור ווערט בּײַ פֿיל בּערקאָוויטש מעהר געשעצט ווי אַ זעלטענער איבּערזעצער, איידער ווי אַן אָריגינעלער נאָוועלען-שרײַבּער.

אין דער יודישער ליטעראַטור האָבּען מיר אויך אַזוינע צווילינגס-טיפּען פֿון שרײַבּער, און דער בּעדײַטענדסטער פֿון זיי איז יהואש, וואָס האָט איבּערזעצט אין יודיש ישעיהו, איובֿ, שיר השירים, רות, קהלת, פּרקי אָבֿות, די גרויסע ענגלישע פּאָעמע הײַאַוואַטאַ פֿון אַמעריקאַנישען פּאָעט לאָנגפֿעלאָ און אַ רייה משלים און פֿאַבּעלן פֿון עזאָפּ, לאַפֿאָנטען, לעסינג און אַנדערע.

אָבּער די דאָזיגע צווילינגס-טאַלענטען זײַנען נאָר צווילינגס פֿאַר׳ן איבּערפֿלאַכליכען אויג. טיפֿערע מענשען זעהען בּאַלד, אַז זייער הויפּט-קראַפֿט און היסטאָרישע בּעדײַטונג פֿאַר דער ליטעראַטור ליגט אין זייער איבּערזעצונגס-טאַלענט.

דאָס זײַנען על פּי רובֿ טאַלענטען, וואָס האָבן אַן עכטן געשמאַק פֿאַר דער שענער פֿאָרם, די פֿעהיגקײַט זיך צו פֿערטיפֿען אין די געדאַנקען פֿון פרעמדע שאַפֿונגען, זיי האָבן אָבער צו ווייניג אייגענע לעבעדיגע פֿאַנטאַזיע, אום צו פֿערמעהרען די רײַכקײַט פֿון דער ליטעראַטור מיט אייגענע אָריגינעלע זאַכען.

זייערע אייגענע זאַכען צייכענען זיך מעהר אויס מיט דער אָנגענעמער פֿאָרם, ווי מיט דער אייגענאַרטיגקײַט פֿון אינהאַלט. און ווען עס איז דאָ אַן אינהאַלט, איז דאָס מעהר אַ בעאײַנפֿלוסטער, ווי אַן אייגענער, פֿערזענליכער.

זייערע אייגענע זאַכען מאַכען אויך נישט מעהר דעם אײַנדרוק ווי פֿון די איבערזעצטע זאַכען, און אָפּטמאָל נאָך — אַ פֿיל שוואַכערן אײַנדרוק.

די „פֿאַבעלן" פֿון יהואש מאַכען אויך נישט דעם אײַנדרוק, וואָס דער מחבר האָט געוואָלט. ער שרײַבט אַפֿילו אין זײַן פֿראָלאָג (הקדמה) מיט גרוים עניות.

„....קליין מײַן קונסט און ווינציג (?) איז מײַן ווערק, דאָך יעדער טוי־טריף מעהרט די גרויסע שטראָמען, און יעדער שטויב, וואָס קלעבט זיך צו די בערג, פֿערגרעסערט זיי אויף אייניגע אַטאָמען"... אָבער אין דער דאָזיגער עניוות שטעקט אַ פֿערבעהאַלטענע גאוה: דען ער פֿערגלײַכט זײַנע פֿאַבעלן מיט „אַטאָמען", וואָס דאַרפֿען פֿערגרעסערן דעם באַרג פֿון די עזאָפּס, לאַפֿאָנטענס און קרילאָווס. דאָס הייסט, אַז יהואש איז בטוח, אַז זײַנע זאַכען, וואָס זײַנען געשריבען אין פֿאָרם פֿון אַ פֿאַבעל, זײַנען טאַקע באמת לויט דעם אינהאַלט נאָך אמת'ע פֿאַבעלן, וואָס פֿערגרעסערן דורך זייער צאָהל דעם פֿאַבעל־באַרג.

אין דער אמת'ן אָבער קאָן נאָר פֿערגרעסערן דעם באַרג דער „אַטאָם", וואָס איז פֿון דעם אייגענעם מין פֿעלזען־שטיין, וואָס דער גאַנצער האַרטער באַרג. ווען עס פֿאַלט אָבער אַרויף אויפֿ'ן באַרג אַן אַטאָם פֿון ווייכען זאַמד־שטיינדעל, ווערט דאָס מיט'ן פֿעלז נישט פֿערוואַקסען, און דער ערשטער ווינט בלאָזט דאָס אַרונטער.

איך האָב מורא, אַז דער איבערזעצער וועט מיט זײַנע אָרי־

גינעלע פֿאַבעל'ן האָבן דעם אייגענעם מזל, וואָס דאָס ווײַבע שטיינדעל איפֿ'ן האַרטען באַרג.

II

ווען מען פֿערגלײַכט די אַלטע וועלט־בערימטע פֿאַבעלן מיט יהואש'ס, בעמערקט מען באַלד, אַז ער האָט קיין שום חוש נישט פֿאַר דער בהמה'שער מאַסקע.

גראָד דאָס, וואָס עס מאַכט אַזוי לעבעדיג היימיש און כאַראַקטעריסטיש די פֿאַבעל, למשל, פֿון אַ קרילאָוו (לייען „דעם זיידענס משלים" איבערגעאַרבײַט פֿון ריוועסמאַן), פֿעהלט בײַ יהואש'ן כמעט אינגאַנצען. ווען ער פֿיהרט אַרויס אַ האָן, אַ הונט, אַ בער, אַ וועווערקע, אַ זינג־פֿויגעל א. אַז. וו., האָט דאָס עפּעס קיין כאַראַקטעריסטיש פּנים נישט.

און נישט נאָר די מאַסקע איז שלעכט. אויך די נאַטירליכע, אַלעמען בעקאַנטע נייגונגען און אינסטינקטיווע געוועהנהײַטען פֿון די חיות און עופֿות קומען עפּעס בײַ איהם אַרויס נישט נאַטירליך. למשל, ווען די קלאַסישע פֿאַבעל דערצעהלט, ווי אין אַ קאַלטען ווינטער האָט אַ דערפֿראָרענער גריל געבעטען נעהרונג בײַ אַ מוראַשקע, — קומט אויס דער משל גאַנץ נאַטירליך, ווײַל דאָס פּאַסט צו די ערנסטע נייגונגען פֿון דער מוראַשקע, וואָס אַרבײַט אַ גאַנצען זומער כסדר, און צו דער לײַכטזיניגקײַט פֿון גריל, וואָס טענצעלט און טערעלײַקעט די גאַנצע צײַט און זאָרגט נישט אויף שפּעטער.

אָבער ווען מען נעמט די אייגענע טעמע און מען מאַכט דערפֿון אַ מעשׂה מיט אַ וועווערקע און אַ זינג־פֿויגעל, ווי יהואש האָט דאָס געטאָן, איז דאָס אַן אומגעלומפּערטע נאָכמאַכונג, ווײַל די וועווערקע און דער זינג־פֿויגעל כאַראַקטערירען נישט פֿאַר אונז דעם לײַכטזין און פֿלײַס פֿון אַ מוראַשקע און אַ גריל.

שוין דורך דער פֿעראייניגונג פֿון בעשעפֿענישען, וואָס האָבען צווישען זיך קיין נאַטירליכען בונד נישט, וואָס טרעפֿען זיך אין דער נאַטור קיינמאָל נישט אָן, זעהט מען, ווי ווייניג יהואש האָט געכאַפּט די טיפֿקײַט פֿון דער עכטער פֿאַבעל־פּאָעזיע. איהר געפֿינט בײַ איהם „אַ זומער־פֿויגעל און אַ הריין־וואָרם" — אַן אומ־

מעגליכע פֿעראייניגונג, ווען מ'פֿיהלט ריכטיג די נאַטור; „דער גלאָק און די מעטאַלען". (עפּעס אַ זאַך מיט אַ פֿאָרם און אַ פֿאָרמלויזע זאַך). „אליהו הנביא און די הינט", „דער פֿרומער סאָסנע-צווײַג" ווײַזען אײַך, ווי ווײַט יהואש איז פֿון דער פֿאַבעל-פּאָעזיע, און ווי ער נעמט אָן אַ פּשוט'ע פּאַראַבעל (אַ נידעריגערע אַרט פּאָעזיע) פֿאַר אַ פֿאַבעל. אין דער מעשה „די מייז און די אַלטע ספֿרים" שפּרינגט פּלוצלונג אַרויס בײַ איהם אַ „קלוגער קאַמעראַד"...

קורץ און גוט, יהואש, וואָס איז טיילמאָלס אַזאַ געשמאַק-פֿולער איבערזעצער, פֿערלירט דעם געשמאַק, ווען ער וויל געבען מעהר, וואָס ער קאָן.

אַ פֿרעמדע פֿאַבעל קאָן מען אַמאָל ניט שלעכט איבערזעצען, אָבער צו געבען אייגענע דאַרף מען האָבען אַן אינטימע בעציהונג צו דער וועלט פֿון חיות, עופֿות, בהמות און אַזעלכע מענשען, וואָס זייערע תּאוות, ליידענשאַפֿטען, נאַרישקײַטען, אומבעהאָלפֿענקײַטען און טפּשות זײַנען אַזוי איינפֿאַך, פּרימיטיוו, פּראָסט און קלאָר, אַז עס איז שוין קײַן נפֿקא-מינה נישט, צי האָבען מיר פֿאַר זיך אַ *מענשענס פּנים פֿון אַ בהמה*, אָדער אַ *בהמ'יש פּנים פֿון אַ מענשען*.

III.

ווער עס קוקט נישט אויף דער וועלטס בעשעפֿענישען פֿון וועהעריקל ביז'ן הדר-יונגעל, פֿון דער טעמפּער פֿער'עסק'טער מוראַשקע אויף דער ערד ביז צום קליינעם וואָכערניק אין שטעטעל כמעט מיט די אייגענע אויגען; ווער עס זעהט נישט אַזוי, אַז תּמיד בײַט זיך אין זײַן הומאָריסטישען בליק די מאַסקע פֿון אַ טיפּישער בהמה אויף אַ מענשען מיט דער אייגענער טיפּישער גרימאַסע און די מאַסקע פֿון פּראָסטען פּרימיטיווען מענשען מיט טיפּישע תּאוות און געוועהנהײַטען אויף דער גרימאַסע פֿון אַ בהמה מיט אַזוינע טיפּישע נויגונגען — דער, וואָס פֿערמאָגט נישט דעם דאָזיגען געבוירענעם פֿאַבעל-בליק, דאַרף זיך נישט נעמען צו שרײַבען אַ פֿאַבעל.

העכסטענס, וועט דאָס אַרויסקומען אַ פּאַראַבעל, אַן איבערפֿלעכליכע צוגלײַכעניש צו עפּיס, וואָס, ווי בעקאַנט, קאָן דאָס

קיינמאָל נישט אַזוי בעפרידיגען, ווי אַ פאַבעל. ווייל, ווי בע־וואוסט, זיינען אויך די בעסטע אַנאַלאָגיעס און פערגלייכענישען — הינקענדיגע בעשעפענישען.

די בעציהונג פון פאַראַבעל צו אַ פאַבעל איז ווי די בע־ציהונג פון וויץ (וואָס גלאַנצט־אויף אַ רגע) צום עכטען הומאָר, וואָס לייכט שטענדיג מיט זיין רוהיגען ליבען שיין.

און נאָך אַ הויפט־זאַך געפינען מיר נישט ביי יהואש'ן דעם פאַבעל־מאַכער: עס פעהלט די אייגענאַרטיגע סביבה, וואָס איז אַזוי טיפּיש פאַר עכטע פאַבעלן. זיין סביבה איז נישט די לע־בעדיגע וועלט, נאָר די אויסגעטראַכטע, די ליטעראַרישע, די „קיבעצאַרניעס" פון די אַמעריקאַנער יודישע קאַפּעס.

ווען איהר לייענט דורך זיינע 70—80 פאַבעלן, זעהט איהר, אַז אין זיי שפּיגעלט זיך אָב אַ קליין וועלטעל פון די אַמעריקאַנישע קיבעצאַרניעס, מיט שלומ'ס קאַפּע בראש, וואו עס זיצען די יו־דישע זשורנאַליסטען פון דער אַמעריקאַנישער פּרעסע. זיי זיצען לאַנג ביי אַ גלעזעל קאַפּע און פערברענגען זייערע פּרייע אָוונ־דען אין גלייכווערטלעך, וויצען, שטעכעדיגע און סאַטירישע דבורים, וואָס בעציהען זיך אויף די פּאָר יודישע גדולים־ליטעראַטען אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד.

דאָרט קלייבט זיך אַמאָל אַריין אַן עמיגראַנט פון רוסלאַנד אָדער רומעניען, וואָס האָט זיך נאָך נישט אויסגעגרינט, און פיהלט אַ בענקשאַפט צו דער היים זיינער. דאָרט קומט אויך אַמאָל אַריין אַן אמת'ער גדול, אַן אַמעריקאַנער גדול, און איינער, וואָס רייבט זיך אַרום דעם גדול, אַ צוגעפּאָדרעגער גדול פון רוסלאַנד און אַ מחנה לעקערס און שמעקערס אַרום איהם.

קורץ, אין שלומ'ס קאַפּע, קומען זיך צוזאַמען איטליכען אָוונד אַ פּאָר מנינים יודען, וואָס זייער וועלטעל איז דאָס ענגע שמאָלע וועלטעל פון אַ יודישען ליטעראַרישען לעבען אין אַמע־ריקע, אָדער פון אַ יודישען ליטעראַט.

אַזאַ לעבען איז בכלל ענג און שמאָל אויך ביי די אומות העולם. ביי אונז איז עס נאָך טויזענט מאָל ענגער און שמעלער. יהואש זוכט אָבער די מאַסקע פאַר דער פאַבעל אין דער דאָזיגער סביבה, און אויך אין איהר געפינט ער זי.

מען דאַרף שוין נישט זיין בעזונדערס געניט, אום צו פֿערשטעהן, אַז אין דער דאָזיגער ניט-נאָרמאַלער סביבה — ווי אַ ליטעראַטען-סביבה — וואו אַלע די נשמות דאָרט זיינען נישט איינפאַך און וואונדערליך קאָמפּליצירט, צעבראָכען און צעשפּאָלטען, אַזוי ווייט פֿון דער פּשטות אין דער נאַטור, זעהר אָפּט קרענקליך און שטאַרק נישט נאָרמאַל — איז נישט מעגליך צו געפֿינען די טיפען, וואָס לאָזען זיך אָנטון אין דער מאַסקע פֿון אַ בהמה, וואָס איז תּמיד אַ שטיק נאַטור און ביי וועמען דער כאַראַקטעריסטישער שטריך קומט שטענדיג אַרויס בולט, גאַנץ און פֿולקומען.

יהואש'ן, דעם פֿאַבעל-דיכטער, האָט געפעהלט און פֿעהלט אַ נאַטירליכע סביבה פֿון גאַנצע פֿאָלקס-מענשען, וועלכע געפֿינען זיך אומעטום אין לעבען, חוץ אין לעבען פֿון אַ ליטעראַט, — אַז ער זאָל קאָנען געפֿינען די פּאַסיגע מענשען-מאַסקע צו דער געהעריגער בהמה-מאַסקע. און דעריבער זיינען טאַקע זיינע פֿאַבעלן מעהר צו פֿערגלייכען מיט פּשוט'ע פּאַראַבעלן (הינקענדיגע פּערגלייכענישען), ווי מיט עכטע משלים, ווי ביי די קלאַסישע פֿאַבעל-דיכטער עזאָפּ, לאַפֿאָנטען, קרילאָוו א. אַז. וו.

אום קלערער צו מאַכען דעם לעזער דעם חילוק צווישען אַ יהואש'ן, דעם נישט-געלונגענעם נאָכמאַכער פֿון דער פֿאַבעל, ווייל ער האָט נישט קיין אינעווייניגסטע בעציהונג צו איהר, און דעם עכטען, גאָט-געבענשטען פֿאַבעל-מאַכער — װעלען מיר ברענגען איינציגע פֿאַבעלן פֿון איהם און ר' מרדכי'לען.

יהואש:

דער האָן און דער פּערל.

אַ האָן, זיך גריבלענדיג אין מיסט מיט פֿליים (?),
האָט דאָרט דערוויסט
אַ פּערל פֿון הויכען פּרייז (?)
און נאָך אַ קורצען ביים
האָט ער אַוועקגעשליידערט איהם אויף גיך...
דערביי האָט ער גערעדט צו זיך,
זיך קרימענדיג פֿון עקעל:
„אַזאַ מין נישטיג ברעקעל,
און איך האָב נאָך צוגעשט

געמיינט, להבדיל, עס איז אַ גערשט".

ר' מרדכילע:

דער האָן און דער פּערל.

גראַבלט זיך אַ האָן
און טאַפּט אָן
אין שטויב אַ קערנדיל אַ האַרטס.
אַ שאַר, אַ פּיק,
און אַ וואָרף צוריק מיט האַרץ.
מיט'ן קאָפּ
אַ דרעה,
און מיט טראָפּ
אַ קרעה:
— אומזיסט,
צושאַרט אַזוי פיל מיסט!
געמיינט — אַ קערן
צו דערנעהרען,
אַ האָבער, צי אַ גערשט,
ערשט —
נאַ דיר גאָר אַ פּעריל!

דער אומפּאַרטייאישער זעהט באַלד, ווי גרויס דער חילוק איז צווישען ביידען. ביי יהואש'ן, חוץ די אָנגעוויזענע פעהלער, איז דער האָן, אַלס פאַבעל־פיגור, טויט. ביי ר' מרדכי'לען אָבער לעבט ער און דרעהט זיך מיט דעם נאַטירליכען הענדעלשען חן.

„אַ צדקה־באַל ביי חיות"

(וואו עס מאַלט זיך אַן אסיפה פון אַלערליי חיות).

און אָנגעקומען איז דער גרויסער טאָג...
פון אַלע ווינקלען, אַלע היילען
געגעבען האָבען זיך אַ טראָג
פערפיצטע (?) טיגערס, לעמפּערטען און בערען,
און פיקס און וועלף און נאָך אַזעלכע געסט.

ר' מרדכילע:

מגפה־אסיפה.

אָנגעקומען אַלע פּערען,

וואו אַ קהל׳שער פּאָטער:
פּיפּערנאָטער,
אַייז־בערן
אין די ווײַסע קיטלען,
סויבעלנע היטלען,
עלקענע שטרײַמלען מיט עקען,
לעמפּערטען אין ראַצעמאָרענע
זשופּיצעס מיט פֿלעקען,
העלפֿאַנדען נאָזענדיגע
וכדומה יאָדערדיגע,
גילדערנע אָדערדיגע,
שווער־לײַביגע, וואָילגעבאָרענע
גאָטס־סטראַפּטשעס געשוואָרענע...

בײַ יהואש׳ן האָט איהר טיגערס *פֿערפּוצטע* (אַ טויט וואָרט), און בײַ ר׳ מרדכי׳לען, וואָס זעהט אין זײַן פֿאַנטאַזיע. די חיה מיט איהר בויג, איהר קעהר, מיט איהר כאַראַקטעריסטישען פּעלץ־שווימען אַרויס „אַייז־בערן אין די ווײַסע קיטלען, סויבעלנע היטלען“ א. אַז. וו.

בײַ יהואש׳ן זײַנען די מאַסקעס פֿון חיות און עופות טויט. ווי ווערען זיי אָבער טיפּיש לעבעדיג בײַ ר׳ מרדכי׳לען! למשל, אָט האָט איהר בײַ איהם אַ הון, סײַ פֿאָלקסטימליך ידישליך, סײַ אַ כאַראַקטעריסטישע הון:

אַ הון אַן אֵשת חיל
איז יומם ולילה
איך אייער זיך געזעסען...
אָט פֿידה׳ט זי אויס אַ דור,
קינדערלעך געראָטען.
זי וועט זיי מגדל זײַן,
ווי גאָט ברוך־הוא האָט געבאָטען,
און אַז דער אויבערשטער וועט געבען,
וועט זי אפשר נאָך דערלעבען
זיי בעזעצען איך אויף אייער,
און מיט איהר אַלטען הענדעל־קרעהער

גֶעדן אַ כּשר־טאַנץ אין שלייער.
אָדער:

אַ צויג אַקבּצנ'טע, פֿער'חלש'ט און פֿערוויסט,
ליגט אויף אַ שמוציגען
פֿרעמדען בּערגעל מיסט
מיט איהר זויגעדיגען צוציקען
בּײַ די דאַרע בּריסט.

אָדער אַן עקסעל:

האָבּען מיר אַ מוהמע,
אַ פּרה אַדומה,
אַ האַרציגע, אַ פֿרומע
און זי האָט אַ בּיקעל
אַ בּחור'ל אַן אַנטיקעל,
אַ גרײַליכֿער לערנער
מיט גוואַלדיגע כּחות,
צושטויסט מיט די הערנער
די שאַרפֿסטע בּעל מחות.

אָדער אַ האָן אין זײַן קלאַסישער פֿאַבעל „משיח'ס צײַטען":

אויף אַ בּוים אַ הויכֿען שטעהט
אַ גאַלאַגאַנער האָן און קרֶעהט,
גאָרגעלט, דרֶעהט,
ווי אַ חתן־בּחור אַן אָבּגעאַכֿטער,
ציהט איף זיבּען קלאַפֿטער
דעם שלשלת אין אַ מפֿטיר...

אַלע די געבּראַכֿטע פֿערגלײַכֿען און ציטאַטען פֿון דעם עכֿ־טען פֿאַבּעל־דיכֿטער ר' מרדכי'לע ווײַזען, דוכֿט זיך, דעם לעזער מעהר ווי טויזענטער ראיות, אַז יהואש האָט זיך גענומען נישט פֿאַר דער ריכֿטיגער מלאכה, אַז ער האָט מיט זײַן בּוך נישט פֿער־גרעסערט דעם „בּאַרג פֿון די פֿאַבּעלן", נאָר נאָך איהם אַ בּיסעל פֿערמיסטיגט. און איך האָבּ מורא, אַז דער גוטער איבּערזעצער־נאָמען פֿון יהואש זאָל נישט אַרײַנפֿיהרען דעם נאַאיווען לעזער

אין אַ מכשול, און ער זאָל ניט מיינען טאַקע, אַז יהואש'ס פֿאַבעל־בוך מעג דינען פֿאַר אַ מוסטער פֿאַר דער דאָזיגער אַרט פּאָעזיע.

איבעריגענס, גראָד דאָס פּשוט'ע פֿאָלק איז אַ מבֿין אויף אַ גוטער פֿאַבעל, און איך גלויב נישט, אַז עמיצער וועט זיך לאָזען אָפּנאַרען דורך דעם נאָמען פֿון אַ שרײַבער, וואָס גיט שלעכטע פֿאַבעל־מוסטערן.

תשר״ק'ס בעסטע ערצעהלונגען.

(שריפטען אין 4 בענד. ניו־יאָרק).

תשר״ק איז דער פסעוודאָנים פֿון ישראל זעווין, וואָס איז מיט 23 יאָהר צוריק אַוועק קיין אַמעריקע און זיך בעזעצט דאָרט אויף שטענדיג.

כאָטש ער שרייבט אין די אַמעריקאַנישע בלעטער אינגאַנצען אַ יאָהר 17, פֿונדעסטוועגען רעכענט ער זיך שוין צו די „אַלטע“. אין דעם פרט איז אַמעריקע נישט בעסער פֿאַר רוסיש־פוילען. מען אוספייעט נאָך נישט צו בעקומען גראָהע האָר אין די פאות, — ווי עס קומען שוין צו געהן יונגלעך אָהן וואָנסען און מען איז משלה דעם נעכטיגען „יונגען“ אין אַרכיוו פֿון די „אַלטע“, אין דעם שמות־קאַסטען, וואָס שטעהט געוועהנליך ביי דער טיר פֿון בית־המדרש.

אין רוסלאַנד קען מען תשר״ק'ן זעהר וועניג, און די סיבה דערפֿון איז די, וואָס, ערשטענס, האָט ה' זעווין קיינמאָל נישט געשריבען קיין דראַמעס (ווי ליבין און קאָברין, וואָס האָבען אָנגעהויבען שרייבען כמעט אין דער אייגענער צייט); צווייטענס, דערפֿאַר, וואָס זיינע מעשה'לעך, משלים, סקיצען, בילדער זיינען שוין צו־קליין, צו־וועניג טעכניש אויסגעאַרבייט, צו־וועניג קינסטלעריש, אַז עס זאָל זיך לוינען איינציגווייז זיי צו ברענגען אין אונזערע היגע אויסגאַבען. מעג מיר ה' תשר״ק מוחל זיין, — אָבער דאָס מוז איך זאָגען: איטליכע סקיצע פֿון תשר״ק'ן איז צו־וועניג בעדייטענד, צו־פלאַך, אַז מען זאָל זיך קאָנען מיט איהר בעזונדערס פֿעראינטערעסירען. נאָר אין אַמעריקע קאָן מען זיך ערלויבען אָנצורופֿען מיט'ן נאָמען „ערצעהלונגען“ אַזאַ מין ליטעראַרישען זשאַנר, וואָס איז זעהר אָפֿט עהנליך צו אַן אַנעק־

דאָט, צו אַ בעאַרבייטער צײַטונגס־נאָטיץ, צו אַ ליטעראַריש־געשרײ־בענעם פּראָטאָקאָל פֿון געריכט, א. ד. גל.

נאָר חוץ די אורזאַכען, פֿאַרוואָס מען איז פֿאַרבײַ פֿאַר תּשר״ק׳ן, — איז דאָ נאָך איינע. און די אורזאַך איז טאַקע אַ מעלה, וואָס מיר געפֿינען דאָס נאָר בײַ געצעהלטע אַמעריקאַנער. תּשר״ק איז געווען אַזוי קלוג, אַז ער האָט זיך גיך בעפֿרײַט פֿון די פֿעדים, וואָס פֿערבינדען איהם מיט דער אַלטער היים. פֿון זײַנע סקיצען, מעשה׳לעך, משלים שמעקט נישט מיט׳ן ריח פֿון די רוסיש־יודישע קליינע שטעטלעך. ער קומט נישט צו אונז מיט דער וויינענדיגער בענקשאַפֿט פֿון אַלע אונזערע אימיגראַנטען, וואָס קאָנען נישט פֿערגעסען דעם קרופּניק און דעם טשאָלענט פֿון דעם אָרימען יודישען שטעטעל. ער האָט זיך גיך „אויסגעגרינט" און בעקומען אָפֿענע אויגען פֿאַר דער וועלט, אין וועלכער ער האָט זיך גענומען אַ פֿעסטען הסכּם אַרײַנצושלאָגען די פֿלעקער פֿון זײַן געצעלט. און אָט טאַקע מחמת אָט דער מעלה איז ער פֿאַר אונז, קליין־שטעטלדיגע יודען, געווען נישט בעזונדערס אינטערעסאַנט, אפשר אויך שטאַרק נישט פערשטענדליך.

מען קאָן אַפֿילו נישט זאָגען, אַז תּשר״ק בענוצט שוין צו־פֿיל דעם ענגליש־אַמעריקאַנישען זשאַרגאָן אין זײַנע סקיצען. אומגעקעהרט, אין דעם פּרט איז ער אַ סך ריינער פֿון זײַנע קאָלעגען אַמעריקאַנער. מען קאָן אויך נישט זאָגען, אַז תּשר״ק האָט שוין געשריבען אַ צו־גוטען יודיש, אַז ער זאָל דעריבער ווערען אומפֿערשטענדליך פֿאַר׳ן געוועהנליכען לעזער, וואָס האָט זיך אָנגעלייענט פֿריהער מיט דעם „דײַטשמעריש" פֿון שמ״ר, בלאָשטיין און קאָמפּ. אַדרבא, זײַן לשון איז שטאַרק אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון דער שמ״ר׳שער שפּראַך. אָבער דער אינהאַלט פֿון זײַנע זאַכען איז צו־פֿרעמד געווען פֿאַר׳ן געוועהנליכען לעזער אין רוסלאַנד, אַז אונזערע פֿערלעגער זאָלען וועלען איהם בעקענען מיט׳ן רוסיש־יודישען לעזער. דעריבער איז תּשר״ק בײַ אונז אַ סך וועניגער בעקאַנט, ווי אַ סך פֿון זײַנע קאָלעגען אַמעריקאַנער שרײַבער, וואָס צעהלען זיך צו די „יונגע" און קאָנקורירען מיט אונז אין אַלערליי מעשיות און בילדער פֿון יודישען אָרימען שטעטעל מיט זײַנע אָרימע דערשלאָגענע נפֿשות.

* *

*

איינציגווייַז האָבען תּשר״ק׳ס „ערצעהלונגען״ נישט קיין גרוי=
סען ווערט. לייענט מען אָבער דורך די פיר בענד אויף אַמאָל, בע=
קומט מען גאָר אַן אַנדער אײַנדרוק. תּשר״ק איז אייגענטליך מעהר
פובליציסט און קריטיקער לויט זייַן טאַלענט נאָך, ווי בעלע=
טריסט. די מעשה׳לע, דער משל, דער אַנעקדאָט איז מעהרסטענ=
טיילס בייַ איהם אַ מיטעל, אום קלאָר צו מאַכען זייַן פובליציסטי=
שען אָדער קריטישען געדאַנק, מיט וועלכען ער קוקט זיך צו
צו דער וועלט. פון זייַנע פיר בענד שייַנט אַרויס אַ גייַסט, וואָס
האָט אַן אויג צו אַליץ, וואָס קומט פאָר אין יודישען און מענש=
ליכען לעבען; ער זעהט די בעציהונגען פון „יעקב און עשו״;
ער זעהט, ווי עס קלאַפּט דער יודישער אָדער אין די פערפלאָנ=
טערטע צופאַלען פון אַן אַסימילירטען אַמעריקאַנער ברודער („אי=
בער געוואַלט ביזטו אַ יוד״); ער האָט אַן אויג פאַר דעם, וואָס
עס טוט זיך אין „די הויכע פענסטער״; ער שמייכעלט מיט אַ
מילדען אומעטיגען שמייכעלע, ווען ער דערצעהלט אונז אַ רייה
מעשיות אונטערן טיטעל „אַמעריקאַ גנב״, וואו ער ווייַזט אונז
די קונצלעך און שטיקלעך פון דעם אַמעריקאַנער, ווען ער וואַרפט
זיך מיט אַ הונגעריגען אימפּעט אויף אַ שטיקעל „ביזנעס״ און זוכט
מיט ליכט אַ שטיקעל אָרימע פרנסה פאַר זיך. אין דער סעריע
סקיצען „יונג און אַלט״ זעהט ער דעם צער פון די אַלטע און
יונגע; פון די „אַלטע״, וואָס דאָס נאַרישע לעבען מאַכט זיי צו=
פריה אַלט, און פון די „יונגע״, וואָס פערלירען שוין אין דער
יוגענד דאָס רעכט צו זייַן „יונג״. אַ גאַנצער באַנד ווערט אָפּגעגע=
בען בייַ איהם צו דער אייביגער טעמע „מענער און פרויען״, וואו
מען פיהלט, אַז תּשר״ק זעהט אַ סך טראַגעדיעס און קאָמעדיעס
פון יודיש=אַמעריקאַנישען פאַמיליען=לעבען, אַז ער האָט צוגלייַך
אַן אָפענעם בליק פאַר דעם גרויסען רעטעניש, וואָס מען רופט
דאָס אָן מיט׳ן נאָמען „פרוי״, „ווייַב״, „כלה=מיידעל״.

און איבער אַלע די מעשיות פערשפּרייט זיך ווי אַ נעץ
די לופט, די אַטמאָספערע, דער לאַרים און הו=האַ פון דער
גרויסער וועלט=שטאָט ניו=יאָרק מיט איהרע איבער=ערדישע, אונ=

טער־ערדישע באַהנען, איילענדיגע עלעקטרישע טראַמס און פֿליהענדיגע אַוטאָמאָבילען; מיט אידיע „מיוזיק־האָלס“, טעאַטערס, מיטינגס; מיט אידיע לעדיס, באָרדערס, באָרדערקעס, מיסיסען און גערלס. איהר פֿערגעסט נישט אַ מינוט, אַז דאָ רעדט מיט אַייך אַ מענש, וואָס איז שוין ווײַט־ווײַט אַוועק פֿון אַייער טויטען פֿערגליווערטען שטעטעל, וואו דאָס לעבען בעוועגט זיך לאַנגזאַם ווי אַ וואָרים. עס אַנטפּלעקט זיך פֿאַר אַייערע אויגען אַ בילד פֿון אַ שטאָט און פֿון אַ יודישען לעבען אין אַ שטאָט, וואו עס שטראָמט לעבען פֿון אַלע ווינקעלעך, וואו עס צאַפּלען זיך און קוילערן זיך מענשען, געפּײַניגטע פֿון אַלערליי תאוות און פֿון ביטערסטען צער.

דערבײַ פֿיהלט איהר, אַז דער אַוטאָר איז עפּעס אַ טשיקאַווער מענש. ער פֿיהרט אַייך דורך די וואונדערליכע שטאָט נישט מיט אַ פֿערביסענקײַט פֿון איינעם, וואָס איז געוואָרען פֿון דער שטאָט צעטראָטען; נישט ווי אַ פֿער׳הלומ׳טער מענש, וואָס צילט שטענדיג צו געפֿינען אַ בלימעל, אַ בוימעל אין טומעל פֿון די גאַסען; אויך נישט ווי אַ זיגער, וואָס האָט בעזיגט די שטאָט מיט אַלע איהרע הייהלען און גרובען. און האָט שוין פֿאַר איהר קיין מורא נישט. תשר״ק האָט גאָר עפּיס אַן אַנדער פּנים. מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּען דערצעהלט ער אַייך צעהנדליגער וויציגע אַנעקדאָטען, נאָר נישט דאָס איז ער אויסען. ער איז שטענדיג אויסען עפּיס אַ מאָראַלישען געדאַנק אַרויסצוזאָגען. נאָך איידער איהר האָט געענדיגט לאַכען פֿון זײַן וויץ, בעדעקט זיך שוין זײַן פּנים מיט אַן ערנסטען אויסדרוק, און פֿון זײַנע ליפּען טראָגען זיך די ווערטער פֿון אַ מדריך, אַ לעהרער, אַ פֿאָלקס־ערציהער. ער פֿערקריכט נישט אין טיפֿע פֿילאָזאָפֿיעס, ער זעהט, אַז איטליכע זאַך, וואָס ער ווײַזט און דערצעהלט, זאָל בעקומען פֿאַר אַייך מעהר ווערט, ווי דאָס זעהט אויס אויפֿ׳ן ערשטען בליק.

דען תשר״ק איז פֿאָרט מעהר פּובליציסט און קריטיקער פֿון אַ דעמאָקראַטישען פֿאָלקס־לעבען, ווי דער ריינער קינסטלערישער ערציהלער.

*

איינע פֿון די הויפּט־מעלות פֿון תשר״ק׳ס פֿיר בענד איז דער לײַכטער אומעטיגער הומאָר, וואָס איז פֿערשפּרייט איבער

אַלע זײַנע זאַכֿען. מען פֿיהלט, אַז די טעגליכֿע צײַטונג האָט בײַ אונז צוגענומען אַ טאַלענט, וואָס האָט געקאָנט ווערען אַ פֿיל בעדײַטענדערע פֿיגור אין אונזער ליטעראַטור, ווי איצט.

תּשר״ק ווייסט דעם סוד, אַז עס איז נישטאָ אַ זאַך אויף דער וועלט, פֿון וואָס מען זאָל נישט קאָנען לאַכֿען. נישט אָבלאַכֿען, נאָר לאַכֿען. אין תּשר״ק׳ן לעבט אַ פֿילאָזאָפֿישער קוק אויפֿ׳ן לעבען, וואָס שטעהט העכֿער פֿון דעם גאַנצען טומעל, וואָס מיר רופֿען דאָס אָן „לעבען“. ער זעהט דאָס נאַרישע, נישטלאָגישע אין אַלע אונזערע געדאַנקען און טועכֿצען און שמייכֿעלט דערבײַ מיט אַ מילדען אומעטיגען שמייכֿעל. טײלמאָל מאַכֿט אויף מיר תּשר״ק אַן אײַנדרוק פֿון אַ מענשען, וואָס ער אַליין האָט זיך שוין פֿון אַלץ אָבגעזאָגט; ער האָט נאָר הנאה דערפֿון זיך צוצוקוקען צו אַ שפּיל, מיט וואָס קינדער האָבען זיך אַזוי ליב צו שפּילען. און אַזוי ווי תּשר״ק האָט ליב דאָס גרויסע קינד, דאָס פֿאָלק אין אַלע זײַנע פֿאָרמען, — הערט זיך פֿון זײַן לאַכֿען אָפֿטמאָל מעהר ליבע, אומעט, ווי פֿערביטערטקײַט.

אין אַלגעמיינעם האָב איך פֿון תּשר״ק׳ס ווערק בעקומען דעם אײַנדרוק, אַז, ווי אינטערעסאַנט ס׳איז נישט פֿאַר מיר זײַן ווערק — וואָלט נאָך אַ פּשר אַ סך אינטערעסאַנטער פֿאַר מיר געווען דער מענש, וואָס האָט זיך — ווי מיר דוכֿט — נאָר אין אַ קליין־ווינציג טייל געגעבען אין זײַן ווערק.

די אַמעריקאַנישע קריטיק איבער תּשר״ק׳ס פיר בענד וועט בעווײַזען, ווי ווײַט מיר, רוסישע קריטיקער, זײַנען געוועלט אין דער אָבשאַצונג פֿון ה׳ תּשר״ק אַלס ליטעראַט און אַלס מענש. אָבער דאָס מוז איך שוין הײַנט זאָגען: איך פֿיהל, אַז די פֿיר בענד פֿון תּשר״ק׳ס סקיצען האָבען מיך, בײַ אַלע זייערע פֿעהלער, בעקאַנט געמאַכֿט מיט אַ מענשען, וועלכֿע אונזער יודיש־ליטעראַריש וועלטיל האָט, ליידער, נאָך נישט קײַן סך. און שוין דערפֿאַר אַליין בין איך דאַנקבאַר צוגלײַך מיט ה׳ זעהן דעם ה׳ מיניקעס׳ן, וואָס האָט נישט געשאַנעוועט קײַן צײַט און מיה צו זאַמלען און אַרויסצוגעבען תּשר״ק׳ס ווערק.

נ. סאָקאָלאָוו.

אויסגעוועהלטע שריפטען (יודיש).

פֿון די 24 זאַכֿען, וואָס דער פֿערלאַג פּ. קאַנטאָראָוויטש האָט אַרויסגעגעבען אין יודיש אונטער דעם טיטעל „אויסגעוועהלטע שריפֿטען" — זײַנען צוועלף זאַכֿען איבערזעצונגען פֿון העבראיש, צעהן — אָריגינעלע יודישע, און וועגען צווײ זאַכֿען (וואָס פֿעהלען, ווי עס פּאַסט פֿאַר יעדער נישט-סאָלידער אויסגאַבע, אין אינהאַלטס-פֿערצייכֿעניש — „צו קבֿר ישראל" און „אַ נײַהטאָרין") ווייסען מיר בכֿלל נישט, צי זיי זײַנען אָריגינעל יודיש אָדער העבראיש (איך בין אָבער משער, אַז זיי זײַנען אָריגינעל). הייסט עס, אַז פֿון 24 זאַכֿען בעשטעהט אַ העלפֿט פֿון איבערזעצונגען. איך בין נישט אויסען צו פֿיהרען וכּוחים מיט'ן הער פֿערלעגער. זאָל דער לעזער אַליין אורטיילען, צי האָט עס געהאַט אַ זין אַרויסצוגעבען אין י ו ד י ש סאָקאָלאָווס „אויסגעוועהלטע שריפֿטען", בעת אַ העלפֿט בעשטעהט פֿון איבערזעצונגען.

נאָר בכֿלל האָט ה' סאָקאָלאָוו נישט קיין מזל צו זײַנע פֿערלעגער. פֿאַר זיבען יאָהרען, ווען מען האָט צו זײַן 25-יעהריגען שרײַבער-יובילײ אַרויסגעגעבען אין העבראיש זײַנע „כּתבֿים נבֿחרים", אַ באַנד פֿון 40 דרוק-בויגען, — האָט עס אויך נישט געמאַכֿט דעם אײַנדרוק, וואָס מען האָט געקאָנט ערוואַרטען פֿון אַ בוך, וואָס דאַרף אָבגעבען דין וחשבון פֿון אַ בעדײַטענדען ליטעראַט און פֿון אַ מענשען, וואָס שטעהט שוין צעהנדליגער יאָהרען אַזוי נאָהענט צום יודישען לעבען און זײַנע פּראָבלעמען. דאָס בײַליגע בוך איז עפּעס אײַנגעזונקען געוואָרען, ווי אַ ציגעל אין וואַסער; מען האָט פֿון איהם כּמעט קײַן נאָטיץ נישט גענומען. די קריטיק האָט זיך מיט איהם קנאַפּ וואָס אָבגעגעבען. און שול-

דיג איז געווען דער פֿערלעגער (דער דעמאָלדיגער יובּיליי־קאָמי־טעט), וואָס האָט אין איין אַיילעניש אויסגעשניטען הונדערטער מאמרים און מאמרים׳לעך פֿון אַלטע און נײַע „הצפֿירה׳ס“ און אָהן אַ שום קריטיק דאָס פֿעראייניגט אין איין בּוך. די פֿערלע־גער האָבּען, נעבּיך, נישט געוואוסט, אַז אַ הויפּען ציגעל זײַ־נען נאָך נישט קיין בּנין, אַז אַ פּאַק מאמרים זײַנען נאָך נישט קיין בּוך — און זיי האָבּען מיט גרוים תּמימות אָנגערופֿען דעם הויפֿען מאמרים — „כּתבים נבחרים“.

און אפֿשר זײַנען די פֿערלעגער גאָרנישט שולדיג? אפֿשר האָבּען זיי בּכלל נישט קיין פֿאָרשטעלונג פֿון סאָקאָלאָװ׳ן דעם מענשען, דעם ליטעראַט, זשורנאַליסט, פּאָליטיקער און רעדנער? אפֿשר שטעהען זיי פֿאַר איהם ווי צעמישטע, וואָס קאָנען זיך נישט אָבּגעבּען קיין חשבּון וועגען אַ מענשען, וואָס האָט אַזוי פֿיל גלאַנצענדיגע קאַנטען אין זײַן נשמה, וואָס איז אַזוי פֿילזײַטיג און וואָס קומט צו זיי אַלע טאָג מיט אַ נײַער מאַסקע אויפֿ׳ן פּנים, מיט אַן אַנדער שמייכעלע אויף די ליפּען? און העריבּער טאַקע האָבּען זיי זיך גענומען צו דער אַרבּײַט אָהן אַ שום קריטיק, ווײַל זיי, די קליינע מענשעלעך מיט דער התפּעלות אין זייע־רע קליינע הערצעלעך, מיט דער התפּעלות פֿאַר אַ גײַסט, וואָס איז פֿילזײַטיגער, ווי זיי — האָבּען מורא געהאַט זיך אַרײַנ־צומישען אין אַן ענין, וואָס איז העכער פֿאַר זייער הינערשען שכל?

ווי די מעשה איז — און איך רעכען, אַז די לעצטע ער־קלערונג איז קרובֿ לשכל, — נ. סאָקאָלאָוו האָט בּעקומען אַ בּאַנד אַלטע און נײַע צופֿעליגע מאמרים, אָנשטאָט זײַנע „כּתבים נבחרים“.

דאָס אייגענע, אין קלענערן מאָסשטאַבּ, האָט איצט פּאַ־סירט מיט זײַנע „יודישע“ געקליבּענע שריפֿטען. קיין מענש האָט זיי נישט געקליבּען; מען האָט זיי פּשוט צוזאַמענגעוואָרפֿען אין איין זאַק, — און אין אַזאַ געשטאַלט האָט מען זיי דערלאַנגט דעם יודישען לעזער: נאַ, עפֿען דעם זאַק. וואָס אַרויסצוואַרפֿען און וואָס צו געניסען — איז שוין דײַן עסק, — נישט מײַנער, דעם פֿערלעגערס.

* *

*

פֿון די 24 זאַכֿען האָבען אַ דריטעל כמעט נישט די ווערדע פֿון אַ גוט דערצעהלטען אַנעקדאָט. אַלס בײַשפּיל קאָן מען נעמען: „בעריל פּופּיק“, „נישט אומזיסט“, „צו קבֿר ישראל“ א. א. וו. מען האָט געקאָנט דעם אַנעקדאָט בעסער דערצעהלען, און איך בין בטוח, אַז דער ערשטער, וואָס וועט מאַכֿען אַ ברכֿה „ברוך מחיה המתים“, בשעת ער וועט דאָס לייענען, וועט זײַן נ. סאָקאָלאָוו אַליין. ער וועט אָבער געווים נישט וואַרטען, אַז דער לעזער זאָל ענטפֿערן אויף זײַן ברכֿה „אָמן“. די „מתים“ האָבען געמעגט רוהען אין די געלע צעשפּאָלטענע בלעטער פֿון „הצפֿירה“ און „טעלעגראַף“.

אַ טייל זאַכֿען דריקען אויס דאָס פֿײַער פֿון זײַן נאַציאָנאַליסטישער ציוניסטישער אמונה, ווי „די מלחמה מיט די שטערען“ (אַ רמז׳ל אויף „אונזערע“ געגנער. וואָלוועלע פּאָלעמיק!), „אַ שטיין ביזטו אַמאָל געווען“, „די אַלטע הגדה“ א. א. וו.

אַ טייל ווידער („יענטע דער גבאי׳טעס אייניקעל“, „איזידאָר ברײַנדעלעס“, „שטויב“, „אין גלות“) זײַנען קליינע רמזימ׳לעך אויף די ערשײַנונגען פֿון דער רעגענעראַציע אין יודישען לעבען, פֿון נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט בעטראַכֿט. די איינציגע זאַך, וואָס דאַרף ווירקען אויף אונז שטאַרק, איז „אליהו הנבֿיא׳ס כוס“, נאָטיצען פֿון אַ מענשען, וואָס האָט דורכֿגעלעבט דעם קישינעווער פּאָגראָם. ווײַטער די איינציגע זאַך, וואָס דאַרף אונז פֿערוועבען מיט דער פּאָעזיע פֿון „שענע זומערדיגע טעג“, איז „דער מלאך פֿון רעגען“, וואו מיר געפֿינען אַ דורכֿגעפֿיהלטע זומער־לאַנדשאַפֿט, אַ ביסעל געמאָלט מיט׳ן פּענזעל פֿון אונזער אַלטען רבֿ מענדעלי. די איבעריגע זאַכֿען (כלומר׳שט טיפּען פֿון מענשען, סצענקעס) זײַנען בלײַשטיפֿט־צייכֿענונגען, האָבען נישט מעהר ווערדע פֿאַר׳ן לעזער, ווי די צופֿעליגע פֿערצייכֿענטע ליניען און שטריכֿען אין דעם נאָטיץ־ביכֿעל פֿון אַ מאָלער. בכלל מאַכֿט דער ערשטער באַנד „אויסגעוועהלטע שריפֿטען“ אַ שוואַכֿען איינדרוק. דער לעזער, וואָס האָט זיך שוין צוגעוועהנט, אין אַ משך פֿון יאָהרען, צו אַ בעסערע, מעהר קינסטלערישער יודישער ליטעראַטור — וועט אַוועק־

לעגען דאָס בוך מיט אַ גרויסער נישט־צופֿרידענקייט. און די נישט צופֿרידענקייט וועט נאָך וואַקסען ביי איהם, וויבאַלד ער וועט אָנהויבען צו פֿערגלייכען דעם נ. סאָקאָלאָוו'ן פֿון זיין דמיון מיט דעם פֿון די „אויסגעוועהלטע שריפֿטען".

* *
*

נאָך פֿאַר דעם קריטיקירטען בוך איז אַרויס ביי דעמזעלבען פֿערלעגער די ביאָגראַפֿיע פֿון נ. סאָקאָלאָוו מיט דער כאַראַקטעריסטיק זיינער. די לעצטע האָט געשריבען דער אַמעריקאַנישער שרייבער אַב. גאָלדבערג. וואָס איז שייך צו דער ביאָגראַפֿיע, איז זי געשריבען אין נאַאיווען סטיל פֿון די ביאָגראַפֿיעס וועגען אַן אַלטען גאון. הוץ דעם פֿאַקטישען מאַטעריאַל אין איהר, האָט זי קיין שום ווערדע נישט. די כאַראַקטעריסטיק, פֿערקעהרט, בעוויזט, אַז אַב. גאָלדבערג האָט זיך ערנסט פֿערטיפֿט אין דער פֿילזייטיגער, רייך־בעגאַבטער נשמה, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען סאָקאָלאָוו. ווען אויך נישט אין אַלץ קאָן מען זיין מיט איהם איינשטימיג, אָבער אין איין זאַך מוז מען מיט איהם מסכים זיין: מען בעגרייפֿט די פּערזענליכקייט סאָקאָלאָווס צו־איבערפֿלעכליך. זי איז פֿיל טיפֿער, רייכער און האַרציגער, ווי זי דוכט זיך אונז אויס, דערנאָך ווי מיר לעזען פֿון איהם נאָר עטליכע צעהנדליג אַרטיקלען. מען מוז זיין אַ פֿיינער ליטעראַטאָר און מענשען־קענער, אום צו קאָנען אַרויסגעפֿינען אין דעם מבול פֿון סאָקאָלאָווס מאמרים דאָס גאָלד פֿון זיין נשמה. און נאָך מעהר ליטעראַרישער קענער מוז מען זיין, אום מיט דער נויטיגער קריטיק און דעם נויטיגען טאַקט צו קאָנען צונויפֿקלייבען דאָס גאָלד אין דעם הויפֿען זאַמד. מעגליך, אַז סאָקאָלאָווס „כתבים נבחרים" וועלען דעמאָלט פֿערלירען זייער כמות, זיי וועלען שטאַרק מאָגערער ווערען, אָבער זיי וועלען געווינען דעמאָלט אין אונזערע אויגען דורך דעם וואַרימען גלאַנץ פֿון זייער פּראָבע־עכטען גאָלד.

פּראָפֿעסאָר מאַדאַם קורי האָט זיך נישט געפֿילט איבערצוזיפֿען טויזענדער זעק ערד, אום צו געפֿינען אַ זאָלאָטניק ראַדיום־זאַלץ. און זי האָט, ווי מען ווייסט, קיין חרטה נישט געהאַט. זאָל

דער קומענדיגער רעדאַקטאָר פֿון סאָקאָלאָװס „געזאַמעלטע שריפֿטען" זיך אויך נישט פֿוילען. ער װעט אויך נישט האָבען קײַן חרטה.

נ. סאָקאָלאָװ איז אויך אַזאַ מין בעהמישער ערדענער מינעראַלישער באַרג, װאו עס ליגט ערגיץ־װאו טיף־טיף בעהאַלטען אַ קערנדעל ראַדיום. מיר, פּראָסטע מענשען, זעהען נאָר דאָס ערדישע, האָבען אפֿשר אַ ביסעל בושה פֿאַר דעם באַרג, אָבער זעלטען־װען דערזעהען מיר דאָס ראַדיום־קערנדעל.

נ. סאָקאָלאָװ איז דער ערשטער און גרעסטער זשורנאַליסט בײַ אונז. און נישט נאָר בײַ אונז. װי װײַט איך קאָן די זשורנאַליסטיק אין אייראָפּאַ, — געטרױ איך זיך נישט אָנצורופֿען קײַן האַלב טוץ נעמען, װאָס זאָלען זיך קאָנען מיט איהם פֿערגלײַכען. אָבער צו דעם זשורנאַליסט האָט מען עפּעס בײַ אונז קײַן צוטרױ נישט. ער לעבט עפּעס צו־שטאַרק מיט'ן טאָג. ער האָט עפּעס צו־פֿיל בושה פֿאַר דער *געגענװאַרט*, בײַט זיך צו־אָפֿט מיט די שאָטענס פֿון טאָג און האָט עפּעס קײַן גרויס אָפּשײַ נישט פֿאַר די צוקונפֿטס־מענשען. און אויך דעמאָלט, װען דער זשורנאַליסט בענוצט זײַן פֿעדער פֿאַר אַ צוקונפֿטס־פּלאַן, האָט זי נישט די ליריק, װייכקײַט און דעם בעלי־חלומות־טאָן — איז עפּעס צו קלאָר, צו נאָהענט, צו פּראַקטיש, פֿרײַ פֿון אַלערלײ לבֿנה־פּאָעזיע. דער זשורנאַליסט האָט שוין אַזאַ מזל, אַז מען געטרױט איהם נישט.

אָבער ס'איז אַ גרויסער טעות, װען מען זעהט נאָר אין סאָקאָלאָװ'ן דעם זשורנאַליסט. דער זשורנאַליסט בײַ איהם איז נאָר דער ערדענער באַרג, װאו עס ליגען אויך צעשפּרייט די גאָלד־קערנער. די בעסטע ראיה דערפֿאַר איז די, װאָס בײַ דעם גאַנצען אימפּרעסיאָניזם פֿון סאָקאָלאָװ'ן ציהט זיך דורך זײַנע בעסטע אַרטיקלען *איין פֿאָדעם*, װאָס פֿערקניפּט איהם *איבערן טאָג*, *איבער* די צעהנדליגער יאָהרען פֿון דער הײַנטיגער *זשורנאַליסטיק*.

אום דאָס אָבער קלאָר צו בעװײַזען, מוזען צוערשט נאָך דורכגעזיפּט װערען די טויזענטער אַרטיקלען פֿון סאָקאָלאָװ'ן, מוזען אויך שטאַרק דורכגעזיפּט װערען זײַנע „כּתבֿים נבֿחרים", מו־

זען נאָך „דער שבת'דיגער אורה" און די „מענשען" (אישים) שטאַרק דורכגעזיפּט ווערען, מוז מען נאָך אַרויסזוכען די קערנדלעך פון זיין ערשטען גרויסען מאמר אין „האסיף" ביז צו זיינע לעצטע „איינדרוקען אין פּאַריז". כל זמן דאָס איז נאָך נישט געטאָן געוואָרען — איז נאָך סאָקאָלאָוו פאַר אונז דער באַרג, אַרום וועלכען עס טאַנצען אַלערליי גוטע און בייזע ווינטען.

די אַרבייט וועט אָבער נישט מאַכען א יובילייקאָמיטעט, וועט אויך נישט מאַכען קיין פ. קאַנטאָראָוויטש. ביז דעמאָלט אָבער מוזען אַלע קענער און איבערגעגעבענע פריינד פון סאָקאָלאָוו'ן האָבען אמת'ע עגמת נפש, ווען עפּעס א פּיפּיגער פערלאַג טראָגט זיי מיט אַמאָל צו א באַנד „געקליבענע" פון נ. סאָקאָלאָוו'ן, און מאַכט פון בעריהמטסטען־נישט־בעריהמטסטען מאַן נאָך בעריהמטער־נישט־בעריהמט.

דער שטומער

א דראַמע אין 4 אַקטען פון א. ווײַטער.

ס'האָט ערשײַנט פֿון אַ. ווײַטער אַ דראַמע, וואָס ערנסטע אַרטיסטען וועלען איהם געוויס דאַנקבאַר זײַן פֿאַר איהר. אין דער דראַמע געפֿינען מיר איין פֿרויען־ראָלע און צוויי מענער־ראָלען, וואָס גיבען די מעגליכקײַט איטליכען בעגאַבטען אַקטיאָר זיך שטאַרק אויסצוצייכענען. דאָס זײַנען דרײַ געשטאַלטען, וואָס זײַנען אין אייראָפּעאישען טעאַטער אין דער לעצטער עפּאָכע נישט נײַ, וואָס זײַנען אָבער פֿאַר'ן יודישען טעאַטער גאָר נײַע פּנים'ער.

איך וועל פּרובען איבערגעבען דעם אינהאַלט פֿון דער דראַמע, דערבײַ מוז איך אָבער בעמערקען, אַז דער אינהאַלט פֿון איהר האָט אַ דרײַפֿאַכע בעדײַטונג: אויסער פּשט, געפֿינען מיר אין איהר אַ סך רמזים און אויך אַ ביסעל סודות.

מיר געפֿינען זיך אין אַ קליין שטעטעל אַ שעה פֿאַר דער חתונה פֿון ר' נחום קאַפּליצער'ס טאָכטער, אַ ס י אַ, מיט דעם אינזשענער אַלעקסאַנדער'ן. עס דרעהען זיך אין שטוב פֿון אַלעקסאַנדער'ס עלטערן, וואו מען גרייט זיך צו דער חופּה, אַ פּאָר מנינים מחותנים פֿון בײדע צדדים; דער חתן, די כּלה און אויך דעם חתנ'ס אַ פֿעטער, וואָס איז בעוואוסט אין דעם גאַנצען שטעטעל פֿאַר אַ שווײַגענדיגען יודען.

אַלעקסאַנדער איז שטאַרק אויפֿגערעגט. עס טאַנצען בײַ איהם אַלע נערווען, און זײַן מויל הערט נישט אויף צו רעדען. דאָס רעדט נישט אין איהם די אינעווייניגסטע פֿרעהליכקײַט, נאָר אַ צעטראָגען האַרץ, וואָס וויל פֿערטומלען אין מה די שווערע שאָטענס־געדאַנקען, וואָס בלאָנדזשען אַרום אין שוואַרצע וואָלקענס.

החתנ'ס צד איז נישט צופֿרידען מיט'ן שידוך, וואָס דער

זוהן האָט זיך אַליין אויסגעקליבען. אַסיאַ, די כלה, איז אַ בערעדט מיידעל, מען שושקעט זיך וועגען איהרע פריהערדיגע חתנים, מיט וועלכע זי איז געווען זעהר נאָהענט, אפשר נאָך צו־נאָהענט. טאַטע־מאַמע זיינען נידערשלאָגען, אָבער זיי מאַכען זיך אַכה; ווילען, חלילה, נישט פערשטערען די חתונה און מיהען זיך צו זיין אמת'ע מהותנים מיט אַ מזל־טוב אויף די ליפען.

אין התונה־שטוב פיהלט זיך הינטער די געמאַכטע פרעהליכע פנים'ער עפעס אַן עקשנות'דיגע שטילקייט. מען איז מיט אַ כיון פערהאַוועט, נאָר נישט צו דאַרפען אַרויסרעדען די ווערטער, וואָס שטיקען און דריקען איטליכען בעזונדער. דער שווייגענדיגער פעטער, וואָס דרעהט זיך אַרום אין שטוב, איז אַ מין רמז, אַ מין סימבאָל, וואָס דאַרף אויסדריקען די שווייגענדיגע שטימונג אין דעם אַרומיגען טומעל און התונה־טאַראַראַם.

אַלעקסאַנדער וויל מיט געוואַלד צערייסען די שטילקייט. ער הויבט אָן רעדען אין דער הויך פון די זאַכען, וואָס די עלטערן האַלטען טיף בעגראָבען אין האַרצען. ער ווייסט, אַז זיין כלה האָט געהאַט אַ שלעכטע פערגאַנגענהייט, נאָר ער ווייס אויך, אַז אַ זודיגע הייסע חרטה האָט אויסגעברענט די פלעקען פון איהר אַמאָליגען לעבען. זי איז איצט אַ נייַ בעשעפעניש, בעשטראַלט פון ליבע און פערלאַנג אָנצוהויבען לעבען ווי אַ קינד, וואָס האָט אָקאָרשט געעפענט די אויגען פון שלאָף. זי איז נישט שולדיג אינגאַנצען. איבעריגענס, איז זי אַ יודיש מיידעל, אַ קינד פון אַ דור, וואָס בלאָנדזשעט, און זי האָט אויך געמוזט בלאָנדזשען. מיט אַזוינע ווערטער פרובט אַלעקסאַנדער צערייסען דעם שלייער, וואָס האָט זיך ווי אַ כמאַרע געלעגט אויף זיינע עלטערנס פנים'ער. נאָר די עלטערן קאָנען איהם נישט פערשטעהן, זיי פטר'ן איהם אָב מיט פוסטע ווערטער און טוקען זיך ווידער אונטער אין התונה־טאַראַראַם.

און די עלטערן קאָנען איהם טאַקע נישט פערשטעהן. ווייל אין דער אמת'ן זיינען אויך אַלעקסאַנדער'ס רייד נישט די, וואָס זיין צעטראָגענער געמיט וויל איצט זאָגען. פערטיידיגענדיג אַסיאַ'ן, מיינט ער אייגענטליך צו פערטיידיגען זיך אַליין. ער וויל ווי־

אָבּרייניגען זײַן כלה, אין דער אמת'ן אָבּער איז ער אַליין נישט
ריינער פֿאַר איהר. אויך ער איז אַ פֿערבּלאָנדזשעטער, אויך ער
איז געוואָרען פֿערפּלאָנטערט אין דעם פּלאָנטער, וואו עס דרעהען
זיך אַרום יודישע טעכטער און זיהן פֿון די קליינע שטעטלעך,
ווען זיי פֿאַלען אַרײַן אין די בּערנס, ציוריכס און אַנדערע אויס-
לענדישע אוניווערסיטעט-שטעט. ער, ווי אַסיאַ, ווילען אַרויס פֿון
דעם פּלאָנטער און זוכען מיט גוואַלד זיך צו צווינגען צו אַ לע-
בּען, וואָס איז שוין נישט זייער לעבּען, זינט זיי האָבּען פֿער-
לאָזען דאָס שטעטעל. ער, ווי אַסיאַ, לעבּען מיט דעם געדאַנק,
אַז אומקעהרענדיג זיך צוריק צום אַלטען פּשוט'ן יודישען לע-
בּען, וועלען זיי ממילא אַרויס פֿון פּלאָנטער און וועלען בּע-
קומען אויף שטענדיג די רוה און די אינעווייניגסטע האַרמאָניע.

אַסיאַ זאָגט: „איך וויל זײַן ווי מײַן מאַמע איז געווען. אַ
יודיש מיידעל האָט התונה, האָט קינדער, האָט אַ מאַן, אַ הויז.
איך קאָן נים מעהר זײַן ווי געווען. געוואָרען אַ הפקר־זאַך —
ווער עס וויל, קומט און נעמט. איך האָבּ בּעגעהרט אַ וועלט,
קיינמאָל נישט געווען זאַט, אייבּיג דאָרשטיג... קומט ווער עס
וויל, קומט און לאָזט עפּעס איבּער... אַש לאָזט יעדער איבּער.
קאָן איך נישט מעהר זײַן קיין הפקר־זאַך. ווי די מאַמע וויל
איך זײַן". און אַלעקסאַנדער זאָגט: „אַ היים בּעדאַרף מען האָבּען,
אַ בּנין... נישט אומפֿליהען. מען טאָר נישט לעבּען ווי מיר האָ-
בּען פֿריהער געלעבּט. מען דאַרף זיך אומקעהרען אַהיים, אײַנ-
וואָרצלען זיך, אַ הויז בּויען". און ווען זײַן פֿרײַנד צווייפֿעלט,
צי ער וועט דאָס קאָנען — רופֿט ער אויס: „פֿאַרוואָס האָט גע-
קאָנט דער טאַטע, דער זיידע? איך וועל אויך קאָנען".

אַלעקסאַנדער'ן אַרט נישט אַסיאַ'ס פֿערגאַנגענהײַט אין גראָ-
בּען מאַנסבּילשען זין, נאָר איהר גײַסטיגער פּלאָנטער; אויך זײַן
פֿערגאַנגענהײַט, וואָס איז געוויס נישט אַוועק אָהן אַ חטא, אינ-
טערעסירט איהם נאָר אַזוי פֿיל, וויפֿיל זי האָט פֿערפּלאָנטערט
זײַן נשמה, זײַנע אינסטינקטען, זײַנע בּעציהונגען צו זיך, צו זײַן
פֿאַמיליע און צו זײַן פֿאָלק. אַלעקסאַנדער ליבּט אין אַסיאַ'ן דאָס
אייגענע, וואָס זי אין איהם: דעם הסכם אָנצוהויבּען לעבּען אויפֿ'ס
נײַ, אַרויסצוגעהן פֿון פּלאָנטער און ממילא זיך אומצוקעהרען צום

אַמאָליגען אַלט־פֿעטערישען יודישען לעבען מיט אַלע זײַנע קליינע בעל־הבית׳ישע מנהגים און קורצזיכטיגע פּלענער. אָט דער הסכם האָט זיי צונויפֿגעפֿיהרט; זייער ליבע פֿליסט נישט פֿון די טיפֿענישען פֿונ׳ם האַרצען, נאָר פֿון דעם צערודערטען מח. געהענדיג צו דער חופה, מאַכען זיי דעם אַלטען פּלאָנטער נאָך גרעסער און פֿערדרעהטער.

די סימבאָלישע פֿיגור, וואָס ווײַזט דעם לעזער די אינעווייניגסטע מאָטיווען פֿון אַלעקסאַנדער׳ן און אַסיאַ׳ן, איז דער פֿרײַנד (אַ מענש אָהן אַ נאָמען), וואָס בעווײַזט זיך אומגעריכט אויף זייער התונה. דער פֿרײַנד איז צוגלײַך די לעבעדיגע פּערגאַנגענהײַט פֿון אַסיאַ׳ן (ער האָט מיט איהר פֿריהער געלעבט) און די סימבאָלישע. דער פֿרײַנד, אויך אַ פֿערפּלאָנטערטער, נאָר אַזוינער, וואָס ווייס גוט, אַז דער בלויזער הסכם קאָן שוין דעם אָבגעריסענעם נישט צובינדען צום אַלטען יודישען ברעג, צעדריבעלט כמעט נישט ווילענדיגערהייט דעם גאַנצען מח־געוועב פֿון אַסיאַ׳ן מיט אַלעקסאַנדער׳ן.

אין אַסיאַ׳ן וועקט דער פֿרײַנד אויף די אַלטע אינסטינקטען פֿון „אַ וואַלד־היה׳לע“, וואָס קאָן נישט לעבען אין די ענגע שטיבער פֿון אַלערליי קליין־שטעטלדיגע מחותנים, און פֿאַר אַלעקסאַנדער׳ן איז דער פֿרײַנד מיט זײַן קאַלטער איראָניע אַ טייל פֿון זײַן אייגענער נשמה, וועלכען ער האָט געוואָלט מיט גוואַלד אַרויסרײַסען פֿון זיך. אַקוראַט ווי דער שווײַגענדיגער פֿעטער איז דער סימבאָל פֿון שווײַגען בכלל, וואָס לויערט ווי אַ גזלן אַפֿילו הינטער דעם גרעסטען התונה־טאַראַראַם — אַזוי איז דער פֿרײַנד אַ רמז, אַ סימבאָל אויף דעם פּלאָנטער, וואָס וויל זיך בשום אופֿן נישט אויספּלאָנטערן בײַ די אַלעקסאַנדערס.

אין אַ משך פֿון עטליכע וואָכען צעשטערט דער פֿרײַנד דעם בנין, וואָס איז געוואָרען געבויט צווישען דעם יונגען פּאָר; צעשטערט דאָס — נישט דורכדעם, וואָס ער פּרובט פֿערפֿיהרען זײַן אַמאָליגע געליבטע — ער האָט מיט איהר אַפֿילו קײַן מגע ומשא נישט, — נאָר דורך זײַן בלויזער געגענוואַרט. ער איז, ווי שווײַגענדיג ער זאָל נישט זײַן, די גרויסע גלאָק, וואָס קלינגט אין אַסיאַ׳ס און אַלעקסאַנדער׳ס הערצער איין־איינציגען ניגון:

אַייער צוזאַמענלעבען, אַייער נײַ לעבען אין די ענגע שטיבער פֿון אַרום נחום קאַפּליצער איז אַ נײַער קנופּ אין אַלטען פּלאָנטער.

דער סוף פֿון דער מעשה איז, אַז אַלעקסאַנדער צערײַסט מיט אַמאָל דעם נײַעם בונד, געהט אַוועק אין בית־מדרש און טוט זיך אַ נדר אויף אייביג צו שווײַגען.

אַלעקסאַנדער געהט אַוועק אין בית־מדרש, ווײַל דאָס איז דער איינציגער אָרט, וואו ער מיינט, אַז ער וועט זיך קאָנען נאָכאַמאָל „אײַנוואָרצלען", און זײַן נדר דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ער האָט בײַ דעם פּרוב אויסצופּלאָנטערן זײַן לעבען, זיך צו־פֿיל פֿערלאָזען אויף דעם אויסרעדען זיך. אַלעקסאַנדער זוכט כסדר צו צעברעכען דאָס שווײַגען און צווינגט אַלעמען צו זאָגען, וואָס אויף זייער האַרצען איז. „ווערטער זײַנען ליגנער — רופֿט ער אויס — אָבער זיי קאָנען אויך אַמאָל אַנטפּלעקען דעם אמת". איצט, ווען ער האָט זיך איבערגעצײַגט, אַז מיט דעם אויסרעדען זיך פֿערפּלאָנטערט ער זיך נאָך מעהר, אַז דאָס וואָרט פֿער'שכור'ט נאָר און קאָן קיין זאַך נישט אומבײַטען ראַדיקאַל — איז ער געוואָרען אַן אייביגער שווײַגער, ווי זײַן פֿעטער, וואָס האָט דאָס פּשוט, איינפֿאַך, אָהן נדרים שוין לאַנג געטאָן.

דאָס איז אומגעפֿעהר דער אינהאַלט פֿון ווײַטערס „דער שטורמער".

איצט לאָמיר זעהן, צי פֿון דעם אינהאַלט האָט זיך אויפֿגעבויט אַ דראַמע פֿאַר אַ יודישען טעאַטער, און צוגלײַך, וואָס פֿאַר אַ וויכטיגער סאָציאַל־היסטאָרישער דאָקומענט ווײַטערס דראַמע איז פֿאַר די שטימונגען בײַ דער יוגענד נאָך די רוסישע רעוואָלוציאָנס־יאָהרען.

II.

„צי האָט זיך פֿון דעם אינהאַלט אויפֿגעבויט אַ דראַמע פֿאַר אַ יודישען טעאַטער?"

דערויף קאָנען מיר ענטפֿערן, אַז ריין־טעכניש איז ווײַטערס ווערק מעהר אַ בוך־דראַמע, ווי אַ טעאַטער־דראַמע, מעהר צום לעזען, ווי צום שפּילען.

ערשטענס, זײַנען די פֿיר אַקטען צו קורץ, די אויסער־

ליכע און אינערליכע דראַמאַטישע געשעהענישען זיינען אַזוי ענג
צוזאַמענגעדריקט, קומען פאָר מיט אַזאַ גיכקייט, האָבען אַזוי ווע=
ניג אָברוה=פויזען, וועלכע ווערען ביי אַ געניטען דראַמאַטיקער אויס=
געפילט מיט סצענעס און זיטען=בילדער, וואָס זיינען אָנגענעם=
כאַראַקטעריסטיש פאַר דער סביבה פון די דראַמאַטישע העלדען,
— אַז ריין=טעכניש איז שווער צו געבען דאָס שטיק אויף דער
בינהע אַזוי, ווי עס איז אָנגעשריבען.

דאָס שטיק מוז ווערען אַקטען=ווייז צעשניטען פון רעזשי=
סער אין די הויפט=נעט, און בעקומען די צייט=ברייטקייט, וואָס
עס פאָדערט אַ נאָרמאַלער דראַמאַטישער אַקט.

צווייטענס, רעדען די הויפט=העלדען פון דער דראַמע (אַסיאַ,
אַלעקסאַנדער, דער פריינד) מיט אַזאַ שפּראַך, וואָס איז ניט זייער
שפּראַך, וואָס איז איבערהויפט קיינעמס שפּראַך נישט, און וואָס
קאָן דעריבער נישט זיין כאַראַקטעריסטיש סתם, (די הויפט=
זאַך ביי אַ געשפּילטער דראַמע), נאָר וואָס בעקומט ערשט דע=
מאָלט אַ כאַראַקטעריסטישען ווערט, ווען מיר בענעמען די שפּראַך
נישט מיט'ן אויער, נאָר מיט דעם ריינעם געדאַנק.

דריטענס, איז בכלל דער פערטער אַקט אוממעגליך. כמעט
דאָס רוב סצענעס זיינען אין איהם נישט מאָטיווירט. און צום
וועניגסטענס איז מאָטיווירט דאָס קומען פון אַסיאַ'ן און דעם פריינד.
מען פיהלט, אַז דער גאַנצער אַקט איז נאָר דאָ, אום אַרויסצו=
זאָגען עטליכע גוטע אַפאָריזמען וועגען אונזער „לעצטען
דור“, וועגען די, וואָס האָבען זיך פערפּלאָנטערט און קאָנען זיך
נישט אויספּלאָנטערן בשום אופן.

ווען מיר לייענען דאָס שטיק, בעקומען מיר אַ סך אַ גרע=
סערע ווירקונג פון „שטומען“, ווי דעמאָלט, ווען מיר דאַרפען דאָס
זעהן.

ביים לייענען שטערען אונז ניט אַזוי שטאַרק די אָנגע=
געמערקטע פעהלערן, ווייל מיר ווערען אין דער שטילער שעה
פערטראָגען אין אַ וועלט פון שווערע שטימונגען און געדאַנקען,
צו וועלכע עס פּאַסט זיך צו אַ גרויסער טייל פון אונזערע אייגע=
נע, עהגליך דורכגעלעבטע האַרצענס=ליידען און שווערע האָפענונגס=
לויזע געדאַנקען.

בײַם שפּילען אָבער זײַנען מיר נישט נאָר האַרץ און מח, מיר זײַנען אויך דאָס דאָרשטיגע אויג און דער פֿײַנער אויער, וואָס דערהאָרכֿט נישט נאָר די געדאַנקען פֿון גערעדטען וואָרט, נאָר אויך די פֿאַלשע טענער פֿון דער שפּראַך, וואָס איז דערווײַל נאָך קיינעמס שפּראַך נישט.

ווײַטערס „שטומער“ וועט ווירקען דערום מעהר אויפֿ'ן לעזער, ווירקען מעהר אַלס ערנסט בוך, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ וויכֿטיגע צײַט־שטימונג אין אַ דראַמאַטישער פֿאָרם, ווי אויף דעם קומענדיגען צושויער, וואָס וועט ווערען פֿערפֿלאָנטערט, איבער די פֿיל פֿעהלערן אינ'ם בוך, אַלס געשפּילטע דראַמע.

III

און דאָך קאָן מען אויך פֿון ווײַטערס בוך־דראַמע מאַכֿען אַ זאַך פֿאַר'ן טעאַטער. אַלע די אויסגעצעהלטע פֿעהלערן: די קינסטליכֿקײַט פֿון דער שפּראַך, די אוממאָטיווירטע סצענעס, אַפּילו דער פֿערטער אַקט קאָנען פֿון אַ גוטען רעזשיסער אַזוי פֿערדעקט ווערען, אַז דער צושויער זאָל קאָנען אָהן אַ שום שטערונג געניסען די שטימונג פֿון דער דראַמע, איהר פּאָעטישען געדאַנקען־אינהאַלט.

עס איז אַ כלל גדול, אַז ווען מען וויל, אַז געוויסע רעאַליסטישע פּרטים פֿון אַ דראַמע זאָלען נישט שטערען דעם צושויער, דאַרף מען מאַכֿען, אַז די גאַנצע דראַמע זאָל האָבען אַזאַ וואונדערליכֿען קאָלאָריט, אַז דער אַלגעמיינער אײַנדרוק בײַם אויפֿהויבען זיך פֿון פֿאָרהאַנג זאָל זײַן אַזוי נישט נאַטירליך, וואונדערליך, אַז איינצעלנע, נישט־נאַטירליכֿע פּרטים זאָלען שוין קיין ראָלע נישט שפּילען דערבײַ.

ווען עס בעווײַזט זיך אויף דער ביהנע אַ גאַנצער טײַוועל, איז אונז קיין נפֿקא מינה ניט, צי האָבען זײַנע נאַקעטע פֿיס הינער־אויגען אָדער נישט. ווען עס רעדט צו אונז אַ מלאך פֿון דער ביהנע, איז קיין נפֿקא מינה נישט, צי זײַן שפּראַך איז נאַטירליך אָדער געקינסטעלט. דער צושויער וויל אַ גאַנצען טײַוועל אָדער מלאך־טיפּ, פֿערלאַנגט אָבער שוין נישט די פּרטים, וואָס ער וואָלט פֿערלאַנגט בײַ דעם מענשליכֿען העלד.

מיר האָבן אין דער יודישער ליטעראַטור אַ דראַמאַטישען חלום פון ש. אַש׳ן, „משיח׳ס צייטען״, וואָס קאָן קלאָר מאַ־כען אונזער געדאַנק.

אַלס אַ נאָרמאַלע דראַמע איז דאָס אַן אוממעגליכקייט. אָבער אַלס דער סימבאָל פון גייסטיגע בענקענישען, שטרעבונגען, וואָס האָבען אין אַ געוויסער צייט פול געמאַכט די הערצער פון דער יודישער יוגענד, — האָט די דראַמע נאָך ביז היינטיגען טאָג איהר ווערט נישט פערלאָרען. אום זי צו געניסען ווי עס דאַרף צו זיין, ווערט דאָס שטיק געגעבען פון רעזשיסער אַזוי, אַז עס ווערט מעהר עהנליך צו אַ חלום, ווי עפּעס, וואָס קומט פאָר אויף דער וואָר.

וואָס מעהר די שטימונג פון אַ דורכגעלעבטען חלום ווערט פערשטאַרקט דורך דער פאַנטאַסטישער דעקאָראַציע, דורך דעם גרים פון אַרטיסט און זיין שפּיל, אַלץ שטאַרקער איז די ווירקונג, אַלץ וועניגער בעמערקען מיר אין איהם נישט־ריכטיגע רעאַלי־סטישע פּרטים, אַלץ מעהר פערטיפען מיר זיך אין דער שטימונג פון אַוטאָר, נישט אין דעם געביי פון שטיק.

אין אַ גרעסערן מאָסשטאַב קאָנען מיר דאָס אָנווענדען צו אַ גרויסען טייל פון מעטערלינקס דראַמעס.

דורך דעם אָנגעוויזענעם רעזשיסער־טאַלענט קאָן איטליכע גוטע בוך־דראַמע ווערען צוגעפּאַסט צום טעאַטער, צוגעפּאַסט צום אויג און אויער פון צושויער.

אויך ווייטערס דראַמע מוז דורכגעהן דורך דער פאַנטאַזיע פון גוטען רעזשיסער און טאַלענטפולען אַרטיסט, אַז זי זאָל קאָ־נען ווערען פאַר אונז אַ שטיק פאַר׳ן טעאַטער.

איך שטעל מיר זיך פאָר די זאַך אַזוי. סיי אַלעקסאַנדער, סיי אַסיאַ דאַרפען נישט דורך זייער גאַנצען קאָסטיום, דורך זייער גאַנצען אַרט רעדען דערמאָנען לעבעדיגע מענשען. זיי דאַרפען אַרוים אויף דער בינע, ווי לייכט־פערקלײדעטע נשמות, וואו דאָס קערפּערליכע, מאַטעריעלע דאַרף נאָר זיין ווי אָנגעמערקט, דאַרף נאָר זיין ווי אַ פיין־דורכזיכטיג מילך־גלאָז, פון וואַנען עס קוקט אַרויס בּרייט אַ פיינע, קראַנקע, קאָמפּליצירטע נשמה.

דערביי מוזען אויך די אַנדערע רעאַליסטישע סצענעס בע־

קומען אַזוינע אומנאַטירליכע ליניעס, וואָס זאָלען אונז צוגלייך שוואַך דערמאָנען, ווי אין עולם התוהו, דאָס רעאַלע און בולט אַרויסשטעלען די קאַריקאַטוריסטישע, פֿערפֿלאָנטערטע ליניעס פֿון דער סצענע.

קורץ, אַלע פֿיגורען מוזען מעהר טראָגען אַ סימבאָלישען כאַראַקטער, מוזען שטענדיג אונטערשטרייכען דאָס גייסטיגע, דאָס שטימונגס־רייכע אין זיך, מוזען ווערען נאַקעטע נשמות, בענקענדיגע, ליידענדיגע, מגושמ׳דיגע, קאַריקאַטוריסטישע, סקעפּטישע, פֿערפֿלאָנטערטע, — נאָר נישט קיין לעבעדיגע מענשען.

אום דאָס בעסער און גיכער צו דערגרייכען, מוז די גאַנצע בינע שוין פֿון אָנהויב אָן מאַכען אויף אונז דורכ׳ן געשמאַק און דער קונציגקייט פֿון רעזשיסער דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען נישט אין דער רעאַלער וועלט, נאָר אין אַ וועלט, וואו עס לעבען נאָר נשמות, קוים פֿערדעקט מיט׳ן דינעם מלבוש פֿון דעם רעאַלען לעבען.

און ווען דאָס וועט ווערען אַמאָל געמאַכט, — וועט אויך ווייטערס בוך־דראַמע בעקומען אַ תקון, ז׳ וועט ווערען אַ דראַמע פֿאַר׳ן טעאַטער, ווי אַש׳ס דראַמע „משיח׳ס־צייטען““ אין איהר אַרט.

און דאָס איז גראָד איצט אַ דאַנקבאַרע אויפֿגאַבע פֿאַר איטליכען יודישען טעאַטער־דירעקטאָר. דען די שטימונגען, וואָס עס שילדערט אונז סימבאָליש אַ. ווייטער, איז אונזער איצטיגע צייט־שטימונג. די שטימונג וועט אפֿשר לאַנג נישט געדויערן ביי אונז, אָבער איצט איז זי אונזער הויפּט־שטימונג און מאַכט פֿול די הערצער פֿון אונזערע בעסטע און טיפֿסטע, וואָס האָבען נאָך מיט אַ יאָהר 8—10 צוריק אַזוי' האָפֿענונגספֿול און אַזוי בעגייסטערט געשטורעמט אויף דער יודישער גאַס און אין יודישען לעבען.

פּונקט אַזוי ווי אַש׳ס „משיח׳ס צייטען“ האָבען איבערגעגעבען סימבאָליש אַ געוויסען מאָמענט אין לעבען פֿון דער יודישער יוגענד — אָט אַזוי גיט איצט איבער סימבאָליש אַ. ווייטער די שטימונג פֿון אונזער יוגענד, ווען מען האָט זי מיט געוואַלד אַרויסגעריסען פֿון אַ קאָכענדיגען לעבען און זי פּלוצלונג אַוועק־

געשטעלט בײַ דער זײַט פֿון לעבן, בײַ דעם טונקעלסטען ווינקעל פֿון איהם.

פֿאַר מיר איז די דראַמע די „קאַצעניאָמער־שטימונג“ פֿון אַ געוויסען טיפּ פֿון אונזער גײַסטיגען יודענטום, וואָס איז אייגענטליך ניט אַזוי גײַסטיג ווי ט ע ט י ג, אַקטועל, ע ק ס פּ אַ נ ס י װ, מעהר פֿעהיג צו אַ טעטיגען פּאָליטישען לעבן א. אַז. וו. צוגלײַך איז זי דער סימבאָל פֿון די שטיקלעך און ברעקלעך, פֿון די צעבראָכענע מענשען, פֿון דער גרויסער בקור־חולים־בעפֿעלקערונג, וואָס איז איבעריג געבליבען נאָך דער רוסישער בהלה.

ווי די מעשׂה איז, ווי מען זאָל נישט אָבשאַצען די סימבאָלישע פֿיגורען פֿון אַ. ווײַטערס „דער שטומער“, אַלענפֿאַלס דאַרף מען אויף דאָס ווערק קוקען ווי אויף אַ גרויסען צײַט־דאָקומענט, וואָס דאַרף ווערען פֿערפֿעסטיגט סײַ אין דער קונסט פֿון שוישפּילער, און סײַ אין דעם געדאַנק פֿון לעזער.

„נאָך אַלעמען“.

א ראָמאַן אין 4 טייל פון דוד בערגעלסאָן,

ווילנער פערלאַג פון ב. א. קלעצקין, ווילנא 1913.

ווער איז דוד בערגעלסאָן?

יאָ, איך ווייס, ער איז דער אייגענער, וואָס האָט אַ סורפּריז געמאַכט אין אַ שיינעם פריה־מאָרגען דער ליטעראַרישער יודישער וועלט מיט זיין אָריגינעלען בעלעטריסטישען בוך „אַרום וואָקזאַל“.

אָבער נישט דאָס איז דער עיקר.

ווער איז דוד בערגעלסאָן, וואָס שטעהט ביי דער זייט פון אונזער ליטעראַרישען שאָסיי, מישט זיך נישט אין אונזערע ליטעראַרישע עסקים, מאָלט אַ לעבען און מענשען, וואָס זיינען אַזוי נישט עהנליך צו דעם, וואָס אַנדערע מאָלען, פיהרט אַ שפּראַך, וואָס דערמאָנט אונז נישט — נישט דעם ליטווישען, נישט דעם פּוילישען יודען און אויך נישט דעם יודען פון וואָלין, ווי מיר האָבען זיך בעקענט מיט איהם אין די ווערק פון אַ שלום־עליכם און אַנדערע?

ווער איז דוד בערגעלסאָן, וואָס מאָלט אונז שטענדיג אַ פערוואָרפענעם העק, אַ שטעטעל, אַ דערפעל, אַ פאָרשטאָט, און וואָס איז דאָך ניט דאָס שטעטעל, דער העק, מיט וואָס מיר האָבען זיך שוין בעקענט ביי אַנדערע שרייבער פון זיין צייט?

ווער איז ער, וואָס מאָלט אונז אַ גאַלעריע בילדער פון יודישע בחורים (הויפּטזעכליך בחורים), וואָס האָבען אַזעלכע איינפאַכע אויסגעהאַלטענע, פערביסענע נשמות, וואָס זיינען אַזוי פריי פון דעם בעקאַנטען יודישען געפיהל־פּלאָנטער, וואָס זיינען געזונט און פויעריש און טיילמאָל אַזוי סימפּאַטיש און וואַרים?

אָפטמאָל, ווען מיר לייענען איהם, דוכט זיך אונז, אַז מיר

הערען מאַנכע טענער פֿון דעם ליבען אומעטיגען טשעכאָוו, און נאָך עפּטערס הערען מיר די טענער פֿונ׳ם נאָרוועגער קנוט האַמסון, וואָס מאַכט שטענדיג דעם איינדרוק, אַז ער רעדט אומישנע צו שטיל, צו איינפֿאַך, צו פֿאַרבלויז, צו געלאַסען און צו קריכֿענדיג פֿאַמעליך — ווייל ער וויל הינטער דער געלאַסענער, צו געלאַסענער מאַסקע בעהאַלטען אַ נאָגענדיגען, נודנעם אייביגען שמאַרץ.

ווער איז דוד בערגעלסאָן, וואָס האָט שטענדיג די טבֿע צו מאָלען מענשען מעהר דורך זייערע קורץ-אָבגעהאַקטע לאַנגווייליג-פּראָזאַאישע איבערלעבענישען; וואָס וויל נישט וויסען פֿון דער צייכֿענדיגער ליניע, וואָס כאַראַקטעריזירט קלאָר אַ מענשען מיט אַלע זיינע ווינקלען און שאָטענס; וואָס טונקט איין שטענדיג זיינע טימפּאַטישע געשטאַלטען אין אַ נעפּעל פֿון אַ שווערער טונקעל-גראָהער שטימונג, פֿון וואַנען זיי טרעטען אַרויס, ווי אַ נישט-קלאָרער דבוק, וואָס ווערט אַלע ווײַלע ווי צערונען אין דעם דאָזיגען נעפּעל?

ווער איז אָט דער, פֿון וועמען עס שמעקט נישט מיט דער לופֿט פֿון די הײַנטיגע סאָציאַלע יודישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען? וואָס צוימט אָב זיין געשילדערט וועלטעל פֿון אַליץ, וואָס האָט אַ שייכות צו אַ ברייטען געזעלשאַפֿטליכֿען לעבען? ביי וועמען עס רעדען די שטימען פֿון שיקזאַל, פֿון עפּיס אַזוינס, וואו מענש, הונט, קאַץ, וואָרים ווערען איין-איינציגע זאַך, איין-איינציגער סוד? וואָס זיינע פֿאַרשוינען ווערען אייביג געמשפּט, זײַנען שטענדיג אומשולדיג און פֿיהלען זיך אייביג פֿאַר שולדיגע?

* *
*

איך בין נישט מחויבֿ צו געבען אַן ענטפֿער אויף אַלע די געשטעלטע פֿראַגען.

שוין אין דער פֿראַגע אַליין ליגט אָפֿטמאָל דער ענטפֿער.

און גליקליך מעג זיך שעצען דער פּאָעט, דער בעלעטריסט, וועלכער ווערט פֿאַר זײַן לעזער אַ לעבעדיגע פֿראַגע.

דען וואָס קאָן נאָך מעהר צופֿרידענשטעלען דעם פּאָעט, ווען ער הערגעהט, אַז ער האָט עפּעס אויפֿגערודערט אין האַרצען פֿון

גלייכגילטיגען לעזער אַ גאַנץ נעסט פון געפיהלען, שאַטענס־גע־פיהלען, נאָגענדיגע און בענקענדיגע געפיהלען?

דוד בערגעלסאָנס לעצטער ראָמאַן געהערט אָבער צו דעם מין, וואָס רודערן אויף אַ גלייכגילטיגן האַרץ, רייצען דעם לעזער, מאַכען איהם אומעטיג און פערטראַכט, צווינגען איהם צו קלערען וועגען זאַכען אין לעבען, וואָס זיינען צוגלייך אַזוי לעבעדיג און אַזוי טויט, צוגלייך אַזוי איינפאַך און פול מיט סודות פון אַן אומבעגרייפליכען שיקזאַל.

אין צענטער פון ראָמאַן „נאָך אַלעמען" שטעהט די געשטאַלט פון אַ כלה־מיידעל מירעל (דערנאָך אַ התונה־געהאַטע), „מיט אַ שענער צאַרטער בויגיגער פיגור, מיט אַ פּאָר שענע יונגע אָרעמס, וואָס ציהען זיך צו עפּיס... און וואָס איז אין דער גאַנצער ערשיינונג איהרער פאַר דער מאַנסבילשער יוגענד עפּיס אַ צוזאָג... אַ זיסער־זיסער צוזאָג פון גליק... און איבער די שענע זעלטען־סימפּאַטישע געשטאַלט לייכטען אַ פּאָר בלאָהע אומעטיגע אויגען, אונטער דעם פאָרהאַנג פון לאַנגע, צאַרטע ווימפּערן".

דאָס איז די איינציגע פרויען־געשטאַלט אין ראָמאַן, אַרום וועלכער עס ווערען פערברענט איינער נאָכ'ן אַנדערן שטילע, איינ־פאַכע בחורישע הערצער, וואָס ציהען אויס זייערע וואַרימע, נאַר אויסערליך מגושמדיגע פליגלען נאָך מירלען „מיט די אומעטיגע קאַלטע בלאָהע אויגען אונטער די לאַנגע ווימפּערן".

עס דרעהען זיך אַרום איהר איהר געוועזענער חתן, וועלוועל, דער קרומער סטודענט ליפּקיס, דער אינטעליגענט נתן העלער, דער יודישער פּאָעט הערץ, דערנאָך דער אייגענער מאַן, מיט וועמען זי וויל נישט לעבען אינאיינעם, און דער בערזען־מענש מאָנטשיק, וואָס פערגעסט אָן אַלע זיינע געשעפטען צוליב מירלען.

און מירעל שטרעקט אויס די שענע ווייסע אָרעמס קעגען איהר שפּיגעל, פיהלט, „אַז זי איז געבאָרען געוואָרען נאָכ'ן פריה־לינג איהרען" און קאָן זיך נישט אָנכאַפּען אָן קיין איינציג וואַרים האַרץ, וואָס ווערט איהר אָנגעבאָטען מיט דער גרעסטער טרייקייט און איבערגעבענקייט.

די שענע צאַרטע מירעל לעבט אין אַן אייביגער פוסטקייט, פיהלט דאָס מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהר יוגענד, זעהט מיט

אַ מאָדנעם שאַרפֿען בליק די פּוסטקייט און באַנאַליטעט פֿון אַלץ, וואָס רינגעלט זי אַרום, — און מיט אַ ווײַבערשער עקשנות אינטער־דריקט זי אין זיך די געוועהנליכסטע געפֿיהלען, מיט וואָס מען קאָן דערוואַרימען אַ מענשענס לעבען.

מירעל איז דער סימבאָל פֿון אַ האַרבסט; דאָס איז דער טיפּ פֿון אַ פֿרויען־געשטאַלט, וואָס האָט נישט קיין וואַרים אינסטינקטיוו לעבען און וואָס ווערט ממילא איטליכע מינוט פֿערפּלאָנטערט אין די צו קלאָרע געפֿיהלען פֿון אַן אויסערן האַרבסטיגען צושטאַנד. מירעל ווייסט צו־פֿיל און פֿיהלט צו ווענינ, אין דערבײַ ציהט עס זי שטענדיג צו די, „וואָס ווייסען ווענען איהר נשמה מעהר, ווי זי אַליין“, ווײַל אויך דאָס, וואָס זי ווייס פֿון זיך, האָט קיין ממשות נישט פֿאַר איהר.

* *
*

בערגעלסאָנס אַ ראָמאַן לאָזט זיך נישט איבערדערצעהלען. נישט אין דער מעשה ליגט דער עיקר פֿון ראָמאַן, נישט אין די רעאַלע שילדערונגען, נאָר אין דער נעפּעלדיגער שטימונג, וואָס ליגט אויס־געגאָסען איבער דעם גאַנצען ספּור המעשה.

ווער ווייס? אפֿשר האָט זיך בערגעלסאָנ׳ען געוואָלט שילדערן אין ראָמאַן אַ פֿערפּלאָנטערטען מענשען אין דער סביבה פֿון איינ־פֿאַכע, געזונטע אינסטינקטיוו־וואַרימע הערצער? און אפֿשר גאָר האָט זיך בערגעלסאָנ׳ען געוואָלט אין מירעל אַלס סימבאָל אויסדריקען דעם אומעט פֿון אַ מענשען, וואָס ווערט געבוירען מיט אַ האַרבסט אין האַרצען, אָדער דעם אַלגעמיינעם אומעט פֿון לעבען, וואָס איז צוגלייך אַזוי קלאָר און אַזוי אומפֿערשטענדליך?

נאָכמעהר. אַוועקלעגענדיג דאָס בוך „נאָך אַלעמען“, דוכט זיך אויס, אַז סײַ מירעל, סײַ דער קרומער סטודענט, וואָס לעבט נאָר מיט דעם געדאַנק זיך צו ווײַזען אַמאָל פֿאַר מירלען מיט אַ גראַדען געזונטען פֿוס, סײַ דער מגושמ׳דיגער וועלוועל, וואָס לערנט זיך אין דער שטיל בײַ אַ לעהרער צוליב מירלען, א. א. וו. — איז נאָר אַ צוגלײַכעניש צו לעבען בכלל, וואָס ערשײַנט אונז אין אַזאַ שענער סימ־פּאַטישער געשטאַלט, איז פֿול מיט אַלערליי זיסע צוזאָגען, אין

וואָס איז נישט מעהר ווי אַ שענע אומעטיגע עקרה, וואָס האָט פאַר אונז נישט קיין וואַרימען שויס און וואָס נאַרט אינז נאָר אָב, ווייל דאָס לעבען אַליין איז אויך אַן אָבגענאַרטע זאַך פון רבונו של עולם.

אין דעם ראָמאַן „נאָך אַלעמען" וועט דער לעזער געפינען אַ סך, אַ סך מעהר, ווי עס לאָזט זיך איבערדערצעהלען פון בעסטען לעזער. ער וועט דאָרט דערשפירען דעם הויך פון אַ פּאָעט, וואָס האָט ליב דאָס לעבען און וואָס זעהט עס אין אַן אייגענער טונקעל־גראָהער נעפּעלדיגער פאַרב, אין אַ ספּעציעלער בערגעלסאָנישער פאַרב.

צום אנדענקען פון אליקום צונזער.

איך בין דעמאָלט נאָך אַ יונגעל געווען, בעת איך האָב מיט פערוואונדערונג געקוקט, ווי מײַן מומע, די פערהאַוועטע סוהר'טע, וואָס האָט קײנמאָל קײן מינוט צײַט נישט געהאַט פאַר אירע עופ'עלעך, די קינדער — האָט אין מיטען מיטוואָך פאַרנאַכט אָנגעטאָן דאָס שבת'דיגע זײַדענע קלײד און פון שטענדיג פערמאַכטען אַלמער האָט זי אַרויסגענומען די בלומען, מיט וואָס זי פוצט אויס איהר פאַרוק ראש-השנה-צײַט.

מײַן התפעלות איז נאָך געוואָרען טויזענט מאָל גרעסער, ווען איך בין מיט אַמאָל דערגאַנגען, אַז מײַן מומע האָט בעשטעלט אין טעאַטער פון אונזער פראָווינץ-שטאָט... אַ לאָזשע!

מײַן מומע געהט אין טעאַטער! אין דעם דאָזיגען אָרט, וואָס זי פלעגט איהם פערשילטען איטליכס מאָל, ווען איהר בחור'ל חיים פלעגט נעלם ווערען ביז איינס אַ זײגער בײַ-נאַכט, אין דעם בנין, וואָס האָט אונז, יונגלעך, געצויגען ווי אַ מאַגנעט אין צוליב וועלכען מיר פלעגען לקה'ענען קלײן-געלד פון טיש-קעסטעל, נאָר צו האָבען די זכיה פון גאַליאָרקע צו קוקען מיט הייסע נײַגעריגע אויגען אויף די אַקטיאָרען און אַקטיאָרקעס פון טעאַטער.

עס פערשטעהט זיך, אַז דעם אָוועגט האָבען מיר נישט געדאַרפט לקה'ענען קײן געלד פון טיש-קעסטעל. דער מומעס לאָזשע איז געווען גראָם, ווי דער גרעסטער קאַסטען פון אַ מאָסקווער מאַנופאַקטור-פאַבריקאַנט, און דער דינער אין טעאַטער שטעלט צו שטולען, וויפיל איהר ווילט.

פרעגט זיך דאָך, ווי פאַלט עס אײַן מײַן כשר'ער, פרומער מומען, וואָס האָט געאַרבייט נישט ערגער פאַר אַ מאַנסביל אין איהר קראָם, צו געהן מיט אַמאָל אין אַ טעאַטער?

דערקלערט זיך דאָס פּשוט דערמיט, וואָס דער פּאָליציימייסטער האָט ערלויבט אליקום צונזער'ן אַרויסצוטרעטען איין איין אָוונט אין טעאַטער, ווען ער וועט, פֿערשטעהט זיך, אָבגעבען אַ העלפֿט פֿון זיין הכנסה פֿאַר די פֿייערלעשער פֿון שטאָט.

און מיין מומע איז אַוועק אין טעאַטער הערען איהר געליבטען אליקום'ען.

דעם אמת זאָגענדיג: מיר, יונגלעך, וואָס זיינען שוין געווען אַ ביסעל פֿערשטאַנען, האָבען נישט פֿערשטאַנען דעמאָלט, פֿאַר־וואָס די מומע האָט אַזאַ מאָדנעם נחת געהאַט פֿון דער הייזעריגער שטים פֿון אַלטען ברחן, וואָס האָט געזונגען מיט געפֿיהל זיין „סאָבע".

זיין ליד:

„וואָס זעה איך דורך די שויבען,
עס פֿליהען אָן ווי טויבען, —
מיין יוסף, מיין בנימין,
קלאַפּען אין מיין טיר"...

זיינע „קאָנטראַסטען" און זיינע אַנדערע לידער, וואָס שיל־דערן דעם קליין־שטעטלדיגען יודען אין סענטימענטאַלע, ווי־נענדיגע און לאַבענדיגע גראַמען; זיין גאַנצע פּראַקטישע היסטאָ־רישע פֿילאָסאָפֿיע האָבען אונז געשיינט אַ ביסעל קאָמיש, און זיין הילוך אויף דער ביהנע האָט נישט געהאַט דעם חן פֿון די אַקטיאָרען, צו וועלכע מיר האָבען זיך שוין צוגעוואוינט.

נאָר מיין מומע, מיין מומע האָט געקליבען נחת פֿונטען־וויז. זי האָט אפילו געקליבען נחת פֿון די טרערען, וואָס ער האָט אויסגעקוועטשט אין איהרע אויגען מיט זיינע אומעטיגע לידער. אפשר האָט זי זיך דערמאָנט די שענע צייט, ווען זי איז געשטאַ־נען אונטערן דעק־טוך, אלס יונגע כלה, און האָט מיט צעפֿלאָכטענע צעפּ און אונטער אַ שלייער־טוך געהערט די מאָראַליש־טרויעריגע גראַמען פֿון דעם אייגענעם אליקום'ען, וואָס האָט בעקלאָגט איהר יוגענד און זי מתרה געווען, אַז מיט דעם ערשטען קינד הויבט זיך אָן די ערשטע גרויסע זאָרג, אַז די פֿרעהליכע מיידעל־צייט ווערט צערונען אויף אייביג?

אפשר האָט זי זיך געזעהן אין שפּיגעל פֿון דעם אַלטען

אליקומ׳ס פּנים, ווי זי האָט נאָך אַלס יונג ווײַבעל געטאַנצט אונטער זײַנע גראַמען אַ כשר־טאַנץ און אַ ברוגז־טאַנץ?

אפשר האָט דער אַלטער אליקום ווי מיט כּשוף אַרויסגערופן פון קבֿר איהר אַמאָליגע יוגענד, איהרע אַמאָליגע האָפנונגען און די פאַרצײַטיגע זאָרגלויזיגקייט?

ווער ווייס? נאָר מײַן מומע האָט געקליבן נחת, און איהר צעקנייטשט, פערזאָרגט פּנים האָט עפּעס בעקומען אַ שײַנדעל, וואָס האָט זי געמאַכט אויס קרעמערקע, אויס פערהאַזעטע יודענע אין זי פערוואַנדעלט אין אַ שענעם, פערקלערטען, בע׳חנ׳טען מענשען.

אליקום צונזער האָט זי אין דעם דאָזיגען אָוועגט נאָך מעהר פערשענט און בע׳חנ׳ט, ווי מאַנכע פּאַריזער שנײַדער קאָנען דאָס טון מיט זייערע פערשײַטע פרעכטיגע קליידער.

מיר, יונגלעך, האָבען דעמאָלט דאָס נישט פערשטאַנען. אָבער שפּעטער — ווען אונזער יונגעלשער שכל איז אויסגעוואַקסען, האָבען מיר בעגריפען די ווערדע פון דעם יודישען בדחן און פאָלקס־דיכטער, וואָס האָט געקאָנט אַ גאַנצען דור געבען דאָס, וואָס מען רופט פּאָעזיע, אמת׳ע פּאָעטישע איבערלעבונגען.

איצט ווייסען מיר, אַז אליקום בדחן איז געווען פאַר זײַן תמימות׳דיגער צײַט, בעזונדערס פאַר די פרויען פון זײַן צײַט, דער איינציגער פּאָפּולערסטער דיכטער. און צי קאָנען מיר זאָגען, אַז אינזער צײַט האָט אַזאַ דיכטער פאַר די יודישע פרויען?

מיר האָבען גרויסע דיכטער, אָבער צי האָבען מיר כאָטש איין איינציגען דיכטער, וואָס זאָל אויך ריהרען די פרויען, ווי אַמאָל צונזער? עס וועט נישט זײַן קיין גוזמא, ווען מיר וואָלטען זאָגען, אַז א. צונזער איז געווען דער לעצטער דיכטער בײַ אונז, וואָס האָט בעקומען אַ פּלאַץ אין אַ וואַרימען האַרצען פון אַ יודישער פרוי.

דער כאַראַקטער און איבערזעצער.

די אַלטע רעליגיעזע ליטעראַטור האָט אויסגעאַרבייט פאַרצייטען אַ טיפּ פון אַ „הבחור הזעצער“, וואָס האָט זיך גענומען פאַר זיין פּשוט׳ער אַרבייט בדחילו ורחימו, מיט ציטערדיגע פינגער אין אַ מורא׳דיגען פּחד, מיט אַ מין יראת הרוממות. און דאָס, וואָס מיר רופען היינט אָן מיט׳ן נאָמען „קאָרעקטאָר“, איז דעמאָלט נישט געווען קיין איינפאַכע כלי. ער איז אַליין געווען אַ למדן, און מאַנכע הגהות פון „הבחור הזעצער“ ווייזען, ווי ערנסט און מיט וואָס פאַר אַ לומדות ער איז געגאַנגען צו זיין פּשוט׳ער קאָרעקטור=אַרבייט. עס איז אונז נישט געבליבען קיין פּלאַסטיש בילד פון דעם דאָזיגען „בחור“, אָבער אין מיין פאַנטאַזיע מאָלט ער מיר זיך, ווי אַן „איינאָק“ אין אַ מאָנאַכען=קלויסטער, מיט איידעלע צוגען אויפ׳ן הירכוזיכטיגען, בלייכען פּנים, אין אַ לאַנגען מאַנטעל, וואָס דעקט איהם צו ביז די פיס, מיט איידעלע דינע פינגער, וואָס שאַרען פאַמעליך און בעדאַכט אַן אות צו אַן אות. און געגאַנגען איז ער צו דער מלאכה נאָכדעם, ווי ער האָט געטובל׳ט דעם זינדיגען גוף אין דעם קאַלטען וואַסער פון אַ מקוה. שוין דער נאָמען „בחור“ דערמאָנט אונז אָן אַ מענשען, וואָס האָט נישט געוואָלט פערשוועכען דעם גוף מיט וועלטליכע זאַכען. ער האָט געלעבט נור פאַר איין זאַך: די הייליגע אותיות ריכטיג מצרף צו זיין.

דאָס איז געווען אַמאָל, ווען דער מענש האָט הייליג געפיהלט, ווען אַלץ, וואָס איז איהם געווען טייער, איז איהם צוגלייך געווען הייליג. איצט אָבער, ווען מיר האָבען פערלאָרען דעם בעגריף פאַר׳ן וואָרט „הייליג“, „הייליגטום“, ווען אויך דאָס טייערסטע ביי אונז ווערט אין אונזערע אויגען נישט פערהייליגט, האָבען מיר טאַקע אַ קאָרעקטאָר, וואָס איז וויים פון אַן אַמאָליגען „הבחור הזעצער“,

ווי די אַמאָליגע פֿרומע מדפּיסים פֿון אַ היינטיגען פֿערלעגער.

מען מוז נאָך נעמען אין בעטראַכט, אַז דער „הבחור הזעצער" פֿון היינטיגע צייטען זעצט אויס נישט נאָר העברעאישע ספרים, נאָר אויך פּראָסטע יודישע, וואָס זיינען נאָך פֿאַר אַ קורצער צייט געווען פֿעראַכט אין די אויגען פֿון אַ למדן, ווערמענס שפּראַך מען האָט מיט פֿערגעניגען גערופֿען „די דינסט-מויד", וועלכע דאַרף פֿעטשערעס הייצען ביי דער גבירטע.

די קאָרעקטור פֿון יודישע ביכער, מיט ווייניג אויסנאַמען, איז פֿול מיט גריזען, פֿול מיט פּשוט'ער עם-הארצות. די פֿאַניע לידסקי'ס, וואָס דרוקען אַ פּרצ'ן, אַן אַש'ן, האָבען קיין שום געפֿיהל נישט פֿאַר'ן בוך, וואָס זיי דרוקען. זייער מיין איז נאָר, וואָס ביליגער עס זאָל זיי קאָסטען דער בויגען, און זשאַלעווען צוערשט געלט אויף אַ רעכטען קאָרעקטאָר.

בלעטערט מען דורך די פּרץ-אויסגאַבע, זעהט מען, אַז מגושמדיגע הענד האָבען זיך גענומען פֿאַר דער אויסגאַבע. קוקט מען אַריין אין אַש'ס אַ דראַמע, קאָן מען זיך נישט אָבוואונדערן פֿון די פֿיל גרייזען, וואָס פּיקעווען אָן כמעט איטליך זייטעל. למשל, אין אַש'ס „יחוס" געפֿינען מיר אויף זייטע 9 דאָס וואָרט „נעגליזש", אויף זייטע 10 שורה 3 „דאָס עלעקטריק" און ז. 21 „דער עלעקטריק", זייטע 11 שורה 6 דאָס וואָרט „צאַט" אָנשטאָט „צייט", ז. 15 מעהרערע מאָל דאָס וואָרט „פּראָטענזיעס", אָנשטאָט „פּרעטענזיעס", זייטע 16— די פֿראַזע „אָבשטום פֿאָן דער פֿאַמיליע", אָנשטאָט „אָבשטאַם פֿון דער פֿאַמיליע" א. א. וו., א. א. וו. איך רעד שוין נישט דערפֿון, וואָס דער סובסטאַנטיוו „דאָס עלעקטריק" איז פֿאַלש — אָבער ווי קומט פֿאַר אַ סובסטאַנטיוו מיט פֿערשיידענע אַרטיקלען אויף איינער און דערזעלבער זייט?

און די שלעכטע קאָרעקטור פֿון אַ יודיש בוך איז נאָך פֿיל געפֿעהרליכער, ווי אין אַ העברעאישען. דען דאָס יודיש ווערט איצט געפֿאָרמירט לויט דעם סגנון און וואָרט-שאַץ פֿון היינטיגען לעבענדיגען שרייבער, — זיין וואָרט איז אַ מין וועג צום קוואַל, וועלכען מען האָט שוין פֿערלאָרען ביסלעכווייז, און ווען דער עם-הארצישער קאָרעקטאָר און אַרויסגעבער פֿערדאַרבט איהם, מחמת אַן איבעריגער קאָפּיקע לייזונג — טוט ער דערמיט אַ שאָדען אַלעמען, וואָס

לערנען זיך יודיש ביי פרצ'ן, אש'ן און אנדערע שרייבער.

ס'איז אינטערעסאנט צו זעהן, ווי דער דאזיגער ארויסגעבער שאנעוועט נישט א רובל, אום צו געבען אן אויסווייניג בעסער אויסזעהן דעם בוך, ווי ער בעפוצט מיט וויניעטקעס דאס שער־בלעטעל און ווי ער ווערט א קמצן, וויבאלד עס האנדעלט זיך ריין ארויסצוגעבען דעם טעקסט.

נישט לאנג איז געשטאנען אין די צייטונגען, אז קיין אומה ולשון גיט נישט ארויס אזוי שלעכט ביכער, ווי אונזערע יודישע פערלעגער. אזא אטעסטאט האט מען ארויסגעגעבען אין פעטערבורג דעם יודישען בוך, ווען עס איז געווען די אויסשטעלונג פון ביכער, וואס ערשיינען אין פערשיידענע פערלאגען אין רוסלאנד. פאר'ן קענער פון יודישען ביכער־מארק איז דאס קיין נייעס נישט. א יוד, וואס איז געוועהנט שטענדיג אבצושפארען פון איינענעם מאגען, בעשאפט א פערלעגער, וואס שפארט איין אויף דאס פאפיר און דער קארעקטור. ער גיט זיין פערשמארקעטען הדר־בחור'ל קארעגירען פרצ'ן און אש'ן, — און אין קעשענע בלייבט אן איבעריגער פופציגער: פערשפארט, גאט צו דאנקען, א קארעקטאר. דאס שער־בלעטעל איז שוין עפיס אנדערש, דאס איז פאר דער גאס, פאר'ן מגושמ'דיגען אויג. דעם ווערט פון רעקלאמע פערשטעהט א יודישער פערלעגער אויך.

וואלטען די יודישע פערלעגער נישט געמאכט קיין גוטע געשעפטען מיט א יודיש בוך, — וואלט איך אפשר צו זיי קיין טענות נישט געהאט. נאר מיר ווייסען גאנץ גוט, אז א יודישער פערלעגער האט נאך צו א שרייבער נישט צוגעלעגט. אלע די פערלעגער, וואס זיינען יודען בעקאנט, זיינען געקומען צום שרייבער אלס אביונים און היינט, ב"ה, זיינען זיי שוין גאנץ פיינע בעלי־הבתים, וואס שטופען שוין דעם בן אין די „שקאלעס" אריין. איך בין זיי, חלילה, נישט מקנא. א שרייבער האט אמת הנאה, ווען זיין פערלעגער לעגט צו איהם נישט צו, אט אזא נאר איז ער שוין! אבער א ביסעל בושה מעגען זיי דאך האבען פאר'ן בוך, וואס עס איז פאר זיי נאר פרנסה, אבער פאר'ן לעזער א סך מעהר, ווי א פרנסה־זאך. וואו נעמט מען דעם „בחור־הזעצער" פון אמאל פאר א יודיש בוך!

* *

*

און פּונקט, ווי עס פעהלט אונז דער „בחיר-הזעצער“, פעהלט אויך דער יודישער ליטעראַטור דער איבערזעצער. ביי די נידריגע פּרייזען, וואָס אַ יודישער פערלאַג צאָהלט פאַר אַן איבערזעצונג — איז נישט מעגליך צו בעקומען אַ ליטעראַרישע פעדער פון טאַלענט. ליטעראַטען מיט אַ שטיקעל נאָמען לוינט נישט צו אַרבייטען פאַר'ן נידריגען פּרייז, וואָס עס צאָהלען אַלע די „זעלט-ביבליאָטעקען“ פון אַ, למשל, שימין און לידסקי. און אַז איך האָב זיך אַמאָל בעקלאָגט פאַר א. רייזינ'ען, וואָס רעדאַקטירט אַן „אייראָפּעאישע ביבליאָטעק“, וועלכע צייכענט זיך אויס מיט די מיזערנע איבערזעצונגען, האָט ער מיר ריכטיג געענטפערט, אַז ביי דעם נידריגען האָנאָראַר, וואָס עס בעקומט דער איבערזעצער, איז נישט מעגליך צו בעקומען גוטע קרעפטען.

ווען-נישט-ווען בעווייזט זיך ביי יודען אַ נייער פערלאַג, ווי למשל, „קולטור“, וואָס שטעלט זיך די אויפגאַבע צו געבען דעם לעזער נישט נאָר אַ שרייענדיגען שער-בלעטעל, נאָר אויך אַ גוטע איבערזעצונג פון אַ בערידהמטען ווערק, און דעמאָלט שטעלט זיך אַרויס, אַז ווען נישט די קמצנות פון פערלעגער — איז מעגליך צו בערייכערן דאָס אָרימע יודיש מיט אויסגעצייכענטע ביכער פון פרעמדע ליטעראַטורען. אין דעם פערלאַג „קולטור“ האָבען געאַרבייט ד"ר מאַרקאָוו, ש. ראָזענפעלד, א. רייזין, נאָמבערג, ד"ר לוריא און נאָך אַנדערע בעקאַנטע ליטעראַטען. און איינינע איבערזעצונגען פון דער „קולטור“ מעגען נאָך היינט גילטען פאַר אַ מוסטער ביי אונז.

נאָך פריהער (אין 1903) האָט זיך געגרינדעט אין פּעטערבורג אַ חברה, וואָס האָט גענומען אויף זיך צו בעזאָרגען דעם יודישען לעזער מיט מוסטער-גילטיגע איבערזעצונגען. מען האָט בעדשטאַנען דעם גרויסען ווערט פון אַ קינסטלערישער איבערזעצונג און געזוכט אין שטאַב פון די איבערזעצער צו בעקומען די ערשטע ליטעראַרישע קרעפטען. ליידער איז די התלהבות פון די איניציאַטאָרען באַלד קיהלער געוואָרען. פאַר די איינינע טויזענט רובל האָבען

זיי בעקומען אַ מולען פּאָרטפעל כּתבים, — האָבען אָבער נישט געהאַט די מיטלען די איבערזעצונגען צו דרוקען.

צוגלײַך מיט דעם קליינעם האָנאָראַר וויל מען איך פון דער וועלט-ליטעראַטור נאָר דאָס קליינע מעשה׳לע, די קורצע סקיצע. אונזערע מו״ל האָבען בײַנט גרעסערע ווערק. זיי זײַנען מאָדערנע מענשען, כּלומרשט, וואָס האָבען נישט ליב אַ ברייט-געשפּונענעם קינסטלער-ווערק.

די העברעאיסטען, וואָס האָבען אַ קלענערן ביכער-מאַרק, וואָס רעכענען זיך מיט אַ פיל בעגרעניצטערער צאָהל פון לעזער, פערמאָגען דאָך אַ פיל ברייטערע ליטעראַרישע קולטור, ווי די „יודישיסטען“.

די אַלגעמיינע עם-הארצות, וואָס מיר זעהען בײַ אונזערע פערלעגער בנוגע צו דער קאָרעקטור, זעהען מיר בנוגע צו דער איבערזעצונג. ער האָט קיין פערהעלטעניש נישט צו דעם ווערט פון בוך, וואָס ער גיט אַרויס, ער האָט קיין שום פעראַנטוואָרטונגס-געפיהל פאַר די „שמאַטעס“, מיט וואָס ער מאַכט ביזנעס און וואָס האָט איהם בישלעכווײַז געמאַכט פאַר אַ שענעם בעל-הבית.

און מוסטער-גילטיגע איבערזעצונגען זײַנען גראָד איצט פאַר אונז נויטיגער ווי אַליץ. אונזערע עלטערע ליטעראַטען, וועלכע האָבען אין ח׳י לעצטע 10—15 יאָהרען געשאַפען נײַע פאָרמען און בערײַכערט די שפּראַך — זײַנען שוין פ אַ ר ט י ג ע מענשען, קאָנען אונז נישט געבען מעהר קיין נײַעס. אַליץ, וואָס זיי שרײַבען היינט איז נאָר אַן א י ב ע ר ׳ ח ז ר ׳ ן די אַלטע טעמעס און קונסט-פאָרמען. די יודישע ליטעראַטור, וואָס איז איצט שעפעריש אָרים, מוז ווײַזען דעם אויסגעוואַקסענעם יודישען לעזער נײַע קונסט-פאָרמען, קינסטלערישע לעבענס-אויפפאַסונגען, מוז בערײַכערן זײַן פאַנטאַזיע מיט שענע ווערק פון אויסלענדישע קינסטלער. און הויפּטזעכליך מוז זי צוגעוועהנען דעם לעזער צו אַ ברייט-אָנגעלעגטער קונסט מיט אַ ברייטער רוים-פּערספּעקטיוו און טיפער צײַט-פּערספּעקטיוו. אונזער ליטעראַטור ביז איצט, בײַ אַל איהרער אָריגינאַליטעט, איז, מיט ווייניג אויסנאַמען, נאָר אַ ק ו נ ס ט - פ ל ע ק, אָהן אַ טיפערן הינטערגרונד, אָהן אַ געפיהל פאַר דער צ ײַ ט און איהר אייביגען פלוס.

און נעמען פֿאַר די איבערזעצונגען דאַרפֿען זיך גראָד די בעסטע ליטעראַטען פֿון אונזער צײַט. זיי, וואָס האָבען געהאָלפֿען שאַפֿען, פֿערשפּרייטען און רייניגען דעם יודיש, זיי האָבען אויך די פֿליכט זייער שאַפֿענס־קראַפֿט צו פֿערגרעסערן דורך דעם, וואָס זיי וועלען, פֿערשטעהענדיג טיף דעם גײַסט פֿון יודיש, אונז נאַטירליכערווײַז דערנעהנטערן צו די גרויסע ווערק פֿון דער וועלט־ליטעראַטור. י. ל. פּרץ האָט שוין פֿאַר מעהרערע יאָהרען דאָס אייגענע געפּרעדיגט צווישען די ליטעראַטען. און ווען פֿריהער איז דאָס געוועזען אפֿשר נישט אַזוי וויכטיג פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון דער יודישער ליטעראַטור; ווײַל דאָס יודישע לעבען האָט אונז אָנגעהויבען צו בעשענקען מיט א י י ג ע נ ע טאַלענטען, — איז דאָס איצט, ווען אין דער אָריגינעלער שאַפֿונגס־קראַפֿט פֿון דער יודישער ליטעראַטור איז געקומען אַ לענגערע פּויזע, — איינע פֿון די ערשטע אויפֿגאַבען, וואָס שטעהט אונז פֿאָר, און מען קאָן האָפֿען, אַז אין דעם יאָהר, ווען עס בילדעט זיך אַן אַקציען־געזעלשאַפֿט אויך אויסצובעסערן דאָס יודישע טעאַטער, וועט זיך אויך בילדען אַ געזעלשאַפֿט צו קעמפֿען קעגען אונזערע עם־הארצישע פֿערלעגער, וועלכע זײַנען אונז מהנה, לײַדער, מיט שלעכטע איבערזעצונגען און לײקענען אין דער נויטווענדיגקײַט פֿון אַ גוטען יודישען קאָרעקטאָר.

אינהאלט:

I. קריטישע שטודיעס:

דער קריטיקער (אָנשטאָט אַן איינלייטונג) . 5

די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע (אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק) 9

חיים נחמן ביאַליק 47

ז. שניאור 68

ווען מ. י. בערדיטשעווסקי שרײַבט יודיש . . 82

דער יודישער טעאַטער 96

II. ליטעראַרישע געשפּרעכען:

ד"ר יוסף לוריע 121

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי 126

ר' מרדכ'לע 131

יהואש, דער פאַבעל־דיכטער 136

תשרק'ס בעסטע ערצעהלונגען 146

נ. סאָקאָלאָוו 151

דער שטומער 157

נאָך אַלעמען 167

צום אָנדענקען פון אליקום צונזער 172

דער קאַרעקטאָר און איבערזעצער 175

ווילנער פערלאַג פון ב. א. קלעצקין.

סעריע-ווינטער 1913.

ש. אַש.—מעשה'לעך פון חומש באַנד I
בר. 75 ק. געב. 1 ר.

ש. אַש.—מערי
בר. 1,25 ר. געב. 1,55 ר.

ש. אַש.—ארץ ישראל
בר. 60 ק. געב. 85 ק.

מ. ריבקין.—דער וועליזשער בלוט-בלבול
בר. 1,25 ר. געב. 1,55 ר.

א. ווייטער.—דער שטומער
בר. 40 ק.

ע. שירער.—געשיכטע פון יודישען פאָלק אין צייט פון בית שני (2 בענדער)
בר. 2,50 ר. געב. 3 ר.

ד. בערגעלסאָן. — נאָך אַלעמען
בר. 1,50 ר. געב. 1,80 ר.

ד. בערגעלסאָן.—אַרום וואָקזאַל, 3-טע אויפלאַגע
בר. 50 ק. געב. 75 ק.

ד. איינהאָרן.—מיינע לידער
בר. 50 ק. געב. 75 ק.

ש. גאָרעליק.—די ליעבע פּראָווינץ
בר. 60 ק. געב. 85 ק.

ר. קיפּלינג.—דאָס בוך פון דזשאַנגל
געב. 2 ר. אין 8 איינצעלנע העפטען צו 20—30 ק.

בעל-מחשבות.— שריפטען באַנד III
בר. 1 ר. געב. 1,30 ר.

די גאַנצע סעריע: בר. 10 ר. געב. 13 ר. (אויסער פּאָרטאָ).
" " פאַר אַבאָנענט. פון „די יודישע וועלט"
בר. 9 ר. געב. 12 ר. (" "

ש. אַש. — שלמה נגיד, פּר. בר. 60 ק. געב. 90 ק.

ה. ד. נאָמבערג. — די משפחה, פּר. 40 ק.

ד. האָכבערג. — די נייע שול, פּר. געב. 50 ק.

ד. האָכבערג און ק. זשיטומירסקי. — מעטאָדישע אָנווייזונגען, פּר. 75 ק.

ל. ה. יפה. — דער שול-חבר, לערן-בוך פאַר 2-טען און 3-טען שול-יאָהר פּר. געב. 75 ק.

י. ל. פּרץ. — דער קונצען-מאַכער, פּר. 3 ק.

מ. ספּעקטאָר. — קינדער, פּר. 5 ק.

ש. פרוג. — דאָס שטייסעל, פּר. 5 ק.

בן-עמי. — פייוועל דער קליינער און פייוועל דער גרויסער, פּר. 5 קאָפּ.

דאָס יודישע וואָרט כרעסטאָמאַטיע 1 ט. 75 ק., II—III—1,25 ר

א. ווייטער.—אין פייער פּר. 35 ק.

" פאַר טאָג פּר 25 ק.

אַלע אויסגאַבען פון „קונסט-פערלאַג" קיעוו.

שריפטען פערלאַג „אַמעריקאַ. ב. I פּר. 1,20 ר. ב. II פּר. 2 ר.

ש. אַנ—סקי. שריפטען ב. I בראָשירט—1 ר. געב. 1,30 ר.

ח. זשיטלאָווסקי. שריפטען 4 בענד בראָש. — 7 ר.

ש. אַש. — דראַמעס ב I, בראָש.—1 ר. געב. 1.30 ר.

" " יפתח'ס טאָכטער בר. 40 ק.

" " די יורשים (דראַמע) בר. 60 ק.

אברהם רייזען אַהערגע-קלאַנגען (נייע לידער) בר. 80. — געב. 1.10 ר.

ב. אָרשאַנסקי אננא (דראַמע) 40 ק.

ח. נ. ביאַליק — מארינקאַ 30 ק.

ב. שאַפּיר—אברהמ'ל דער שוסטער 15 ק.

ז. שניאור—פּראָזע און לידער 15 קאָפּ.

אַלע אויסגאַבען פון „ליטעראַרישען פערלאַג", ניו-יאָרק.